STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01745

TOLSTOI

Romain Rolland

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראמען ראלאן

טאלסטאי

יידיש פון א. ערלעך

פארלאג ש. גאלדפארב
ווארשע 1926

Druk: G. Piment Warszawa Sierakowska 4

דאָס ליכט, וואָס איז נאָר-וואָס פאַרלאָשן געוואָרען, איז זיכער געווען פאַר די מענטשן פון מיין דור דאָס סאַמע אמת-דיקע, וואָס האָט באַלויכטן זייער יוגנט.

פון צווישן די שווערע שאָטנס פונם בין-השמשות, וואָס האָט געהערשט אינם סוף יאָרהונדערט, האָט עס אַרויסגעלויכטן ווי אַ טרייסטנדיקער שטערן, וועמענס אנבליק נאָר האָט צוגע-צויגן און באַרויקט אונזערע יוגנטלעכע נשמות.

אַלס איינער פון די — און זייער צאל איז געווען אַ גע-נוג גרויסע אין פראַנקרייך — פאַר וועמען טאָלסטאָי איז געווען פיל מער ווי אַ באַליבטער קינסטלער, נאָר אויך אַ חבר צו גלייך, דער בעסטער, אין פאר אַ סך דער איינציקער, אמת-דיקער חבר אין דער גאַנצער אייראָפּעישער קונסט — וואָלט איך וועלען ברענגען אָט דעם הייליקן אנדענקן מיין געפיל פון אנערקענונג און ליבע.

די טעג, אין וועלכע איך האָב אים קענען געלערנט, וועלן קיינמאָל נישט אויסגעמעקט ווערן פון מיין זכרון. דאָס איז געווען אין יאָר 1886.

נאָך עטליכע יאָר פון שטומען צעוואקסען זיך, האָבן די וואונדערלעכע בלומען פון דער רוסישער קונסט זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אויף דער פראַנצויזישער ערד. די איבערזעצונגען פון טאָלסטאָיען און דאָסטאָיעווסקין האָבן זיך מיט אַמאָל און מיט אַ פיבערדיקער שנעלקייט באַוויזן אין אַלע פארלאַגן.

אָנהויבנדיק פון 1885 ביז 1887 זענען אין פאַריז שוין געווען פאַרעפענטליכט: קריג און פרידן, אננא קארענינא, די קינדהייט און די יוגנט, דער טויט פון איוואן איליטש, די קאווקאזישע נאָוועלן און די פאָפולערע דערציילונגען.

אין אַ משך פון עטלעכע חדשים, עטלעכע וואָכן, האָט זיך פאַר אונדזערע אויגן אַנטפּלעקט אַ ווערק פון אַ אומגעהויער גרויסן פארנעם, אין וועלכן עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ נשמה פון אַ פאָלק, אַ גאַנץ נייע און אייגנארטיקע וועלט.

איך האָב דאַן נאָר וואָס געהאַט אַריינגעטרעטן אין דער נאָרמאַלער שולע.

איך און מיינע חברים האָבן זיך שטאַרק אונטערשיידעט איינער פונם אַנדערן.

אין אונדזער קליינע גרופּע, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען פּאַראייניקט אַזעלכע רעאַליסטישע און איראָנישע כאַ-ראַקטערן, ווי דער פילאָזאָף דזשאָרזש דיומאַ; פּאָעטן אינגאַנצן ברענענדיקע פון ליבע צום איטאליענישן רענעסאנס, ווי סויו-אַרע; טרייע און איבערגעגעבענע חסידים צו דער טראַדיציע פונם קלאסיציזם, שטיינדהאליסטן און וואגנעריסטן, אטעיסטן און מיסטיקער — האָבן זיך געפירט נישט ווייניק דיסקוסיעס איבער פאַרשידענע טעמעס און נישט ווייניק זענען געווען די

מיינונגס־פֿאַרשידנהייטן, נאָר אין אַ משך פֿון עטלעכע חדשים האָט אונדז כמעט אַלע פֿאַראייניקט די ליבע צו טאָלסטאָיען; יעדער פֿון אונדז האָט אים, אָן ספֿק ליב געהאַט צוליב אַן אַנדערער סבה, ווייל יעדער האָט אין אים געפֿונען זיך אַליין; און פֿאַר אַלע איז ער געווען די טיר, וואָס האָט זיך אויפֿגעעפֿנט אינם אין־סוף די גרויסע אַנטפּלעקונג פֿונם לעבן.

אַרום אונדז, אין אונדזערע פֿאַמיליעס און אין אונדזערע פּראָווינצן — אומעטום האָט די הויכע שטים, וואָס האָט אָפּגעשאַלט פֿון דעם צווייטן עק אייראָפּע, דערוועקט די זעלבע סימפּאַטיעס, אָפּטמאָל גאַנץ אומערוואַרטעט.

איך דערמאָן מיך נאָך יעצט מיין פֿאַרוואונדערונג, האָרכנדיק אַמאָל די בורזשויען פֿון מיין ניווערנע, וועלכע האָבן זיך קיינמאָל מיט קונסט נישט פֿאַראינטערעסירט און כמעט גאָרנישט געלייענט, רעדן מיט אַ איינגעהאַלטענער אויפֿרעגונג פֿון דעם טויט פֿון איוואַן איליטש, איך האָב געלייענט ביי גרעסטע קריטיקער די מיינונג, אַז טאָלסטאָי האָט די בעסטע פֿון זיינע געדאַנקען גענומען ביי אונזערע ראמאנטישע שרייבער: ביי זשאָרזש זאַנד און וויקטאָר הוגאָ.

נישט קריטיקירנדען אפֿילו די אוממעגלעכקייט פֿון דער מכלומרשטדיקער ווירקונג פֿון זש—זאַנד אויף טאָלסטאָיען, וועלכער ער האָט ליידן נישט געקענט, און נישט אָפּלייקנדיק די מער ווירקלעכע השפּעה, וואָס האָט געהאַט אויף אים רוססאָ און שטיינדהאַל, איז שוין דער עצם פֿאַקט פֿון צושרייבן אָט די אידעען די גרויס פֿון טאָלסטאָיען און די קראַפֿט פֿון זיין מעכטיקן כּשוף איבער אונדז—גענוג שלעכט געמיינט.

גראָד אין דעם אידעען־קרייז אין וועלכער ער האָט זיך באַוועגט, איז די קונסט געווען אַממייסטן באַגרענעצט. נישט אין זיי, אין די אידעען, איז באַשטאַנען זיין כּוח, נאָר אין

דעם אויסדרוק, וואָס ער האָט זיי געגעבן, אין דעם פּערזענלעכן אקצענט, אין דער קינסטלערשער פאַרב און אין דעם אראָמאַט פון זיין לעבן.

זאָל זיין, אַז טאָלסטאָי האָט זיינע אידעען געליהען אָדער נישט — דאָס וועלן מיר שפּעטער זעען — נאָר קיינמאָל האָט נאָך נישט אין איראָפּע זיך געהערט אַ שטים אַ ענלעכע צו זיינע.

ווי דען, אַנדערש זאָלן מיר פאַרשטיין דעם פאַרבאָרגענעם ציטער און די שטילע אויפרעגונג וועלכע מיר פילן, האָרכנדיק אָט די שטילע, נשמהדיקע מוזיק, אויף וועלכע מיר האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט און אין וועלכער מיר נויטיקן זיך אַזוי שטאַרק? די מאָדע איז קיינמאָל נישט געווען אונדזער סענטימענט. די גרעסטע טייל פון אונז האָט זיכער נישט געקענט, פּונקט ווי איך, דאָס בוך פון עאוגען-מעלכיאָר פון וואָגיוע איבער דעם רוסישן ראָמאַן, איידער ער האָט געהאַט געלייענט טאָלסטאָיען און זיין באַוואונדערונג פאַר אים איז אין באַצוג צו אונדזערער געווען אַ צו בלאַסע. מ. פון וואָגיוע האָט אים באַטראַכט קודם כל פאַרן גרויסן שרייבער. מיר אָבער, פאַר אונדז איז צו ווייניק געווען צו באַוואונדערן בלויז זיינע ווערק: מיר האָבען זיי אַדורכגעלעבט, זיי זענען געווען אונדזערע.

אונדזערע, דורך זיין הייסן לעבעדיקן אָטעם און דורך זיין פרישן יוגנטלעכן הויך. אונדזערע, דורך זיין לייכטן איראָנישן סקעפּטיציזם, זיין אומבּרחמנותדיקע אלזעעודיקע דורכדרינגלעכקייט און זיין אָפטן אומקערן זיך צום טויט. אונדזערע, דורך זיינע חלומות וועגן ברידערלעכע ליבע און אייביקן שלום צווישן די מענטשן. אונדזערע, דורך זיין שרעקלעכן באַשולדיגונגס-אַקט די פאַלשקייטן פון דער ציוויליזאציע; דורך זיין רעאליזם און דורך זיין מיסטיציזם, דורך זיין נאַטירלעכער

באַסטקייט, אויסערגעווייגלעכער לאָגיק און געפיל און דורך זיין גרויסן און אייביקן זוכן.

פאַר אַ סך פון אונדז זענען זיינע ווערק געווען, ווי ווער-טער פאַר זיין צייט: אַ גראַנדיעזער שפּיגל פון אונדזערע כוחות און שוואַכקייטן, פון אונדזערע האָפנונגען, זוכענישן און אַנ-טוישונגען.

מיר וועלן זיך אַפילו נישט באַמיִען צו געפינען אַן אויסגלייך צווישן די אַלע היפּאָטעטישע שטעלן אין זיינע ווערק און איבערהויפּט וועלן מיר נישט פּרובן אַריינעמען אַט די גרויסע קאָמפּליצירטע נשמה, אין וועלכער עס שפּיגלט זיך אָפּ די גאַנצע וועלט, און די ענגע ראַמען פון רעליגיע אָדער פּאָליטיק, ווי עס טון עס די לעצטע צייט די גרעסטע טייל פון די, וואָס רעדן וועגן טאָלסטאָיען—נישט זייענדיק פעיק צו באַפרייען זיך פון די פּאַרטייאישע אַרומרייסענישן, שלעפּן זיי אים אויך מיט אינעם קאַנאַל פון זייערע אייגענע ליידנשאַפטן און מעסטן אים אָפּ מיט דער מאָס פון זייער פּאַרטיי, דער סאָציאַליסטישער אָדער קלעריקאַלער.

גלייך אונדזערע פּאַרטייען וואָלטן געקענט זיין די מאָס פאַר אַ גאוניע! ... און וואָס גייט מיר אָן צו טאָלסטאָי איז געווען פון מיין פּאַרטיי, צי ניין! צי דאַרף איך דען וויסן צו וואָס פאַר אַ פּאַרטיי עס האָבן געהערט דאַנטע און שעקספּיר, כדי איך זאָל קאָנען אַריינאָטעמען זייער הויך און טרינקען זייער ליכט?

מיר זאָגן עס אונדז נישט ווי די הייַנטיקע קריטיקער: „עס איז דאָ צוויי טאָלסטאָיס, דער וואָס פאַר דעם איבער-ברוך און דער וואָס נאָך דעם איבערברוך דער אייגער איז גוט, דער אַנדערער נישט”, פאַר אונדז עקזיסטירט נאָר איינער, מיר האָבן אים ליב אָט אַזוי ווי ער איז אינגאַנצן, ווייל מיר

פילן אינסטינקטיוו, אַז אין אַזעלכע נשמות איז אַלץ געבונדען און געקניפּט.

דאָס וואָס אונזער אינסטינקט האָט געפילט ביז אַהער, נישט קענענדיק עס ערקלערן, וועלן מיר פּרובען היינט באַווייזן אויף אַ פאַרשטענדליכן אופן.

מיר גלויבן, אַז דאָס וועט זיך אונז איינגעבן צו טון גראָד יעצט, ווען דאָס דאָזיקע לאַנגע לעבן, שוין געקומענע צו זיין ברעג, האָט זיך אַנטפּלעקט, פאַר אונזער אַלעמענס אויגן אָן אַ שום שלייער מיט אַזאַ אָפנהאַרציקייט און נאַקעטקייט, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט.

דאָס, וואָס מאַכט אונז אַמייסטן שטוינען איז די אויסגע־האַלטנקייט פון זיין לעבן, וועלכעס איז געבליבן אין משך פון דער גאַנצער צייט איינס און דאָס זעלבע, נישט קוקנדיק אויף די אַלע שטרויכלונגען, וועלכע מען האָט אים געוואָלט אויפ־שטעלן אומעטום און נישט קוקנדיק אויף אים, טאָלסטאָיען, אַליין וועלכער, ווי יעדער ליידנשאַפטליכער מענטש, איז גענייגט גע־ווען צו מיינען, ווען ער האָט ליב געהאַט אָדער געגלויבט, אַז ער האָט ליב און אַז ער גלויבט צום ערשטן מאָל און עס באַטראַכט פאַר דעם אָנהויב פון זיין לעבן. דער אָנהויב, דער נייער אָנהויב. וויפיל מאָל איז אין אים פאָרגעקומען די זעלבע איבערברוכן און וויפל מאָל האָט ער געהאַט צו קעמפן מיט זיך אַליין!

עס קען קיין רייד נישט זיין איבער דער איינציקייט פון זיין געדאַנק — ער איז קיינמאָל איינציק נישט געווען — נאָר פון דעם שטענדיקן אָנטייל אין אים פון די זעלבע פאַרשידענע עלעמענטן, אַמאָל ענלעכע און אַמאָל פיינטליכע, מערסטנטיילס פיינטליכע.

די איינציקייט האָט קיינמאָל נישט געוווינט נישט אינם

אינטעלעקט און נישט אינם געפיל פון טאָלסטאָיען, זי איז נאָר געווען אינם קאַמף פון זיינע ליידנשאַפטן אין דער טראַגעדיע פון זיין שאַפן און פון זיין לעבן.

זיין שאַפן און זיין לעבן זענען איינס.

נאָך קיינמאָל נישט זענען ווערק געווען אַזוי ענג צוזאַמענגעבינדן מיטן לעבן פונם אויטאָר; זיי טראָגן כמעט אויסשליסלעך דעם כאַראַקטער פון אַן אויטאָביאָגראַפיע; אָנהויבנדיק פונם פינפאונצוואַנציקסטן יאָר אין זיין לעבן פאָלגן מיר אים נאָך כמעט כסדר, טריט נאָך טריט, אין אַלע געגנזעצליכע לעבנסדערפאַרונגען אויף זיין דרייסטן וועג.

זיין טאָג-בוך, וועלכן ער האָט אָנגעהויבן נאָך פאַר דעם צוואַנציקסטן יאָר אין זיין לעבן, און אים דערפירט ביז זיין טויט (1) און די באַמערקונגען, מיט וועלכע ער אַליין האָט באַזייען דאָס בוך פון בירוק און (2) דערגענצן נאָך די ידיעות און דערלויבן אונדז נישט נאָר צו לייענען כמעט טאָג-טעגלעך אינם געוויסן פון טאָלסטאָי, נאָר אויך אויפצולעבן די וועלט, וואו זיין גאוניע האָט די וואָרצלען גענומען און די נשמות, פון וועלכע זיין נשמה האָט איר יניקה געצויגן.

אַ רייכע ירושה, אַ דאָפּלטער ראַסע (טאָלסטאָי און וואָלקאָנסקי) זייער אַן איידעלע און אַלטע, וועלכע האָט זיך געריטמט מיט איר אפשטאַמונג פון רוריקן (3) און האָט געציילט אין אירע יחוס-בריוו קאָלעגן פון פעטער דעם גרויסן, גענעראַלן פונם זיבניעריקן קריג, העלדן פון די נאַפּאָלעאָנישע שלאַכטן, דעקאַבריסטן און פּאָליטישע פאַרשיקטע.

פון די זכרונות, וואָס ער האָט איבערגענומען פון זיין משפחה, האָט טאָלסטאָי געשאַפן די סאַמע אָריגינעלסטע טיפּן „מלחמה און שלום” ווי דער אַלטער גראַף באָלקאָנסקי, דער עלטער-זיידע פון זיין מאַמעס צד, איינער פון די לעצטע

פארשטייער פון דער אַריסטאָקראַטיע אין די צייטן פון דער דעספּאָטישער און וואָלטערישער קאַטערינע דער צווייטער; דער פּרינץ ניקאָלאַי גריגאָר, וויטש וואָלקאָנסקי, זיין מאַמעס אַ שוועסטערקינד, וועלכער איז פאַרוואונדעט געוואָרן ביי אויס-טערלעץ אין דער אַזוי אָנגעזייענער אויף דעם שלאַכטפעלד, אין די אויגן פון נאַפּאָלעאָנען, ווי דער פּרינץ אנדריי, זיין פאָטער, וועלכער האָט געהאַט געוויסע שטריכן, ענלעכע צו ניקאָלאַי ראסטאוו(4); זיין מוטער, די פּרינצעסין מאַריע, די איידעלע און מילדע פרוי מיט די שענע אויגן, וועמענס גוטס-קייט עס האָט באַלויכטן „מלחמה און שלום".

ער האָט אינגאַנצן נישט געקענט זיינע עלטערן.

די צויבערנדיקע מעשהלעך פון „די קינדהייט און יוגנט" שטימען, ווי עס איז באַוואוסט וויניק מיט דער ווירקלעכ-קייט.

זיין מוטער איז אים געשטאָרבן, ווען ער האָט נאָך נישט געהאַט קיין צוויי יאָר, ער האָט דעריבער זיך נישט געקענט דערמאָנען אין איר; ווען דער קליינער ניקאָלאַי אורטעניעוו האָט דורך אַ שלייער פון טרערן אַרויסגערופן אָט די געשטאַלט מיטן שיינענדיקן שמייכל, וואָס האָט צעגאָסן אַרום זיך כוואַליעס פון פרייד; „אַה! ווען איך וואָלט ווידער געקענט יעצט זעען אָט דעם שמייכל און מיינע שווערע מאָמענטען, איך וואָלט דאָן נישט געוואוסט וואָס דערייסס אַזוינס לייד"...(5) נאָר זי האָט אים אָן ספק, איבערגעגעבן איר אויסערגעוויינלעכע אָפנ-האַרציקייט, די פאַלקאָמע גלייכגילטיקייט צו דער אויסערלעכער מיינונג און די וואונדערלעכע מתנה, לויט ווי מען פאַרזיכערט, צו דערציילן די אויסגעקלערטע דורך איר אַליין געשיכטעס.

פון זיין פאָטער האָט ער צומווייניגסטן געקענט האָבן אַ פּאָר זכרונות.

דאָס איז געווען אַ מענטש זייער אַ ליבליכער און אַ ווערטל־זאָגער מיט טרויעריקע אויגן. ער האָט געלעבט אינגאַנצן אומאפהענגיק פון יעדן און האָט נישט געהאַט קיין שום געפיל פון אַמביציע.

טאָלסטאָי איז אַלט געווען ניין יאָר, ווען ער האָט אים פאַרלוירן. דער טויט פון זיין פאָטער האָט אים געגעבן די מעגליכקייט צו פאַרשטיין צום ערשטען מאָל די אמתע ליידן און האָט אָנגעפולט זיין נשמה מיט פאַרצווייפלונג[61] — די ערשטע באַגעגעניש פון אַ קינד מיטן שאָטן פון שרעק, אויפן קאמפף מיט וועלכן טאָלסטאָי האָט אַוועקגעגעבן די ערשטע טייל פון זיין לעבן, און אין דער צווייטער טייל שוין באַזונגען אים, געוויינלעך אין אַן איבערגעאנדערשטער פאָרם... די שפור פון אָט דעם טיפן טרויער איז צו באַמערקן אין עטלעכע נישט פאַרגעסלעכע שטריכן, וועלכע זענען צעוואָרפן אין די לעצטע קאַפּיטלען פון „די קינדהייט", ווי די זכרונות זענען דורך אים איבערגעטראָגן געוואָרן אין דער שילדערונג פון זיין מאַמעס טויט און קבורה.

איבערגעבליבן זענען זיי פינף קינדער אין דער אַלטער שטוב פון יאסנאיא פּאָליאנא (?) ווי לעוו ניקאָלאַיעוויטש איז געבוירן געוואָרן דעם 28 אויגוסט 1828 און וועלכע ער האָט פאַרלאָזט נאָר אַ דאַנק דעם טויט 82 יאָר שפּעטער.

די סאַמע ייִנגסטע איז געווען זיין שוועסטער מאַריע, וועלכע איז אויף דער עלטער געוואָרן זייער פרום. ביי איר האָט זיך עס טאָלסטאָי געפונען זיין מקום מנוחה פאַרן טויט, ווען ער איז אַנטלאָפן פון זיין שטוב און פון די אייגענע פיר ברידער)—סערגיי, דער שטאָלצער און שענער, „דער אפנהער־ציקער ביז אין אַזאַ מדרגה, צו וועלכער איך האָב נאָך קיינעם נישט געזעען דערגרייכן"—דימיטרי, דער ליידנשאַפטלעכער און

אָפּגעזונדערטער, וועלכער האָט שפּעטער, שוין זייענדיק אַ סטו-
דענט, זיך גענומען פירן אַ נזיר׳יש אַרט לעבן, נישט נעמענדיק
אין אַכט קיינעמס מיינונג, ער האָט געפאַסט, אויפגעזוכט די
אָרעמע און אויפגענומען די שלאָפע און שוואַכע, דערנאָך ווי-
דער פּלוצלונג זיך צוריקגעוואָרפן אין די אָרעמס פון דער אויס-
געלאַסנקייט, און מיטן זעלבן ברען באַלד ווידער זיך אויפגעגעסן
פון חרטה און אויפגענומען ביי זיך אַ מיידעל, מיט וועלכער
ער האָט זיך באַקענט אין אַן עפענטלעך אָרט. און צולעצט
איז ער געשטאָרבן פון שווינדזוכט צו ניין און צוואַנציק יאָר[8];
ניקאָלאַי, דער עלטסטער, דער אַממייסטן באַליבסטער ברודער,
וועלכער האָט גערישנט פון דער מוטער די רייכע פאַנטאַזיע
צו דערציילן מעשהלעך,[9] אַן איראָנישער, אַ שעמעוודיקער
און איידעלער, שפּעטער אַן אָפיציר אין קאַווקאַז, ווי ער האָט
באַקומען די געוואוינהייט אַ ביסל צו טרינקען; ער איז אויך
געווען פול מיט קריסטליכע ליבע. געלעבט אינאיינעם מיט די
דאָרטיקע איינוואוינער אין די היילן און געטיילט זיך מיט אַלץ
וואָס ער האָט פאַרמאָגט.

טורגעניעוו האָט וועגן אים געזאָגט „אַז ער האָט אָנגע-
ווענדט דירעקט אין לעבן די באַשיידנקייט, וועלכער זיין ברודער
לעוו טאָלסטאָי, האָט אַנטוויקלט בלויז אין דער טעאָריע".

ביי די יתומים זענען געווען צוויי גרויסמוטיקע פרויען:
די מומע טאַטיאַנאַ[10] „וועלכע האָט געהאַט צוויי מעלות, ווי
טאָלסטאָי זאָגט: די רואיקייט און די ליבע" דאָס גאַנצע לעבן
אירס איז געווען בלויז ליבע. זי האָט זיך אויפגעאָפּפערט אָן אַן
אויפהער. „זי האָט מיר אויסגעלערנט צו פאַרשטיין דעם גייסטיקן
פאַרגניגן פון ליב האָבן..."

די צווייטע איז געווען די מומע אַלעקסאַנדרע, וועלכע
האָט שטענדיק יעדן באַדינט און אויסגעמיטן מען זאָל איר באַדי-

נען. איר באַליבסטע באַשעפטיגונג איז געווען לייענען ד לעבנס־באַשרייבונגען פון די הייליקע און די שמועסן מיט די פּיליגרימען און פאַרשידענע קריפּלען, פיל פון די קריפּלען האָבן זיך אויפגעהאַלטן טאַקי אין איר שטוב.

איינע פון זיי, אַן אַלטע פּיליגרימקע, וועלכע פלעגט האַלטן אין איין זאָגן תהלים, איז געווען די טויף־מוטער פון טאָלסטאָיס שוועסטער. אַן אַנדערער, דער קריפּל גרישא, האָט געוואוסט נאָר צו בעטן און צו וויינען:..

„אָ דו גרויסער קריסט, גרישא! דיין גלויבן איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז דו האָסט געפילט דיין נאָענטקייט צו גאָט, דיין ליבע איז געווען אַזוי פלאַמענדיק, אַז זיינע ווערטער זענען פון זיך אַליין פון די לעפצן אַראָפּ, אָן דעם אַז דער שכל דיינער זאָל זיי האָבן קאָנטראָלירט. און ווי האָסטו געלויבט זיין גרויסקייט. ווען, נישט געפונענדיק קיין ווערטער, האָסטו אינגאַנצן אין טרערן זיך אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד...“[11]

ווער זעט נישט דעם אנטייל וואָס די אַלע באַשיידענע נשמות האָבן געהאַט אין דער אויסבילדונג פון טאָלסטאָען? אין אייניקע פון זיי מערקט זיך שוין אפילו אָן און זעט זיך אַרויס דער שפּעטערדיקער טאָלסטאָי.

זייערע תפלות, זייער ליבע האָבן אין זיין קינדערשן האַרץ אריינגעוואָרפן די ערשטע קערנדלעך פון גלויבן, פון וועלכע טאָלסטאָיס עלטער איז געווען דער אויפגאַנג אין דער צייט פון זייער שניט.

אויסער דעם קריפּעל גרישא, דערמאָנט טאָלסטאָי אין זיינע דערציילונגען פון דער קינדהייט, קיינעם נישט פון די באַשיידענע מיטאַרבייטער, וועלכע האָבן אים געהאָלפן אויסבילדן זיין נשמה.

גאָר אַלס פאַרגיטיגונג, ווי זעט זיך אַדורך אָט די קינ-

דערשע נשמה אין זיין גאַנצן בוך, „דאָס ריינע און ליבע האַרץ, דער קלאָרער שטראַל, וועלכעס געפונט שטענדיק אויס ביי אַנ־דערע זייערע בעסטע מעלות״, די שטאַרקסטע צערטליכקייט! זייענדיק גליקליך, האָט ער געקלערט פון דעם איינאונאיינציקן מענטשן, וועלכן ער האָט געקענט אַלס אומגליקליכן. ער האָט געקלאָגט און געלעכצט זיך אינגאַנצן אויפּאָפּפערן פאַר אים.

ער האָט געהאַלדזט אַן אַלטן פערד און געבעטן ביי אים פערצייאונג, טאָמער האָט ער אים אַמאָל וויי געטון. ער איז געווען גליקליך ליב צי האָבן, נישט זייענדיק אפילו געליבט.

שוין איז צו באַמערקן די זוימען פונם צוקונפטיקן געניע: ויין פאַנטאַזיע, וועלכע מאַכט אים וויינען ביי זיינע אייגענע געשיכטעס, זיין מוח איז שטענדיק פאַרנומען, שטענדיק זוכט ער צו באַקלערן דאָס וואָס די מענטשן דענקן, זיינע צו פרייע פעיקייטן צום אָבסערווירן און געדענקען(12), דער אויפמערק־זאַמער בליק, וואָס פאָרשט אויס די מענטשן, זייער טרויער און די אמתע סבות פון זייער וויי.

צו פינף יאָר האָט טאָלסטאָי דערפילט צום ערשטן מאָל „אַז דאָס לעבן איז וויט נישט קיין שפּילעכל נאָר אַן אַרבעט זייער אַ שווערע״.(13)

צום גליק האָט ער פאַרגעסן אין דעם.

אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך מיט אינטערעס אי־בערגעגעבן צו די פאָלקס-לעגענדעס, צו די רוסישע „בילינעס״— אָט די מיסטישע און לעגענדאַרישע מעשהלעך צו די ביבלישע דערציילונגען—איבערהויפּט צו דער געשיכטע פון יוסף׳ן, וועלכן די ברידער האָבן פאַרראַטן און אויף וועלכער ער פלעגט שטענ־דיק, אַפילו שוין אין די עלטערע יאָרן, אָנווייזן, ווי אויף אַ מאָ־דעל פון קונסט, און צו די מעשהלעך פון „טויזנט און איין נאַכט״, וועלכע עס פלעגט דערציילן אין יעדן אָוונט אַן אַלטער בלינ־

דער, ויצנדיק אויפן פע־סטער.

שטודירט האָט ער אין קאָוזאָן.(14) און אין זיינע שטודיעס האָט ער דערגרייכט אַ מיטלמעסיקן ערפאָלג, מען האָט געשמועסט וועגן די דריי ברידער, (15) אַז „סערגיי וויל און קאָן, דעמיטרי וויל און קאָן נישט, לעאָן וויל נישט און קען נישט.“

ער איז דעמאָלט דורכגעגאַנגען דורך דעם, וואָס ער רופט אָן „דער מדבר פון בגרות“. אַ זאַמדיקער מדבר, וואו עס בלאָזט אין שטורעמט דער הייסער ווינט פון שגיון. אין דעם פעריאָד זענען זיינע דערציילונגען פון „בגרות“ און באַזונדערס פון „יוגנט“ רייך אין אינטימע ודוי־שטעלן. ער איז איינזאַם. זיין מוח געפונט זיך דאַן אין אַ שטענדיקן פיבערדיקן צו־שטאַנד.

אין משך פון איין יאָר פרובט ער אויס אויף זיינע אייגענע פלייצעס אַלע פילאָזאָפישע סיסטעמען.(16) די סטאָאישע— און ער נעמט אויף זיך פיזישע ענויים. די עפיקורעישע — וואַרפנדיק זיך אין די אָרעמס פון די אויסגעלאַסנקייט.

שפּעטער הויבט ער אָן קלערן פון גלגול-הנפש. און ענדיקן ענדיקט ער מיטן פאַלשן ניהיליזם: אים דוכט זיך אַלץ, אַז ווען ער זאָל זיך מיט אַ געבוגנדיקער געשווינדקייט אויסדרייען, וואָלט ער זיך געטראָפן אויג אויף אויג מיט פוסטקייט. ער האַלט אין איין אַנאַליזירן זיך אַליין...

„איך האָב שוין מער נישט געקלערט וועגן איין זאַך, איך האָב געקלערט, אַז איך קלער וועגן עפּעס...“(17)

אָט דאָס שטענדיקע אַנאַליזירן, אָט די רעזאָניר־מאַשין, וואָס האָט זיך געדרייט אין דער לערקייט, האָט אים איבערגעלאָזט אַ שעדליכע געוואוינהייט, וועלכע. ווי ער זאָגט, האָט אים אָפּט געשטערט אין לעבן, זי איז אָבער גלייכצייטיק אויך געווען דער נישט־אויסגעשעפּטער קוואַל פאַר זיין קונסט.(18)

אַ דאַנק אַט דער פּלפּול-שפּיל, ד'האָט ער פאַרלוירן אַלע זיינע איבערצייגונגען, ווייניקסטנס האָט ער אַזוי געמיינט. צו זעכצן יאָר האָט ער אויפגעהערט צו דאַוונען און צו גיין אין קלויסטער.(19) דאָך איז זיין גלויבן נישט געווען אָפּגעטויט, ער איז נאָר געווען טיף-טיף באַגראָבן אין אים:

„דאָך האָב איך געגלויבט אין עפּעס. אין וואָס? כ'האָב עס נישט געקאָנט זאָגן. איך האָב נאָך געגלויבט אין גאָט, אָדער בעסער געזאָגט, כ'האָב נישט געלייקנט אין אים. נאָר וואָס פאַר אַ גאָט? כ'האָב עס נישט געוואוסט. נאָך מער האָב איך נישט געלייקנט אין יעזוסן און אין זיין תורה, נאָר אין וואָס באַשטייט זיין תורה, האָב איך אויך נישט געקענט זאָגן.״(30)

ציידנווייז האָט אים באַהערשט אַ מאַניע פון אויסערגע-וויינליכער גוטהאַרציקייט. האָט ער געוואָלט פאַרקויפן זיין שפּאָן, דאָס געלד צוטיילן אָרימע, אַוועקשענקען אַ צענטל חלק פון זיין פאַרמעגן און זיך באַגיין אָן אַ דינערשאַפט... „ווייל זיי זענען דאָך פּונקט אַ זעלכע מענטשן ווי איך״(21) זייענדיק אַמאָל שלאָף,(22) האָט ער אינם שלאָפקייט אָנגעשריבן „די געזעצן פונם לעבן״.

ער האָט באַאיוו גענומען אויף זיך אַלס אַ חוב אַלץ אויסצופאָרשן און צו לערנען: רעכט, מעדיצין, שפּראַכן, ערד-אַרבעט, געוויכטע, געאָגראַפיע, מאַטעמאַטיק, דערגרייכן די העכ-סטע פאָלקאָמענהייט אין מוזיק און אין מאַלעריי און אַז. וו. ער האָט געהאַט די איבערצייגונג, אַז „דעם מענטשנס ציל איז אומאויפהערליך זיך צו פאַרפאָלקאָמען.״

נאָר נישט פילנדיק, אונטערן דרוק פון די יוגנטליכע ליידנשאַפטן, געוואַלטיקער פילבאַרקייט און אומבאַגרענעצטער איינגליבע,(23) האָט זיין גלויבן אין פאַרפאָלקאָמונג געביטן, די ריכטונג, פאַרלוירן דעם פריערדיקן אָביעקטיוון כאַראַקטער און

געוואָרן פּראַקטיש און מאַטעריעל.

אויב ער האָט געוואָלט פאַרפאָלקאָמען זיין ווילן, זיין קערפּער און גייסט, איז עס געווען נאָר אום צו באַזיגן די וועלט און צו געווינען איר סימפּאַטיע צו זיך. (24) ער האָט געוואָלט געפעלן.

דאָס איז געווען נישט פון די גרינגע זאַכן.

ער איז דעמאָלט געווען מיאוס ווי אַ מאַלפּע, געהאַט אַ פאַרגרעבט, לאַנג און שווער פּנים, נידריקע און האַרטע האָר, איינגעגראָבענע קליינע אויגן, וואָס האָבן געקוקט אויף אייך מיט אַ קאַלטער שטרענגקייט, אַ ברייטע נאָז, גראָבע אויס-געסטאַרטשעטע ליפּן און גרויסע אויערן.(25)

נישט קענענדיק זיך אַליין אָפּנאַרן אויף דער אייגענער מיאוסקייט, וועלכע האָט אים נאָך קינדווייז פאַרשאַפט גרויס עגמת-נפש איז געווען די סבה פון ליבע אנטוישונגען, (26) האָט ער כאָטש געוואָלט אין לעבן פאַרקערפּערן מיט זיך דעם אי-דעאַל פון אַ מענטשן comme il faut (27) אָט דער דאָזיקער אידעאַל צו זיין ענלעך אויף די אַנדערע comme il faut האָט עס אים דערפירט צו שפּילן, פאַרשולדיקן זיך און צו אָנהויבן אינגאַנצן פירן אַן אויסגעלאַסן לעבן. (28)

גערעטעוועט האָט אים כסדר נאָר דאָס, וואָס ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אַבסאָלוטער אפנהאַרציקייט.

— ווייסט איר פאַרוואָס איך האָב אייך ליב מער ווי די אַנדערע? — זאָגט נעכלאדאוו צו זיין חבר — איר באַזיצט אַ וואונ-דערלעכע און זעלטענע מעלה: די אפנהאַרציקייט

— יאָ, איך זאָג שטענדיק אַזעלכע זאַכן, וועלכע איך וואָלט מיר אַליין געשעמט צו פאַרטרויען.(29)

אין די מינוטן פון סאַמע ערגסטער אויסגעלאַסנקייט, האָט ער זיך אַליין געמשפּט מיט אַן אומבּרחמנותדיקער ניכ-

טערקייט.

„איך לעב אַ פאָלקאָם נידערטרעכטיק לעבן, שרייבט ער אין זיין טאָג בוך, איך בין אינגאַנצן געפאַלן".

און אַ דאַנק זיין מאניע צו גריבלען זיך, פארצייכנט ער מיט אַ פעדאנטישער פינקטלעכקייט אַלע סבות וועלכע האָבן אים געבראַכט דערצו:

1) נישט אַנטשלאָסנקייט אָדער מאנגעל פון ענערגיע—2) זעלבסטנאַרעריי—3) איבערגעפלויגנקייט—4) געקינסטלטע בושה—5) שלעכטע שטימונג—6) צומישטקייט—7) דער ווילן נאָכצומאַכן יענעם —8) נישט געשטעלטקייט —9) דאָס נישט באַדענקן זיך.

די זעלבע אומאָפהענגיקייט פון זיין געדאַנק, האָט אים דערפירט נאָך זייענדיק אַ סטודענט, צו קריטיקירן די סאציאַלע באַדינגונגען און סכאלאסטישע פיליסטערנישע קליינלעכקייטן.

ער האָט אויסגעלאַכט דאָס מכלומרשטע וויסן, וואָס מען קען אַרויסטראָגן פונם אוניווערסיטעט און האָט זיך געבראַכט ביז אין געפענגניש מיט דעם דרייסטקייט פון זיין געדאַנק. צו דער צייט האָט ער זיך באַקענט מיט רוסאָ: קאָנפעסיאָן, עמיל, דאָס איז געווען פאַר אים ווי דער שיין פון אַ בליץ.

„כ'האָב אים אָפגעגעבן דעם כבוד פון אַן הייליקן. אויף מיין האַלדז האָב איך זיין בילד געטראָגן. ווי דאָס בילד פון אַ הייליקן". (30)

זיינע ערשטע פילאָזאָפישע עסייען, זענען געווען קאָמענטארן צו רוסאָ (1846—7) פאַרמיאוסנדיק דעם אוניווערסיטעט און די מענטשן „comme il faut" האָט ער זיך אומגעקערט צוריק צו זיינע פעלדער, אין יאסנאיא פאליאנא (1847=1851), ער האָט צוריק אָנגעקניפט באַציאונגען מיטן פאָלק; געשטעלט זיך אַלס אויפגאַבע אים קומען צו הילף, ווערן זיין וואָלטעטער

און לערער.

זיינע דערפארונגען פון דער צייט גיט ער איבער אין איינעם פון זיינע ערשטע ווערק „דער פרימאַרגן פון אַ גוט־באזיצער“ (1852), אַן אויסגעצייכנטע נאָוועלע, וועמענס העלד עס טראָגט זיין שטענדיק באַליבטן נאָמען, דער פירשט נעכ־ליודאוו.(31)

נעכליודאוו איז אַלט צוואַנציק יאָר, ער פערלאָזט דעם אוניווערסיטעט, כדי זיך אינגאַנצן צו ווידמען די פויערן. אָט איז שוין אַ יאָר פאַריבער, אַז ער אַרבעט כדי צו פאַרבעסערן זייער לאַגע; און באַזוכנדיק איינמאָל דאָס דאָרף, זעען מיר אים, ווי ער שלאָגט זיך אָן און אַ בעטלדיקער גלייכגילטי־קייט, אין אַ איינגעוואָרצלטע אומגלויביקייט, אין אַ רוטין, אין אַ זאָרגלאָזיקייט, אויסגעלאַסנקייט און אומדאַנקבאַרקייט.

אַלע זיינע אָנשטרענגונגען זענען אומזיסט.

ער קערט צוריק אַן אנטוישטער און חלומט פון זיינע פאַנטאַזיעס, וועלכע ער האָט געהאַט אין משך פון אַ גאַנץ יאָר, פון זיין ענטוזיאַזם, פון „זיין נאאיוון גלויבן, אַז די ליבע און גוטהאַרציקייט זענען דאָס גליק און דער אמת, דער איינ־ציקער גליק און דער איינציגער אמת, וואָס איז מעגלעך אויף דער וועלט“. ער דערפילט זיך באַזיגט; פאַרשעמט און מיד.

אַ נידערזעצנדיק זיך ביי דער פיאַנינאָ, האָט זיין האַנט אומבאַוואוסטזיניק באַרירט די קלאַווישן. עס האָט זיך דערהערט איין אַקאָרד, דערנאָך אַ צווייטער, אַ דריטער... ער האָט אָנגע־הויבן שפּילן.

די אַקאָרדן זענען געווען נישט אינגאַנצן ריכטיק; אָפּט־מאָל זענען זיי געווען אַזוי געוויינלעך ביז באַנאַליטעט און זיי האָבן נישט דערציילט פון קיין שום מוזיקאַלישן טאַלענט;

נאָר ער האָט געפונען אין זיי אַן אומבאַשטימטע, טרויעריקע הנאה.

מיט יעדן אַנדערן אַקאָרד ד'האָט ער מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ, ערוואַרט עפּעס נייעס און האָט נעפּעלהאַפּט דערגענצט אין זיין פאַנטאַזיע די פעלערן, וואָס ער האָט געמאַכט. איםם האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער הערט אַ כאָר, אַן אָרקעסטער צוגעפּאַסט צו זיין שטימונג... און זיין גרויסער ווילן, פאַר-שטאַרקט דורך דער פאַנטאַזיע, האָט איהם אַרויסגערופן אויף וואָר, כאָטש נישט געבונדן, דאָך מיט אַ וואונדערלעכער קלאָר-קייט, פאַרשידענע בילדער און סצענעס פון זיין פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט...״

ער זעט ווידער די חסרונות-פולע, אומגלויביקע, פאַלשע, פוילע און פאַרהאָרוועטע פויערן, מיט וועלכע ער האָט נאָר וואָס געשמועסט; נאָר דאָס מאָל דערזעט ער דאָס גוטע, וואָס איז דאָ אין זיי און נישט דאָס פעלערהאַפטע; מיט דער הילף פון אינטואיטיווער ליבע דרינגט ער אַריין אין זייער האַרץ; לייענט אַרויס דעם געדולד זייערן, דעם בטול צום אייגענעם גורל, וואָס דריקט זיי אַזוי, זיי פאַרגעבן די אומרעכט, וואָס מען טוט זיי, זייער צוגעבונדנקייט צו דער פאַמיליע און די פרומע ליבע צום עבר. ער פאַרקלערט זיך איבער זייער שווערער געזונטער אַרבעט...

„דאָס איז שען, שעפּטשעט ער... פאַר וואָס בין איך נישט איינער פון זיי?״ (32)

אין דעם העלד פון אָט דער ערשטער נאָוועלע (33) איז שוין דאָ טאָלסטאָי אינגאַנצן: זיינע ערלעכע ווזיעס און שטענ-דיקע אילוזיעס.

ער האָט באַאָבאַכטעט די מענטשן מיט אַן אויסערגעוויינ-לעכן רעאַליזם; נאָר באַלד ווי ער האָט פאַרמאַכט די אויגן,

האָבן זיך זיינע חלומות צוריקגעקערט צוזאַמען מיט זײַן ליבע צו די מענטשן.

נאָר טאָלסטאָי, אין יאָהר 1850 האָט געהאַט ווייניקער גע־דולד פון נעכליודאָוון.

יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ האָט אים געצויגן צו זיך; ער איז גע־ווען מיד און אים האָט זיך דערעסן, ווי דאָס פּשוטע פאָלק, אַזוי די הויכע געזעלשאַפט; אים איז שווער געוואָרן זיין ראָל: ער האָט דאָס מער נישט געקאָנט איבערטראָגן.

דערצו נאָך האָבן איהם כסדר פאַרפאָלגט זיינע קרעדי־טאָרן.

אין יאָר 1851, איז ער אַנטלאָפן קיין קאַווקאַז, אין דער אַרמעע, צו זיין ברודער ניקאָליי, דעם אָפיציר.

ווען ער איז שוין נאָך אַלע שוועריקייטן געקומען אַהין אין די רואיקע בערג, האָט ער זיך באַהערשט; ער האָט צוריק געפונען גאָט:

„די לעצטע נאַכט [34] בין איך קוים געשלאָפן... איך האָב זיך גענומען בעטן גאָט.

מיר איז אוממעגלעך צו באַשרייבן דעם פאַרגעניגן פון דעם געפיל, וואָס איך האָב דורכגעלעבט, בעטנדיק.

צום ערשטן האָב איך געזאָגט די געוויינלעכע תפלות, און דערנאָך בין איך נאָך געבליבן אַ לאַנגע צייט און געבעטן.

איך האָב פאַרלאַנגט עטוואָס זער גרויסעס, זער שענעס... וואָס? איך האָב עס נישט געקאָנט זאָגן.

מיר האָט זיך געוואָלט צונויפגיסן מיטן אין־סוף, איך האָב אים געבעטן מוחל זיין מיר מיינע זינד... נאָר ניין, איך האָב אים גאָר נישט געבעטן, איך האָב געפילט, אַז נאָכדעם ווי ער האָט מיר געשענקט אַזאַ גליקליכע מינוט, האָט ער מיר שוין במילא מוחל געווען.

איך האָב געבעטן, און אין דער זעלבער צייט האָב איך געפילט, אַז איך האָב נישט גאָרנישט, וואָס צו בעטן און אַז איך קען נישט, איך ווייס נישט, ווי צו בעטן.

איך האָב אים געדאַנקט, נאָר נישט אין ווערטער, נישט אין געדאַנק... קוים איין שעה איז פאַרפלאָסן, ווי איך האָב ווי־דער פאַרנומען דאָס קול פון זינד.

איך בין אַנטשלאָפן, חלומדיק פון כבוד און פרויען.—דאָס איז געווען פול שטאַרקער פון מיר. קיין אומגליק!

— איך דאַנק גאָט פאַר דער מינוט פון גליק, פאַר דעם, וואָס ער האָט מיר געוויזן מיין קליינלעכקייט און מיין גרויס־קייט.

איך וויל בעטן, נאָר איך ווייס נישט; איך וויל פאַרשטיין, נאָר איך האָב נישט די דרייסטקייט.

„איך גיב זיך איבער דיין ווילן (35).“

דאָס קערפערלעכע איז געבליבן נישט באַזיגט (ער האָט עס קיינמאָל נישט געקענט טון); אין דער טיפעניש פון זיין האַרץ האָט זיך ווידער געצויגן דער קאַמפף צווישן די ליידנ־שאַפטן און גאָט.

טאָלסטאָי פאַרצייכנט אין זיין טאָג־בוך דריי דעמאָנען, וועלכע פאַרצערן אים:

1) „די ליידנשאַפט צו שפּילן“ אַ קאַמפף לויט די כוחות.

2) „די תאוה“ אַ קאַמפף זייער אַ שווערער.

2) „די גאוה“ דער שרעקלעכסטער פון אַלע.

אין דער זעלבער צייט, ווען ער טרוימט פון אַ לעבן צוליב אַנדערע און פון אויפאָפּפערן זיך פאַר יענעם, אים באַאומרואיקן אומריינע און קליינלעכע געדאַנקען: דאָס געשטאַלט פון אַ וועל־כע ס׳איז־נישט־איז קאָזאַקישע פרוי, אָדער „אַן אַנטוישונג, וואָס... די לינקע וואָסנע איז העכער פון דער רעכטער“ (36) „נאָר

דאָס אַלץ איז נישט וויכטיק׳ עס איז דאָ אַ גאָט און ער וועט אים שוין נישט פערלאָזן.

שוין דער קאַמפף אַליין, וואָס האָט אויפגעברויזט אין זיין האַרץ, איז געווען פּרוכטבאַר פאַר אים — ער האָט אויפגעוועקט אין אים אַלע פאַרבאָרגענע כּוחות פון זיין לעבן.

„איך גלויב, אַז דער מאָדנער געדאַנק צו פאָרן קיין קאווקאז, איז מיר שוין געווען געגעבן פון אויבן, גאָטס האַנט האָט מיך געפירט, און איך הער אים נישט אויף צו דאַנקן דערפאַר. איך פיל, אַז איך בין דאָ בעסער געוואָרן... און איך בין פעסט איבערצייגט, אַז אַלץ וואָס עס קען נאָך מיט מיר פאַסירן, וועט זיין פאַר מיין וואוילזיין, ווייל גאָט אַליין וויל דאָס אַלץ״...(37)

דאָס איז אַ שבח און אַ לויב געזאַנג פון דער ערד פאַרן פרילינג. זי באַקליידט זיך אינגאַנצן מיט בלומען, אַלץ איז גוט אַלץ איז שען.

אין יאָר 1852 האָט דער געניע פון טאָלסטאָי אונדז געשענקט זיינע ערשטע בלומען: „די געשיכטע פון מיין קינדהייט״ „אַ פרימאָרגן פון אַ גוטסבאַזיצער״, „אַן אָנפאַל״, און „בגרות״, און מ׳דאַנקט דעם גייסט פונם לעבן, וואָס האָט אים באַפרוכטפערט.

די „געשיכטע פון מיין קינדהייט״, האָט ער אָנגעהויבן שרייבן אין הערבסט פון יאָר 1851 אין טיפליס, און פאַרענדיקט דעם 2-טען יולי 1852 אין פיאַטיגאָרסק אויף קאווקאַז. מערקווירדיק איז, וואָס אויף דער שויס פון אַ געגנד, וואָס האָט אים פאַרשיכורט, אין דעם אומגעבונג פון אַ ביי לעבן, אין סאַמע מיט פון גרויסע מלחמה-געפאַרן, אינגאַנצן פאַרכאַפּט פונם געדאַנק צו אַנטדעקן אַ וועלט ביז איצט אים נאָך נישט באַוואוסטע פון כאַראַקטערן און ליידנשאַפטן, האָט טאָלסטאָי

גראָד דעמאָלט צוריקגעקערט, און אָט דעם ערשטן העריק זיינעם צו די זכרונות פון זיין פאַרגאַנגענהייט.

נאָר אין דער צייט ווען ער האָט געשריבן זיין „געשיכטע פון דער קינדהייט", איז ער, צוליב אַ שלאַפקייט, פּלוצלונג אָפּגעשטעלט געוואָרן אין זיין מיליטערישער אַקטיוויטעט; און ציענדיק אַזוי די לאַנגע און פרייע שעהן פון זיין צוריקקערן צום געזונד, אַ פאַראייבזאַמטער און ליידנדיקער, איז ער איינגאַבנצן פאַרזונקען אין סענטימענטאַלע שטימונגען, און פאַר זיינע אויגן האָט אויפגעטויכט די פאַרגאַנגענהייט אין אַ באַזונדער מילדער און רירנדיקער פאָרם. [38]

נאָך דעם, ווי זיינע כוחות האָבן זיך אים אויסגעשעפּט פון צופיל אָנשטרענגען זיך אין די לעצטע בישט פרייבטלעכע יאָרן, איז אים באַזונדער אַנגענעם געווען אויפצולעבן אין זיין פאַנטאַזיע. „די וואונדערלעכע נאאיווע, פּאָעטישע און פריידיקע צייט פון זיינע קי-דערישע יאָרן" און צו מאַכען זיך צוריק „אַ האַרץ פון אַ קינד, וואָס זאָל זיין גוט, פילנדיק און פעאיק ליב צו האָבן".

איבעריקנס, מיט זיין יוגנטלעכן ברען און ברייטן פארנעם מיט דעם ציקליסטישן כאַראַקטער פון זיין דיכטערישער פאַנטאַזיע, וועלכע האָט נאָד זעלטן פאַרקלערט איזאלירטע סיוזשעטן, וועמענס גרויסע ראָמאַנען אַפילו זענען געווען נישט מער ווי רינגלעך פון איין לאַנגער, געשיכטלעכער קייט, פראַגמענטן פון עטוואָס אונגעהויער גרויסעס און גאַנצעס, וועלכעס ער איז אָבער קיינמאָל נישט געווען אומשטאַנד אויסצופירן —[39] האָט טאָלסטאָי, צו דער צייט, אויך אין די דערציילונגען פון זיין קינדהייט געזעען נאָר די ערשטע קאַפּיטלעך פון „אַ געשיכטע פון פיר עפּאָכן", וועלכע האָט געזאָלט אנטהאַלטן אין זיך אויך זיין לעבן אין קאווקאז און זיך פאַרענ-

דיקן, אָן ספק, מיט דער אנטפלעקונג פון גאָט דורך דער נאַטור.

שפּעטער איז טאָלסטאָי געווען זייער שטרענג צו די דערציילונגען פון זיין קינדהייט, א דאַנק, וועלכע ער האָט זיך ערווארבן א טייל פון זיין פּאָפּולאַריטעט.

— עס איז אַזוי שלעכט — האָט ער אַמאָל געזאָגט צו בי־רוקאָוון — און עס פערמאָגט אין זיך אַזוי ווייניק פון ליטעראַ־רישער גאַנצקייט!... עס איז אין דעם גאָרנישט דאָ, ס'זאָל פּאַראינטערעסירן, ער איז געווען איינציק אין זיין מיינונג.

דער מאַנוסקריפּט פון דעם ווערק, זייענדיק אַוועקגעשיקט אָן דעם נאָמען פון אויטאָר אין איינע פון די גרעסטע רו־סישע צייטשריפטן Cobhemerileur איז באַלד פּאַרעפנטלעכט געוואָרן (דעם 6 סעפּטעמבער 1852) און האָט געהאַט אַן אַל־געמיינעם ערפאָלג, וואָס אַלע פעלקער און אייראָפּע האָבן באַשטעטיקט.

דאָך, נישט קוקנדיק אויף דעם פּאָעטישן צויבער, שענעם סטיל און אַנציִענדיקן אינהאַלט פון אָט דעם ווערק, קען מען פאַרשטיין פאַר וואָס עס האָט שפּעטער טאָלסטאָיען נישט גע־פעלן געוואָרן.

עס איז אים נישט געפעלן געוואָרן צוליב די זעלבע סבות, צוליב וועלכע עס איז די אַנדערע יאָ געפעלן געוואָרן.

און מען דאַרף עס מודה זיין: אויסער אייניגע שילדע־רונגען פון לאָקאַלן טיפּן, און עטלעכע זייטלעך, וואָס מאַכן אונדז שטוינען דורך דעם געפיל פון טיפן גלויבן, אָדער דורך דעם רעאַליזם פון זיינע איבערלעבונגען (40), האָט די פּערזענ־לעכקייט פון טאָלסטאָי דאָרט זייער ווייניק זיך מתודה געווען.

דאָרט הערשט אַזאַ זיסקייט און אַזאַ ווייכע סענטימענטאַ־ליטעט, וועלכע איז אים שפּעטער שטענדיק געווען אַנטיפּאַטיש

און וועלכע ער האָט אויסגעמיטן אין אַלע זיינע איבריקע ראָ־מאַנען.

מיר דערקענען עס, מיר דערקענען אָט דעם הומאָר און די טרערן; זיי קומען פון דיקענסן צווישן זיינע באַליבסטע לעקטורעס, אינם משך פון 14 ביז 20 יאָר. ווייזט אָן טאָלסטאָי אין זיין טאָג-בוך אויף „דיקענס: דוד קאָפפערפעלד. געהאַט אַ שטאַר־קע ווירקונג.

אין קאַיוקאַז לייענט ער איבער דאָס בוך צום צווייטן מאָל פון אַנדערע ווירקונגען, אויף וועלכע ער צײַלן מערקט אָן זע־נען: שטערן און טעפפער.

„איך בין געווען דאַמאָלט, זאָגט ער, אונטער זייער השפעה". (41)

„ווען ממען האָט עס געקענט אייפפאַלן, אַז די „זשענעווער נאָוועלן" זענען דער ערשטער מאָדעל פונם אויטאָר, פון „מלחמה און שלום"! און דאָך, איז גענוג דאָס צו וויסן און עס איז לייכט צו געפונען, אין די דערציילונגען פון זיין קינדהייט, זיי־ער דאַרציקע און צו גלייך כיטרע פּראַסטקייט, וועלכע איז איבערגעפלאַנצט געוואָרן נאָר אין אַ מער אַריסטאָקראַטישער נאַטור.

שוין פון זיינע ערשטע אַרויסטריטן, האָט טאָלסטאָי באַ־וויזן צו ווערן ברייט פּאָפּולער ביי דעם לייענער-עולם. נאָר זיין פּערזענלעכקייט האָט נישט פּאַרשפּעטיקט פון ס'ניי צו מעלדן וועגן זיך.

„בגרות" (1853), ווייניקער נאַאיוו און ווייניקער ווערטפול פון די „קינדהייט", צייכנט זיך אויס מיט אַ מער אָריגינעלער פּסיכאָלאָגיע, מיט אַ מער לעבעדיקערן סענטימענט פאַר דער נאַטור און מיט אַ ליידנדיקער נשמה, וועלכע וואָלט זיכער נישט געווען פאַר די כוחות פון דיקענסן און טעפּפערן.

אין דעם „פרימאָרגן פון אַ גוטסבאַזיצער(אָקטאָבר 8152) ([42]
דערשיינט פאַר אונדז טאָלסטאָיס כאַראַקטער שוין אינגאַנצן פאַר־מירט, מיט דער אונערמידלעכער דורכדרינגלעכקייט פון זיין באַאָבאַכטונג און זיין טיפן גלויבן אין ליבע.

צווישן די אויסגעצייכנטע שילדערונגען פון די פויערן, וועלכע געפונען זיך אין דער נאָוועלע, געפונט זיך שוין אַ צייכנונג פון איינע פון זיינע שענסטע וויזעס אין די פאָלקס דערציילונגען": דער אַלטער אין בינשטאָק ([43]), דער קליינטשי־קער אַלטער אונטער דער בעריאָנע, מיט די פונאַנדערגעשפריי־טע הענט, ברייט צעעפנטע אויגן, זיין פלאַכעוואַטער קאָפ גלאַנצט אויף דער זון און די גאָלדענע בינען, וואָס פליען אַרום אים גישט בייסנדן אים, שאַפן אַרום זיין קאָפ ווי אַ קרוין...

נאָר די כאַראַקטעריסטישע דערציילונג פון דעם פעריאָד זענען די, וועלכע פאַרצייכנען אויף אַן אוממיטלבאַרן אופן מאָ־מענטאַלע איינדריקן: די דערציילונגען פון קאַווקאַז.

די ערשטע, „דער אָנפאַל" (פאַרענדיקט דעם 24 דעצעמ־בער 1852) אימפּאָנירט אונדז מיט זיינע פּרעכטיקע פּייזאַזשען, אַ זונען־אויפגאַנג אין די בערג, אויפן ברעג פון אַ טייך; אַ וואונדערלעך בילד פון נאַכט, אירע שאָטנס און שטילע קולות געשילדערט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער קראַפט; און דער בין־השמשות? דער אָוונט, ווען, די אין שניי איינגעהילטע און ווייטע בערג־שפּיצן פאַרשוואונדן אין בלאָלעכע נעפּלען און די שענע קולות פון די לינגענדיקע זעלנער הויבן זיך אַלץ העכער און העכער ביז זיי פאַרשוואונדן אינגאַנצן אין דער דורכזיכטי־קער לופט.

די מערהייט טיפּן פון „מלחמה און שלום" זענען דאָ גע־בוירן געוואָרן: דער קאַפּיטאַן קלאָפּאָוו, דער אמתער העלד, וואָס קעמפט קיינמאָל נישט צוליב זיין פאַרגעניגן, נאָר ווייל ס׳איז

זיין חוב, „איינע פון די רוסישע, פשוטע און רואיקע געשטאַלטן וואָס זיי איז אַנגענעמען און גרינג צו קוקן גלייך אין די אויגן אַ שווערער, נישט געשיקטער, עטוואָס לעכערלעך און גלייכגילטיק צו אַלץ, וואָס קומט פאָר ארום אים, בלייבט ער אַליין נאָר די גאַנצע צייט פון שלאַכט נישט געענדערט, ווען אַלע אַנדערע ענדערן זיך יאָ; „ער איז פּינקטלעך ווי שטענדיק: די זעלבע רואיקע באַוועגונגען, די זעלבע גלייכע שטימע, דער זעלבער פּשוטער אויסדרוק אויף זיין נאַאיוון און שמערן פּנים.

נעבן אים, דער לייטענאַנט, וועלכער שפּילט אַזוי גוט די ראָל פון אַ לערמאָנטאָוו-העלד, מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער האָט ווילדע פאַרלאַנגען.

און דער קליינטשקער, אָרעמער אונטער-לייטענאַנט, איינגאַנצן אַ שיינענדיקער און צופרידענער פון זיין ערשטן ערפאָלג, צוגייט זיך אַזש פון נחת, גרייט יעדערן צו פאַלן אויפן האַלדז, און רופט אַרויס צו זיך אַכטונג מיט אַ בטול-שמייכל צוגלייך, וועלכער האָט זי דפּלוצלונג גענומען דאָס לעבן ווי פּעטיאַ ראָסטאָוו.

אין צענטער פון דעם בילד טויכט אויף די פּערזענלעכ-קייט פון טאָלסטאָי, וועלכער האָט באַאָבאַכטעט, נישט אַריינ-מישנדיק זיך אין די געדאַנקן פון זיינע קאַלעקן, און האָט שוין דאַמאָלס געלאָזט הערן זיין מעכטיקן פּראָטעסט-געשריי געגן דער מלחמה:

„צו קאָנען דען נישט די מענטשן לעבן אין נחת אין דער אַזוי שענער וועלט, אונטער דעם גרענעצלאָזן אויסגע-שטערנטן הימעל? ווי קען מען עס טראָגן אין זיך אַזוי פיל שלעכטסקייט, נקמה-געפילן און ליידנשאַפטלעכן שגעון צו פאַר-ניכטן ענלעכע צו זיך? דאָס גאַנצע שלעכטס, וואָס איז נאָר דאָ אין מענטשלעכן האַרץ דאַרף פאַרשווינדן, ווען מען קומט אין

בארירונג מיט דער נאַטור וועלכע איז דער העכסטער און אוממיטלבאַרסטער אויסדרוק פון שענקייט און גוטס". (44)

די אַנדערע קאַווקאַזישע דערציילונגען אָנגעשריבענע אין יענער צייט, זענען באַאַרבעט געוואָרן ערשט שפּעטער: אין יאָר 5—1854, „דאָס האַקן אין וואַלד", (45) אָנגעשריבן זייער רעאַליסטיש, אַביסל קאַלט, ז'אָר פול מיט אָריגינעלע שילדערונגען פון דער פּסיכאָלאָגיע פונם רוסישן זעלנער—נאַטיצן פאַר דער צוקונפט—אין יאָר 1856 „אַ באַגעגעניש אין דער קאָמפּאַניע מיט אַ מאָסקווער באַקאַנטן", (46) אַ וועלטלעכער מענטש נאָר אַ געפאַלענער, אַ געוועזענער אונטער-אָפיציר, אַ פּחדן, אַ שכור און אַ לינקער; ער קען זיך נישט צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז ער זאָל אומקומען גלייך מיט אַלע פּשוטע זעלנער, וועלכע ער פאַראַכטעט און פון וועלכע דער קלענסטער איז הונדערט מאָל בעסער פון אים.

איבער די אַלע ווערק דערהויבט זיך, ווי דער העכסטער שפּיץ פון אַ בערגיקער קייט, איינער פון די שענסטע לירישע ראָמאַנען, וואָס טאָלסטאָי האָט נאָר אָנגעשריבן, דאָס געזאַנג פון זיין יוגנט, די פּאָעמע פון קאַווקאַז—„די קאָזאַקן". (47)

דער גלאַנץ פון די שנייאיקע בערג, וועמענס קאַבעלע קאָנטורן שניידן זיך איין אין די ליכטיקע הימלען, פולן אָן מיט זייער פאַרבאָרגן געזאַנג דאָס גאַנצע בוך, און דאָס ווערק איז איינציק דורך אָט דער בלום פון זיין געניע, „דער אַלמעכטיקסטער גאָט פון דער יוגנט, ווי טאָלסטאָי זאָגט, איז די אומבאַגרעניצטע התלהבות און עקסטאַז, וועלכע קערט שוין קיינמאָל נישט צוריק.

וואָס פאַר אַ מעכטיקער פרילינג שטראָם! וואָס פאַר אַ אויסגוס פון ליבע!

— „כ'האָב ליב, כ'האָב ליב אַזוי!... בראַוואָ! גוט!...—האָט

ער איבערגעחזרט. און אים האָט זיך געוואָלט וויינען. פאַרוואָס? ווער איז געווען בראוו? וועמען האָט ער ליב געהאַט? ער האָט עס נישט געוואוסט". (18)

די פאַרשיכורטקייט פון האַרץ איז געפלאָסן אָן אַן אָרד־נונג.

דער העלד, אָלענין, וועלכער איז געקומען קיין קאַווקאַז, ווי טאָלסטאָי, צו פאַרהאַרטעווען זיך אין דעם אַוואַנטוריסטישן לעבן און וועלכער האָט זיך פאַרליבט אין אַ יונגע קאָזאַטשקע, האָט זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן דעם תוהו־ובוהו פון זיינע געגנ־ניצלעכע פאַרלאַנגען.

וויפיל מאָל ער האָט געקלערט, אַז דאָס גליק באַשטייט אינעם לעבן פאַר אַנדערע, אינם אויפאָפּפערן זיך" אַזוי פיל מאָל איז אים אַ צווייטער געדאַנק געקראָכן אין קאָפּ, אַז דאָס אויפ־אָפּפערן זיך פאַר יענעם, איז אַ טעות"; דעמאָלט איז ער שוין נישט געווען ווייט פון צו גלויבן מיט דעם אַלטן קאָזאַק יעראָש־קאַ צוגלייך, אַז „אַלץ קומט צו נוץ.

אַלץ האָט גאָט געמאַכט פאַר מענטשנס פאַרגעניגן. קיין שום זאַך איז נישט קיין זינד. פאַרוויילן זיך מיט אַ שען מיידל איז נישט קיין זינד, אַדרבה, אַ מצוה". נאָר, דאָ האָט ער דען געדאַרפט קלערן? גענוג איז אַז ער לעבט, דאָס לעבן איז אינגאַנצן גוט, אינגאַנצן גליק, דאָס לעבן איז אַלמעכטיג, אוני־ווערסאַל: דאָס לעבן איז גאָט, אַן עקסטרעמער נאַטוראַליזם האָט זיך דערהויבן און געפרעסן זיין נשמה. פאַרשטעקט אין וואַלד, אין מיט פון „ווילדע געוויקסן, אַ סך חיות און פויגעל, גאַנצע וואָלקנס פון פליגעלעך און שאָטנדיקער גרינקייט און הייסער און שמעקנדיקער לופט, צווישן קליינע ריווטשעקלעך אָנגע־פולטע מיט מוטנע וואַסער, וועלכע ד־האָבן שטיל געזשומעט אונטער די בלעטער".

צווייטע טריט פון פיינדס נעצן, איז אַלעמען „פערכאַפּט גע־וואָרן פלוצלינג דורך אַ געפיל פון גליק אָן אַ שום סיבה, און פון קינדערשער געוואוינהייט, האָט ער זיך געצלמט און עמעצן געדאַנקט״.

ווי אַן אינדישער פאַקיר האָט ער זיך געפרייט, וואָס ער קען זיך זאָגן, אַז ער איז אַליין און פאַרוואָרפן אין דעם שטורם פון לעבן, צו וועלכן ער האָט געשטרעבט, וואָס מיר יאָדן אומ־געזעענע בריות פאַרשטעקטע אין אַלע זייטן וואַרטן איצט אויף זיין טויט, וואָס טויזנטער פליגעלעך זשומען איצט אַרום אים צונויפרופנדיק איינע די צווייטע.

„—אָהער צו, אָהער צו, חברים! אָט איז איינע אויף צו בייסן!

און עס איז געווען קלאָר פאַר אים, אַז דאָ איז ער נישט מער דער רוסישער זשענטעלמען, פון דער מאָסקווער געזעל־שאַפט, אַ חבר און פאָטער פון די און די, נאָר פשוט אַ וועזן גלייך מיט יעדעס פויגעלע, פאַזאַן און שלאַנג, ווי די אַלע וועל־כע לעבן און קריכן איצט אַרום אים.

—„ווי די האָב איך געלעבט און וועל שטאַרבן. און נאָר גראָז וועט אויפוואַקסן...״ און אויפן האַרצן איז אים געווען פריי־לעך.

אין דעם פעריאָד פון זיין יוגנט איז טאָלסטאָי געווען פאַרשיכורט מיט דער שפע פון זיינע אייגענע כוחות און פון דער ליבע צום לעבן.

ער נעמט אַרום די גאַנצע נאַטור און גיסט זיך צונויף מיט איר. און איר שויס גיסט ער אויס, שלעפערט איין און דערוועקט זיינע ליידן, פריידן און ליבע. (49)

נאָר די ראָמאַנטישע פאַרשיכורטקייט פאַרנעפּלט דאָך נישט די קלאָרקייט פון זיין אויג. און ביי זיין שום אַנדער אָרט זענען

בישט די פייזאַזשן געשילדערט מיט אַזאַ קראַפט און די טיפן מיט אַזאַ אמת, ווי אין אָט דער פלאַמיקער פּאָעמע.

דער געגנזאַץ צווישן דער געזעלשאַפט אין דער נאַטור, וואָס ליגט אין גרונט פון דער דערציילונג און וועלכער וועט שוין אויף זיין גאַנץ לעבן בלייבן איינע פון זיינע באַליבסטע טעמעס, האָט אים שוין דעמאָלט אָנגעמערקט אויף אייניקע פון זיינע שטאַרקסטע קלעפּ, וועלכע ער האָט שפּעטער געגעבן דער קאָמעדיע פונם לעבן און זיין „קרייצער סאָנאַטע".

נאָר דער אמת פון טאָלסטאָיען לגבי די, וואָס ער האָט ליב, ווערט דערפון נישט קלענער.

און די באַשעפענישן פון דער נאַטור, און די שענע קאָזאַטשקע מיט אירע פריינט—אַלע זעען מיר אין זייער פולער באַלויכטונג, מיט זייער גאַנצן עגאָאיזם און גיריקייט, מיט אַלע זייערע פעלערן.

אינגיכן איז פאָרגעקומען אַן אויסנאַם-צופאַל, אַ דאַנק וועלכן עס איז מעגלעך געוואָרן אויסצופרווון אָט די דאָזיקע העלדישע אויפריכטיקייט.

אין נאָוועמבער 1853, איז געוואָרן טערקיי דערקלערט מלחמה.

טאָלסטאָי איז צו ערשט באַשטימט געוואָרן אין דער רו-מענישער אַרמעע, דערנאָך איז ער איבערגעגאַנגען אין דער קרימער אַרמעע און איז דעם 7 נאָוועמבער 1854 אָנגעקומען קיין סעוואַסטאָפּל.

ער האָט אינגאַנצן געשיינט פון ענטוזיאזם און פּאַטריאָ-טישן גלויבן.

ער האָט ערלעך דערפולט זיין חוב און איז זייער אָפט געווען אין געפאַר, באַזונדערס אין אַפּריל-מאַי 1855, ווען ער איז איינמאָל דורך דריי טעג געווען אויף דינסט אין דער באַ-טערעע פון 4-טן באַסטיאָן.

געפונענדיק זיך אין אַ משך פון עטלעכע חדשים אין אַ עקזאַלטירטן צושטאַנד און אין אַ שטענדיקן פּחד, אויג אויפאויג מיטן טויט, האָט זיין רעליגיעזער מיסטיציזם צוריק אויפגעלעבט.

ער האָט געהאַט אָפטע שמועסן מיט גאָט.

אין אַפּריל 1855 פאַרצייכנט ער אין זיין טאָג-בוך אַ תפילה צו גאָט, אין וועלכער ער דאַנקט אים פאַר זיין אויס-

היטן אים ביז אַהער און בעט אים אויך אויף ווייטער נישט אָפּצוזאָגן זיין השגחה פון אים, כדי צו דערגרייכן דעם אייביקן און גרויסן ציל פון לעבן, וועלכער איז מיר נאָך נישט באַוואוסט... אָ, אָט דער גרויסער ציל פון לעבן, דאָס איז נישט געווען די קונסט, ער האָט דערמיט שוין געמיינט די רעליגיע.

דעם 5-טן מאַרט 1855 האָט ער געשריבן:

„איך ווער געפירט צו אַ גרויסער אידעע, פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון וועלכער איך פיל מיר פעאיק אויפצואָפּפערן מיין גאַנץ לעבן. די אידעע, דאָס איז דאָס גרינדן פון אַ נייער רעליגיע, די רעליגיע פון קריסטוסן, נאָר ריין פון אַלע דאָגמען און מיסטעריעס... ווירקן באַוואוסטזיניק, כדי צו פאַראייניקן אַלע מענטשן דורך דער רעליגיע (53) דאָס וועט זיין דער פּראָגראַם פון זיין עלטער.

דאָך, כדי זיך אָפּצוזונדערן פון די געשעענישן, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט, האָט ער זיך צוריק גענומען צו שרייבן.

ווי האָט ער געקענט שעפן די רואיקייט און פרייהייט פון געדאַנק, וועלכע איז אים נויטיק געווען אָנצושרייבן, אונטער דעם האָגל פון גראַנאַטן, די דריטע טייל פון מיינע זכרונות: די יוגנט (54) דאָס בוך איז כאַאָטיש, און מען קען עס צושרייבן די באַדינגונגען, אַ דאַנק וועלכע עס איז ענטשטאַנען די אומאָרדנונג אין דער דערציילונג און די געוויסע טרוקנקייט פון אַבסטראַקט אַנאַליזירן מיט איינטיילן אויף געוויסע קאַטעגאָריעס און אונטער קאַטעגאָריעס אינם גייסט פון שטיינדהאַל, קען מען צושרייבן די באַדינגונגען, אין וועלכע עס איז ענטשטאַנען. (55)

נאָר עס איז צו באַוואונדערן זיין רואיקע דורכדרינגלעכ-

קייט, נישט קוקנדיק אויף דער אומאָרדנונג פון געדאַנקען און פאַרנעפּלטקייט פון בילדער, וואָס האָבן אָנגעפּילט זיין יונגן מוח.

דאָס ווערק צייכנט זיך אויס מיט אַ זעלטענער אָפּנהאַרציקייט בנוגע זיך, און צייטנווייז, מיט אַן אויסערגעוויינלעכער פּאָעטישער פרישקייט ווי אין דער שילדערונג פון פרילינג אין שטאָט, אין דער דערציילונג פון ודוי, און אין דעם אַנטלויפן אין מאַנאַסטיר אָפּצוקומען פאַר אַלטע זינד.

אַ ליידנשאַפטלעכער פּאַנטעאיזם גיט צו אייניקע זייטלעך אַ לירישן כשוף און דערמאָנט אונדז אין די קאַווקאַזער דערציילונגען. צום סוף, די באַשרייבונג פון דער זומערנאַכט: „אַ רואיקער שיין פון אַ ליכטיקע האַלבע-לבנה". אַ קרישטאָלענער טייך.

אַלטע ביערזעס, וועמענס צווייגן זילבערן זיך פון איין זייט אויף דער שיין פון לבנה און פון דער צווייטער זייט הילן זיי איין מיט זייערע טונקעלע שאָטנס די קוסטעס און דעם וועג, דער געשריי פון אַ פויגל אויף דער צווייטער זייט טייך. דאָס שטילע קוים באַמערקבאַרע שעפּטשן פון צוויי אַלטע בוימער, וואָס פּלאָנטערן זיך איינער אינם אַנדערן.

דאָס שטילע זשומען פון פליגעלעך, אַ פאַל פון אַן עפּל אויף טרוקענע בלעטער... זשאַבעס, וועלכע שפּרינגען אַרום איבער די טעראַסן, אינם לבנה-שיין גלאַנצן זייער גרינלעכע הויט... אָט הויבט זיך אויף די לבנה; העגנענדיק אין די קלאָרע הימלען, פולט זי אָן מיט זיך דעם גאַנצן רוים; דער כשופדיקער שיין פונם טייך ווערט נאָך מער גלאַנציקער; די שאָטנס ווערן נאָך מער טונקעלער, דאָס ליכט מער דורזיכטיקער.

און איך, אַ קליין, ווערמל, אַ צעעקסנער שוין דורך אַלע מענטשלעכע ליידנשאַפטן, נאָר מיט אַן אויסערגעוויינלעכער

קראַפט פון ליבע, פיל איך דעם מאָמענט, אַז די גאַנצע נאַטור, די לבנה און איך זענען מיר איינס.(56)

נאָר די ווירקלעכקייט פון דער געגנוואַרט האָט געלאָזט הערן איר קול שטאַרקער, ווי די בילדער פון דער פאַרגאַנגענהייט; זי האָט באַפעלעריש געגויט צו דערמאָנען זיך אין איר.

„די יוגנט" איז געבליבן נישט פאַרענדיקט, און דער שטאַב-קאַפיטאַן פירשט לעוו טאָלסטאָי, אין די גרובן פון זיין באַסטיאַן, אונטערן דונער פון האַרמאַטן, אין צענטר פון זיין אָפּטיילונג, האָט באָאָבאַכטעט די לעבעדיקע אין די טויטע און פאַרצייכנט זייערע און זיינע ליידן און די אומפאַרגעסלעכע דערציילונגען פון סעוואַסטאָפּאָל.

די דריי דערציילונגען — „סעוואַסטאָפּאָל אין דעצעמבער 1854", „סעוואַסטאָפּאָל אין מאַי 1855", סעוועסטאָפּאָל אין אויגוסט 1855, טראָגן מייסטנטייל איין טויט, זענען אַנאַליזירט געוואָרן אָן בושה, אָן רחמנות און מיט אַן אכזריותדיקער אָפנהאַרציקייט. אין סעוואַסטאָפּאָל האָט טאָלסטאָי געלערנט צו פאַרוואַרפן דעם סענטימענטאַליזם. „דאָס אומבאַשטימטע, ווייבלעכע און פאַרווייניטע מיטפילן", ווי ער זאָגט מיט פאַראַכטונג.

נאָך קיינמאָל נישט האָט זיין גייסט פון אַנאַליז, פון וועלכן אין די יאָרן פון זיין יוגנט, עס האָט זיך אַרויסגעוויזן זיין טיפער, אינסטינקטיווער געפיל און וועלכער האָט אָפט אַבגענומען אַ זייער ווייכן כאַראַקטער (57), דערגרייכט צו דער שטאַרקער אינטעסיווקייט אין פאַנטאַזיע-פלי, צו וועלכע ער איז דערגאַנגען אין דער דערציילונג ווי ער שילדערט דעם טויט פון פּראַסקוכין.

דאָרט ווידמעט ער צוויי זייטלעך אינגאַנצן דער שילדערונג פון דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער נשמה פונם

אומגליקלעכן. בשעת די באָמבע איז געפאַלן מיט אַ פייף פאַרן צאַריסן ווערן — און איין זייטל ווידמעט ער דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען אין אים דערנאָך, ווען זי דהאָט שוין געפּלאַצט און ער איז „געפאַלן טויט דורך אַ קלאַפּ וואָס ער האָט באַקומען אין ברוסט".

צווישן די אַלע שלאַכט-סצענעס דרינגט אַריין ווי אַ שיין דורך אַ שפּאַרע, די פרימאָרגנדיקע זון-סימפּאַניע וואָס דערהויבט זיך איבער דעם פּרעכטיקן פּייזאַזש, ווי טויזנטער מענטשן מוטשן זיך אין טויט אנגסטן.

און דער קריסט, טאָלסטאָי, פאַרגעבנדיק דעם גאַנצן פּאַטראַיטיזם פון זיין ערשטער דערציילונג, שעלט אומרחמנות-דיק די מלחמה: און דעם זעלבן כאַראַקטער, דאָך זענען זיי גענוג פאַרשידן איינס פונם אַנדערן.

באַזונדערס צייכנט זיך אויס די צווייטע דערציילונג וועל-כע איז אָנגעשריבן מיט מער געפיל און איז מער קינסטלעריש ווי די אַנדערע צוויי אין וועלכע דער פּאַטריאָטיזם איז דער הערשנדיקער עלעמענט, דאַגעגן דער צווייטער בוך הערשט דער אָביעקטיווער אמת.

מען זאָגט, אַז נאָכן איבערליינען די ערשטע דערציי-לונג (58), האָט די קייסערין געוויינט און דער צאַר האָט אין זיין גרויס פאַרוואונדערונג, פאַראָרדנט איבערזעצן עס אין פראַנ-צויזיש און דעם אויטאָר דערווייטערן פון סכנה-ערטער. מען האָט אים גרינג פאַרשטאַנען.

דאָ איז קיינער נישט געווען, וועלכער זאָל נישט פאַר-געטערן דאָס פאָטערלאַנד און די מלחמה... טאָלסטאָי איז נאָר וואָס אָנגעקומען; זיין ענטוזיאַזם איז געווען אַ ריינער און אויפ-ריכטיקער; ער איז פּשוט צעשוואומען אין אים פון העלדנ-טום.

ביי די פּאַרטיידיקער פון סעוואַסטאָפּאָל איז נאָך נישט געווען צו באַמערקן נישט קיין אַמביציע, נישט קיין אייגן־ליבע און נישט קיין קליינלעכע געפילן.

אין זיינע אויגן האָט עס אויסגעזען, ווי אַ גרויסאַרטיקע עפּאָפּייע, וועמענס העלדן, „וואָלט געפּאַסט צו זיין די העלדן פון איליאַדע" פון דער צווייטער זייט אָבער זאָגן די שילדערונגען נישט עדות פון קיין שום פאַרשטעלונגס־קראַפט, פון קיין שום פּרוב צו וועלן אָביעקטיוו פאַרקערפּערן דאָס געזעענע; דער אויטאָר שפּאַצירט זיך דורך דער שטאָט; זיין אויג זעט קלאָר, נאָר דערציילן דערציילט ער נישט אין קיין פרייער פאָרם. „איך זעט... איך גייט אַריין... איך באַמערקט..." דאָס איז שענער רעפּאָרטאַזש מיט פּרעכטיקע נאַטור בילדער.

אינגאַנצן אַנדערש זעט אויס די צווייטע דערציילונג סעוואַסטאָפּאָל אין מאַי 1855, אין די ערשטע שורות לייענען מיר:

„דאָ האָבן זיך טויזנטער מענטשלעכע אייגנליבעס צוזאַמענגעשטויסן, וועלכע זענען געוואָרן באַרואיקט נאָר דורכן טויט...

און ווייטער אַביסל:

„און וואָס מער מענטשן עס זענען געווען, אַלץ מער גאווה... גאווה, גאווה און נאָר גאווה, אַפילו ביי דער טיר פונם קבר! דאָ איז דעם ספּיציפישע קרענק פון אונדזער יאָרהונדערט. פאַרוואָס רעדן האָמער און שעקספּיר נאָר פון ליבע פון רום, פוןליידן, און פאַרוואָס איז די ליטעראַטור פון אונדזער יאָרהונדערט נישט מער ווי אַן אומענדלעכע געשיכטע פון פּוסטע גאווה און קליינלעכע געשמאַקן".

די דערציילונג איז נישט מער קיין פּשוטע באַשרייבונג,

נאָר פיר אַרויס דירעקט און לעבן מענטשן און ליידנשאַפטן, ווייזט אָן אויף דעם, וואָס ליגט פאַרהוילן אונטערן שלייער פון הערהאישקייט.

דער קלאָרער דורכדרינגלעכער בליק פון טאָלסטאָיען דרינגט אריין אין דעם הארץ-טיפעניש פון זיינע חברים-זעלנער; אין זיי ווי אין זיך, האָט ער געליינט דעם שטאָלץ, דעם, פחד, די קאָמעדיע פון לעבן, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו שפּילן צווי טריט פונם טויט.

מער פון אַלץ איז געוואָרן אַנטפּלעקט די מורא, אָבגע-דעקט פון אַלע שלייערס, און זיך ארויסגעשטעלט אינגאַנצן נאַ-קעט.

אָט די שטענדיקע מורא (59) און ענגע שכנות מיטן „און די מענטשן, קריסטן, וואָס האָבן דעם זעלבן גלויבן פון ליבע און זעלבסט אויפאָפּפערונג זעענדיק דאָס, וואָס זיי טוען, פאַלן נישט אויף די קני, תשובה טוענדיק פאַר דעם, וואָס האָט זיי געשענקט דאָס לעבן, און איינגעפּלאַנצט אין זייערע נשמות, צו-זאַמען מיט דעם פיינט פאַרן טויט, די ליבע צו אַלעם גוטס און שיינס! זיי נעמען זיך נישט אַרום מיט טרערן פון פרייד און גליק, ווי ברידער!"

אינם מאָמענט, ווען ער האָט געענדיקט די נאָוועלע, אין וועלכע די שאַרפקייט פון פאָרם האָט זיך אויסגעדריקט מער, ווי אין אַלע אַנדערע ביז יעצטיקע ווערק, האָט טאָלסטאָיען אַרומ-געכאַפּט אַ געוויסער צווייפל, האָט ער עס געהאַט רעכט צו רעדן?

„שווערע ספקות האָבן מיך אַרומגענומען.

עס קאָן זיין, אַז מען האָט דאָס נישט געדאַרפט זאָגן.

מעגלעך, אַז דאָס וואָס איך האָב געזאָגט, איז איינער פון

די פאַרהוילענע אמתן, וואָס געפינען זיך אומבאַוואוסטזיניק אין דער נשמה פון יעדן און דאַרף נישט אַרויסגעזאָגט ווערן כדי ער זאָל נישט ווערן שעדלעך, ער דאַרף נישט איבערגעגעבן ווערן דעם המון, ווייל ער קאָן אים שאַדן.

ווי איז דער געפיל פון שלעכטס, וועלכן מען דאַרף אויס- מיידן? און ווי איז דאָס שענע, וואָס מען דאַרף נאָכאַמען אין דער דערציילונג? ווער איז דאָ דער שעדלעכער? און ווער דער העלד? אַלע זענען גוט און אַלע זענען שלעכט...

נאָר ער האָט זיך גיך באַהערשט:

„דער העלד פון מיין דערציילונג, וועלכן איך האָב ליב מיט אַלע כוחות פון מיין נשמה, וועלכן איך פלייס זיך צו שיל- דערן אין זיין גאַנצן כשוף און וועלכער איז שטענדיק געווען שיין, איז שיין און וועט זיין שיין—איז דער אמת".

איבערלייענדיק די שורות (60), האָט דער רעדאַקטאָר פון Cobpemnuk נעקראַסאָוו, געשריבן טאָלסטאָיען:

„אָט וואָס איז דאָס ווערטפולע פאַר דער רוסישער גע- זעלשאַפט ביי היינטיקן טאָג: דער אמת, וועלכער איז, נאָך דעם טויט פון גאָגאָלן, ווי פאַרשוואונדן געוואָרן פון דער רוסישער ליטעראַטור.

די אויפריכטיקייט, וואָס איר ברענגט אַריין אין אונדזער קונסט, איז עטוואָס אינגאַנצן נייס.

כ׳האָב נאָר מורא פאַר איין זאַך, אַז די צייט און די בישטיקייט פון לעבן, די טויבקייט און שטומקייט פון די אַלע, וואָס רינגלען אונדז אַרום, וועלן מאַכן פון אייך דאָס, וואָס האָט געמאַכט אַ סך פון אונדז.

—עס זאָל נישט אָפּטויטן אייער ענערגיע, (61) פאַר ענ- לעכעס איז אָבער נישט געהען וואָס מורא צו האָבן.

די צייט, וואָס שעפּט אויס די ענערגיע ביי אַ געוויינ-לעכן בשר-ודם, האָט נאָך פאַרהאַרטעוועט דעם ווילן פון טאָלס-טאָי, נאָר אין דעם מאָמענט, ווען דאָס פאָטערלאַנד האָט געהאַט אויסצושטיין גרויסע נסיונות, סעוואַסטאָפּאָל איז געפאַלן האָבן זיך אין טאָלסטאָיס האַרץ צעוועקט אַ ווייטיקלעכער רחמנות און געפאַלן פון חרטה פאַר זיין פריעדיקער האַרטער אפנהאַרציקייט.

און דער דריטער דערציילונג — סעוואַסטאָפּאָל אין אויגוסט 1855 — איבערגעבנדיק אַ סצענע ווי אָפיצירן שפּילן און ווערטלען זיך, מישט ער זיך אַריין און זאָגט:

„נאָר לאָמיר וואָס גיכער אַראָפּלאָזן דעם פאָרהאַנג אויף דעם בילד.

מאָרגן, צו נאָך היינט, וועט יעדער פון די מענטשן, קען זיין פריילעך און שטאָלץ זיין ביים באַגעגענען דעם טויט.

אין דער טיף פון יעדערענס נשמה ליגט פאַרבאָרגן דער באַבעלער פונק, וואָס מאַכט פון אים אַ העלד.

און אויב אַפילו די שעמעוודיקע איינגעהאַלטנקייט האָט אָרגאַניש געמינערט דעם רעאַליזם פון די דערציילונג, האָט אָבער דער אויסוואַל פון די העלדן דייטלעך אָנגעוויזן אויף די סימפּאַטיעס פונם אויטאָר. די עפּאָפּייע פון מאַלאַכאָוו דורכ-גאַנג און זיין העלדיש פאַלן סימבאַליזירט ער אין צוויי רירנדיקע און שטאָלצע בילדער פון צוויי ברידער, דער עלטערער פון וועלכע עס איז דער קאַפּיטאַן קאָזעלצאָוו, וואָס באַזיצט גע-וויסע שטריכן ענלעכע צו טאָלסטאָיען, (62) דער צווייטער, דאָס איז דער לייטענאַנט וואָלאָדיאַ, אַ שעמעוודיקער, באַגייסטערטער און פאַרחלומטער מיט זיינע שטענדיקע התלהבותדיקע מאָנאָ-לאָגן און ווזיעס און מיט זיינע שטענדיקע טרערן אין זיינע אויגן, טרערן פון צערטלעכקייט און בושה, וואָס האָבן אים די

ביבליאטעק

אויגן אָנגעפולט צוליב יעדער נאַרישקייט.

די ערשטע נאַכט אין פעסטונג פאַרברענגט וואָלאָדיע אין צימער און אין שרעק. (אַן אָרעם קינד, ער האָט נאָך מורא פאַר דער פינצטערניש און לייגנדיק זיך שלאָפן, באַהאַלט ער דעם קאָפּ אונטערן שינעל).

אים פייניקט דער געפיל פון איינזאַמקייט און די גלייכגילטיקייט פון אַלע אַרומיקע, נאָר דאָך, אַז עס קומט זיין ריי וואַרפט ער זיך שטאָלץ אין קאַמפף.

וואָלאָדיע געהער צו דער גרופע פון די פאָעטישע און יוגנטלעכע נשמות (פעטיאַ און „קריג און פרידן, דער ליטענאַנט אין אָנפאַל"), וואָס גייען לאַכנדיק צו דער שלאַכט מיט הערצער פול מיט ליבע און פלוצלינג, נישט רעכטנדיק זיך פאַלן זיי טויט.

ביידע ברידער פאַלן דעם זעלבן טאָג, דעם לעצטן טאָג פון קאַמפף. און די דערציילונג פאַרענדיקט זיך מיט שורות אין וועלכע עס רוישט אַ הייס געפיל פון פאַטריאָטיזם.

„דאָס סעוואַסטאָפּאָלער חיל האָט זיך פאַמעלעך אין דער שטאָק פינצטערניש גערירט פונם אָרט. כמעט יעדער סאָלדאַט אַ קוק טוענדיק אין צפון זייט, אויף דעם פאַרלאָזטן סעוואַסטאָפּאָל, האָט ביטער אָבגעזיפצט אין הארץ און געדראָט דעם שונא". (63)

ווען טאָלסטאָי, אַרויסגייענדיק פון דעם גיהנום, וואָס ער איז געקומען אין באַרירונג מיט די ווילדסטע ליידנשאַפטן, שטאַרקסטע גאוה-געפילן און טיפסטע מענטשלעכע ליידן, האָט זיך דערזעען אין נאָוועמבער 1855 אין דער שרייבער סביבה פון פעטערבורג, האָט ער דערפילט צו איר אַ געפיל פון עקל און פאַראַכטונג.

אַלץ האָט אים אויסגעזעען קליינלעך און פאַלש. די מענטשן, וועלכע ער האָט געזען פונדערווייטנס איינגעהילט אין אַן אָרעאָל פון קונסט — טורגעניעוו, וועלכן ער האָט באַוואונדערט

מען ער האָט געווידמעט דאָס „האַקן אין וואַל" האָט א...

פון נאָענט ביטער אַנטוישט.

אַ בילד פון 1856 שטעלט אים פאָר: ...יטן ...ן טור ניעוו, גאָנטשאַראָוון, אָסטראָווסקין, גריגאָר... נענען.

ער טיילט זיך אויס פון צווישן דער פרייקייט און נישט אָנגעצויגנקייט פון די איבריקע מיט זיין אַסקעטישן און האַרטן אויסזען, ביינערדיקן קאָפּ, איינגעפאַלענע באַקן און פאַרעקשנט געקרייציקטע הענט.

שטייענדיק, אין אוניפאָרם, אונטער דער גרופּע ליטעראַטן, (זעט ער אויס, ווי עס באַשרייבט אים געלונגען סאַארע, גיכער צו היטן די מענטשן, איידער צו זיין אַליין אַ טייל פון זייער געזעלשאַפט: מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז ער איז גרייט זיי אָפּצופירן אין געפענגעניש (64).

דאָך האָבן זיך אַלע צונויפגעפּרעסט אַרום אים, דעם יונגן צוגעקומענעם ברודער, וועלכער איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ טאָפּלטער רום פון אַ שרייבער און העלד פון סעוואַסטאָפּאָל.

טורגעניעוו, וועלכער האָט „געוויינט און געשריגן: הוראַ!" לייענדיק די בילדער פון „סעוואסטאָפּאָל", האָט אים ברודערלעך געדריקט די הענט.

נאָר די צוויי מענטשן האָבן זיך נישט געקאָנט פאַרשטיין איינער מיטן אַנדערן.

און אויבביידע אַפילו האָבן געזען די וועלט מיטן זעלבן

קלאָרן בליק, האָט זיך אָבער זייער וועלט־באַנעמען אונטערשייד. מיט די באַזונדערע אייגנשאַפטן פון זייערע געגנזעצלעכע נשמות: די איינע אַן איראָנישע און וויברירנדע, אַ ליבנדע און אַנטויש־טע, אַן אָנהענגערן פון אַלץ, וואָס איז שען; די אַנדערע אַ פלאַ־מיקע, אַ שטאָלצע, אַן אויסגעמוטשעטע פון מאָראַלישע פראַזן און אַן אימפּאָזאַנטע דורך דעם פאַרהוילענעם גאָט, וואָס זי האָט גע־טראָגן אין זיך.

דאָס וואָס טאָלסטאָי ד־האָט קיינמאָל נישט געקאָנט מוחל זיין די שרייבער, נעמט זיך איבערהויפּט דערפון וואָס זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר די אויסגעקליבענע, פאַר די קעפּ פון דער מענטשהייט, אין זיין אַנטיפּאַטיע צו זיי האָט אַ סך צו זאָגן דער שטאָלץ פון אַ גוטבאַזיצער און אָפיציר.(65)

דאָס איז אויך אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון זיין נאַ־טור—ער אַנערקענט זעלבסט — אַנטקעגן צושטעלן זיין געזונטן אינסטינקט, דעם אַרט דענקען, וואָס איז איבעראַל אָנגענומען״ אַן אומגלויבן צו מענטשן, אַ פאַרבאָרגענע פאַראַכטונג פאַרן מענטשלעכן שכל, האָט עס געמאַכט, אַז עס זאָל אומעטום דער־פילן די אָפנאַרעריי, סיי ביי זיך, סיי ביי יענעם דעם ליגן.

„ער האָט קיינמאָל נישט געגלויבט אינם מענטשלעכן אמת. די גאַנצע מאָראַל ד־האָט אים אויסגעזעען פאַלש און ער האָט געהאַט די געוואוינשאַפט מיט זיין אויסערגעוויינלעך דורכדרינג־לעכן בליק צו שלאָגן יעדן איינעם, וועלכער האָט, ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן, נישט געזאָגט דעם אמת...(66)

ווי ער האָט צוגעהערט! ווי ער האָט אָנגעקוקט יעדן, וואָס האָט געשמועסט מיט אים, פון דער טיף פון זיינע גרויע איינגעראָבענע אויגן! און מיט וואָס פאַר אַן איראָניע האָבן זיך צונויפגעדריקט זיינע ליפּן.(67)

טורגעניעוו האָט געזאָגט, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל נישט

געפילט עטוואָס שווערערס פון זיין שאַרפן בליק, וועלכער צו־ זאַמען מיט אַ גיפטיקע באַמערקונג פון צווי־, דריי, ווערטער, איז געווען גענוג משוגע צו מאַכן (68).

צווישן טאָלסטאָיען און טורגעניעוון זענען אויסגעבראָכן הייסע סצענעס נאָך ביי די ערשטע באַגעגענישן.

זייענדיק צעשיידט, פלעגן זיי זיך באַרואיקן און זיך פלייסן צו פאַרענטפערן.

נאָך די צייט האָט נאָך פאַרשאַרפט די פאַראַכטונג פון טאָלסטאָיען צו זיין ליטעראַרישער סביבה. ער האָט זיי נישט מוחל געווען די קליינלעכקייט פון זייער דעמאָראַליזירט לעבן און זייערע פרעטענציעס אויף מאָראַל.

„איך האָב געהאַט די איבערצייגונג, אַז כמעט אַלע זענען זיי מענטשן דעמאָראַליזירטע, שלעכטע כאַראַקטערלאָזע און פיל נידריקערע פון די, וועלכע איך האָב באַגעגנט אין מיין ציגיי־נערישן לעבן אין מיליטער, און זיי זענען געווען אַלע פאַר־גלויבט אין זיך און צופרידן, ווי עס קענען נאָר זיין מענטשן אינגאַנצן הייליקע. זיי זענען מיר נמאס געוואָרן.(69)

ער האָט זיך אָפּגעזונדערט פון זיי. דאָך האָט ער נאָך אַ געוויסע צייט געטיילט זייער אוטיליטאַרישן גלויבן אין דער קונסט? זיין שטאָלץ האָט דאָ געפונען די באַפרידיגונג.

דער אָרט גלויבן האָט מילד באַלויגט, צאָלנדיק זיינע אָנהענגער, „מיט פּרויען, געלד און רום"...

„אייגער פון די הויפּט כהנים פון דער רעליגיע בין איך עס געווען, און זיין אַ כהן פון אַזאַ גלויבן איז געווען אנגענעם און נוצליך".

כדי זיך בעסער צו ווידמען פאַר איר, האָט ער דימי־סיאָנירט פון דער אַרמעע. (אין נאָוועמבער 1856)

נאָר אַ מענטש פון זיין כאַראַקטער האָט נישט געקענט

אויף לאַנג פאַרמאַכן די אויגן. ער האָט געגלויבט, ער האָט געוואָלט גלויבן אינם פּראָגרעס. אים האָט זיך אויסגעדוכט „אַז דאָס וואָרט באַצייכנט עפּעס” אַ רייזע נאָך אויסלאַנד — פונם 29 יאַנואַר ביז 30 יולי 1857.

— קיין פראַנקרייך, שווייצאַריע און דייטשלאַנד האָט ביטער צעשטערט דעם גלויבן.

אַ בילד פון טויט-שטראָף אין פּאַריז דעם 6 אַפּריל 1857 „האָט אים איבערצייקט אינם גאָרנישט און אינם איבער גלויבן פונם פּראָגרעס”...

„ווען איך האָב געזעען דעם קאָפּ זיך אָפּרייסן פונם קערפּער און פאַלן אין קאָרב אַריין, האָב איך מיט דער גאַנ-צער קראַפט פון מיין נשמה פאַרשטאַנען, אַז קיין שום שכל-דיקע טעאָריע פון דער עקזיסטענדיקע אָרדנונג, קען נישט באַרעכטיקן אָט דעם אַקט.

און אויב אפילו מענטשן פון דער גאַנצער וועלט, „אונ-טערשטיצנדיק אַ געוויסע אידעע, וועלן זי אַנערקענען פאַר די נוצלעכסטע וועל איך זיין דער, וואָס וועל זיך אים אַנטקעגן שטעלן, ווייל נישט דאָס, וואָס מענטשן זאָגן און טוען איז שוין דאָס גוטע, נאָר דאָס, וואָס געפינט זיין אָבקלאַנג אין מיין האַרץ (70).

אין לוצערן, דעם 7 יולי 1857, האָט דאָס באַלד פון אַ קליינער, וואַנדערדיקער זינגערין, וועמען די רייכע ענגלענ-דער, די געסט פון שווייצערהאָף, האָבן אָפּגעזאָגט צו געבן אַ נדבה, געבראַכט אים דערצו, ער זאָל פאַרצייכענען אין זיין „טאָג-בוך”, פונם פּרינץ ד. נעכליודאָוו (71)”, זיין פאַראַכטונג צו די שענע ליבעראַלע אילוזיעס, צו די מענטשן, „וועלכע צייכענען זייערע פאַנטאַזיע ווי ליניעס אויפן ים פון גוטס און שלעכטס”...

פאַר זיי איז די ציוויליזאַציע דאָס גוטע; דער באַרבאַ-
ריזם דאָס שלעכטע; די פרייהייט דאָס גוטע, די שקלאַפעריי
דאָס שלעכטע,

און אָט דאָס פאַלשע פאַרשטיין צעשטערט די אינס-
טינקטיווע, אוראַלטע און בעסטע באַדערפנישן.

און ווער וועט עס מיר באַשטימען וואָס הייסט פרייהייט
און וואָס הייסט דעספאָטיזם, וואָס הייסט ציוויליזאַציע און וואָס
הייסט באַרבאַריזם? ווי דען עקזיסטירט נישט דאָס גוטע און
דאָס שלעכטע? אין אונדז איז דאָ אַ איינאונאיינציקער לייטנדער
שנור, אַן אוניווערסאַלער גייסט, וועלכער העלפט אונדז זיך
צו דערנענטערן איינער צום אַנדערן.

אומקערנדיק זיך צוריק קיין רוסלאַנד, אין זיין יאַסנאַיאַ
האָט ער זיך פון סניי אָפּגעגעבן צו די פויערן.

און דאָס וואָס ער דהאָט געטון איז שוין נישט געווען
מער קיין אילוזיעס איבער דער מאַסע. ער שרייבט:

„די אפאלאגיסטן פון דער מאַסע און פון איר געזונטן
פאַרשטאַנד האָבן עס גוט געזאָגט, אַז די מאַסע, איז אפשר,
די פאַראייניקונג פון בראַווע מענטשן; נאָר דאַמאָלט פאַראיי-
ניקן זיי זיך נישט אַנדערש ווי מיט זייער היהשער זייט, דער
מיאוסער, וואָס דריקט אויס נישט מער ווי שוואַכקייט און די
אכזריות פונם מענטשלעכן כאַראַקטער (72).

נישט אויף דער מאַסע האָט טאָלסטאָי אָנגעוויזן, נאָר
אויפן געוויסן פון יעדן איינעם, פון יעדנס פאָלקס-קינד, ווייל
דאָרט איז דאָס ליכט.

ער האָט געגרינדעט שולן, נישט ווי סנדיק ווי אַזוי אי-
בערצוגעבן אין זיי, כדי צו שטודירן האָט ער געמוזט די
צווייטע רייזע קיין איי ראָפּע דעם 3 יולי 1860 ביז דעם 23
אפריל 1860 (73).

ער האָט שטודירט פאַרשידענע פעדאַגאָגישע סיס־טעמען.

איז דען נויטיק צו זאָגן, אַז ער האָט אָפּגעוואָרפן אַלע צוויי באַזוכן אין מאַרסעל האָבן אים איבערצייגט, אַז די אמתע אויסבילדונג באַקומט דאָס פאָלק אויסער דער שול, וועלכער ער האָט געפונען פאַר לעכעלעך, דורך צייטשריפטן, מוזעאומס ביבליאָטעקן, דורכן לעבן זעלבסט. וועלכן ער האָט אָנגערופן די „אומבאַוואוסטזיניקע, אָדער פרייוויליקע שול".

די פרייוויליקע שול אין געגענזאַץ צו דער אבליגאַטאָ־רישער, וועלכע ער האָט באַטראַכט פאַר אַן אומגליק אין אַ זאַך, וואָס האָט גאָרנישט קיין ווערט—אָט וואָס ער האָט גע־וואָלט איינפירן, אומקערנדן זיך צוריק קיין יאסנאיא פאָליאַנאַ (74). זיין פרינציפּ איז געווען די פרייהייט.

ער דערלאָזט נישט, אַז „די פרייע און די פרייווילע־גירטע זאָלן אָנבונדן דעם פאָלק וואָס איז איר פרעמד, איר לערעס און פאַרבלאָנדזשעגישן.

זי האָט אויף דעם קיין שום רעכט נישט די מעטאָדע פון צוואַנג־לערע האָט קיינמאָל נישט אין אַלגעמיין, געקענט אַנטוויקלען מענטשן אין וועלכע די מענטשהייט האָט זיך גע־נויט, נאָר מענטשן אין וועלכע עס האָט זיך גענויט די דע־מאָראַליזירטע געזעלשאַפט: ביוראָקראַטן, ביוראָקראַטישע פּראָ־פעסאָרן, ביוראָקראַטישע ליטעראַטן, מענטשן וועלכע זענען אַן אַ שום ציל אָפּגעריסן געוואָרן פון זייער אַלטער סביבה, האָבן געפירט אַן אויסגעלאַסן לעבן אין דער יוגנט און האָבן שוין נישט קיין אָרט אין לעבן: „שוואַכע און אויפגערעגטע ליבע־ראַלן (73)", דאָס פאָלק אַליין דאַרף זאָגן וואָס עס וויל! אויב עס נעמט נישט אויף „די קונסט פון שרייבן און לייענען

וואָס די אינטעליגענץ לעגט אים פאַר", האָט עס מסתמא זיינע סבות דאַרביי: עס האָט אַנדערע גייסטיקע נויטיק מער צו־דרינגלעכע און אמתע, פליסט זיך זיי צו פאַרשטיין און העלפט זיי צו באַפרידיקן.

אָט די ליבעראַלע טעאָריעס פון אַ רעוואָלוציאָנערן קאָנסערוואַטאָר, וועלכער ער איז שטענדיק געווען, האָט טאָלסטאָי זיך געפליסט איינצופירן אין לעבן, אין יאַסנאַיאַ, ווי ער איז געווען מער אַ חבר פון זיינע קינדער, ווי אַ לערער.

אין דער זעלבער צייט, האָט ער זיך אָפּגעגעבן צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די פּויערן, ווערנדיק באַשטימט אַלס אַ ריכטער אין דער געגנט פון קראַפּיווגאַ, איז ער געוואָרן דער באַשיצער פון די פּויערן אַנטקעגן די מיסברויכן מצד די אייגנטימערס אין דער רעגירונג.

נאָר מען דאַרף נישט מיינען, אַז אָט די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט האָט אים שוין אינגאַנצן באַפרידיקט. די געגנזעצלעכע ליידנשאַפטן האָבן ווייטער פאָרטגעזעצט אים צו פאַרצערן.

אויף צו להכעיס, וואָס עס איז געווען אין דאָרף, האָט ער ליב באַקומען דאָס גרויס שטאָטישע לעבן און האָט זיך געניטיקט אין דעם.

צייטנווייז האָט אומגעקערט צו אים די פרייד דער שטאַרקער ווילן עפּעס אויפצוטון, האָט ער ריזיקירט מיטן לעבן אין זיינע געיעגן אויף בערן, האָט פאַרשפּילט גרויסע סומען און אַמאָל אַפילו צוריק אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפעה פון דער ליטעראַרישער סביבה אין פּעטערבורג, וועלכע ער האָט פאַראַכטעט.

נאָר אויסניכטערנדיק זיך פון אָט די אַלע בשמה־צעטרייסלענישן, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַטיע.

די שאַפונגען זיינע פון דער צייט טראָגן אויף זיך דעם

חותם פון אַט דער קינסטלערישער און מאָראַלישער אומזיכער־קייט. אין „די צוויי הוזאַרן" 1856 (76) פילן זיך פּרעטענזיעס אויף עלעגאַנץ, פּראַנטישקייט און וועלטלעכקייט, וואָס ביי טאָלסטאָיען שאָקירט עס.

„אַלבערט", געשריבן אין דיזשאָן אין יאָר 1857 (77) איז שוואַך און נישט רעאַל, אָן דער טיפקייט און פּינקטלעכקייט, וועלכע זענען פאַר אים כאַראַקטעריסטיש. „דער טאָג־בוך פון מאַרקער"? 1856 (78) איז שוין שטאַרקער, נאָר נישט צייטיק, און ווי עס זעט אויס זאָל ער אויסדריקן דעם עקל, וואָס טאָלסטאָי האָט געפילט צו זיך אַליין.

זיין, דאָפּלגענגער, זיין צווילינג, באַגייט זעלבסטמאָרד אין אַ שפּיל־הויז:

„גאָט האָט מיר געגעבן אַלץ, וואָס אַ מענטש קאָן נאָר פאַרלאַנגען: רייכטום, כבוד, שכל און איידעלע־שטרעבונגען...איך האָב קיין שום פאַרברעכן נישט געטון, דאָך האָב איך געטון נאָך ערגערס דערפון: איך האָב אָפּגעטויט מיינע געפילן, מיין יוגנט... און וואָס האָט מיר אומגליקלעך געמאַכט. האָב איך דען פאַר־מאָגט אין מיר אַזאַ שטאַרקע ליידנשאַפט, וואָס זאָל מיר קענען פאַרענטפערן? ניין."

אַפילו די באַקענטקייט פון טויט ענדערט אים נישט.

„די זעלבע וואונדערלעכע אומאָרדנונג, נישט זיכערקייט און לייכטזיניקייט אין די געדאַנקן".

דער טויט. זיין שאָטן הויבט אָן אין דער צייט באַאומ־רואיקן טאָלסטאָיען, דריי פאָרמען טויט זאָגן שוין פאַר דעם פינ־טערן אַנאַליז „פון דעם טויט פון איוואַן איליטש", די עלנטקייט פונם שטאַרבנדיקן, זיין שנאה צו די לעבעדיקע, און זיין פאַר־צווייפלטער „פאַרוואָס?" דער דריי אַרטיקער טויט. פון דער ריי־

בער גוטבאַזיצערין, פון דעם אַלטן שווינדזוכטיקן פּורמאַן און דעם אויסגעהאַקטן יאַסענע בוים אָטעמט מיט גרויסקייט. די פּאַר־טרעטן זענען גוט געשילדערט, די בילדער זענען שטאַרק, כאָטש די געבונדנקייט אין דער דערציילונג איז אַביסל שוואַך און אין דעם טויט פון דעם יאַסענע בוים פעלט די טיפע פּאָעזיע, מיט וועלכער עס צייכנט זיך אויס אַלע זיינע פּייזאַזשן.

אין אַלגעמיין, קען מען נאָך נישט וויסן, וואָס אים גייט אַממערסטן אָן — קונסט לשם קונסט צו די מאָראַלישע טענדענץ. טאָלסטאָי האָט עס אַליין נאָך נישט געוואוסט.

אין אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן דעם 4-טן פעברואַר 1859, אַריינטרעטנדיק אין דער מאָסקווער געזעלשאַפט פון „ליבהאָבער פון דער רוסישער ליטעראַטור", האָט ער זיך אָנגעגעבן פאַר אַן אָנהענגער פון קונסט לשם קונסט (79) און דעמאָלט האָט דער פּאָרזיצנדער פון דער געזעלשאַפט, כאָמיאַקאָוו באַגריסנדיק טאָלסטאָיען, אַלס דעם פאָרשטייער פון דער ריינער קינסטלערישער ריכטונג, גענומען אויף זיך צו פאַרטיידיקן דאָס סאָציאַלע און מאָראַלישע אין דער קונסט, (80) ערשט אין איין יאָר שפּעטער, האָט אים דער טויט פון זיין באַליבטן ברודער ניקאָלאַי, וועלכער איז געשטאָרבן פון שווינדזוכט דעם 19 סעפּטעמבער 1860 אין היערע (81) אַזוי צוטרייסלט און אויפגערודערט, אַז ער האָט געענדערט זיין גלויבן און גוטס און איז געקומען צו דער אָפּלייקענונג פון דער קונסט:

„דער אמת איז שרעקלעך... נאָר, פאַרשטענדלעך, ביז וואַנס איז דאָ דער ווילן צו קענען אים און צו זאָגן, פלייסט מען זיך אים צו קענען און זאָגן.

דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס איז מיר געבליבן פון מיין מאָטישער וועלט... דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס איך וועל נאָך

טון, נאָר נישט אין דער פאָרם פון אייער קונסט. די קונסט דאָס איז דער ליגן און איך קען שוין מער נישט ליב האָבן דעם שענעם ליגן". (82)

נאָר ווייניקער נאָך ווי אין זעקס חדשים האָט שוין טאָל־סטאָי צוריקגעקערט צו דעם „שענעם ליגן" מיט דער דערציילונג „פאָליקושקע" (83), וועלכע איז אפשר די איינציקע צווישן אלע זיינע ווערק, וואָס פארמאָגט נישט קיין שום מאָראַלישע טענ־דענץ, אויסער די שטילע, פארבאָרגענע קללה דעם געלד און זיין שעדלעכער ווירקונג.

די דערציילונג איז אָנגעשריבן געוואָרן נאָר צוליב קונסט און זי איז טאַקע שיין.

אויב יאָ פאָרוואָרפן, קען מען איר אפשר נאָר דאָס, וואָס אין איר איז צופיל שפע פון באָאָבאכטונגען און מאַטעריאַל, וואָס וואָלט זיכער גענוג געווען פאַר א ראָמאַן, און אויך נאָך אין דעם שאַרפן, שוין צושאַרפן קאָנטראַסט צווישן דעם שרעקלעכן סוף און הומאָר-פולן אָנהייב. (84)

פון אָט דעם איבערגאנגס פעריאָד, אין וועלכן טאָלסטאָיס גייסטיגע וואקלט זיך, צווייפלט אין זיך זעלבסט און זעט אויס „וואָכער צו ווערן, „ אן אָ וועלכער ס'איז נישט שטאַר־קער ליידנשאַפט און לייטנדן ווילן", ענלעך צו געבליודאוון אינם „ א:בוך פון אָ מארקער"—איז געבוירן געוואָרן דאָס קלאָרסטע ווערק, וואָס ער האָט נאָר ווען עס איז נישט אי־געשאַפן, דאָס פאַמיליען-גליק 1859 (85).

דאָס ווערק איז דאָס וואונדער פון ליבע.

אין משך פון פיל יאָר איז טאָלסטאָי געווען דער פריינד פון דער פאַמיליע בערס. ער איז געווען פארליבט נאָך דער־ריי נאך איז דער מוטער און אין אלע דריי טעכטער. (86)

אויך אַן אמת איינגעליבט. האָט ער זיך אין דער צווייטער נאָר ער האָט נישט געהאַט די דרייסטקייט זיך מודה צו זיין אין דעם.

סאפיע אנדרייעווגע בערס איז נאָך געווען אַ קינד: זי האָט געהאַט זיבצן יאָר, ער—אריבער דרייסיק; ער האָט זיך באטראַכט פאַר אַן אַלטן מענטשן, וועלכער האָט נישט קיין רעכט צו פאַראייניקן זיין שוין אָפּגענוצט און פאַרפלעקט לעבן מיטן לעבן פון אַ יונג אומשולדיק מיידל.

ער האָט אויסגעהאַלטן אַזוי דריי יאָר. (87) דערנאָך האָט ער דערציילט אין אננא קארענינא, ווי ער האָט געמאַכט די דערקלערונג סאפיע בערס און ווי זי האָט אים געענטפערט — זיי האָבן ביידע מיט קרייד אויפן טיש געצייכנט די איניציאַלן פון די ווערטער, וועלכע זיי האָבן נישט געהאַט די דרייסט-קייט אַרויסצוזאָגן.

ווי לעווין אין אננא קארענינא, האָט ער פאַרמאָגט אין זיך אָט די אכזריותדיקע ערלעכקייט צו געבן זיין כלה דעם טאָג-בוך, כדי זי זאָל וויסן אַלץ פון זיין מיאוסן און זינדיקן עבר, און ווי קיטי און „אננא" האָט סאָפיע ביטער געליטן דערפון. דעם 23 סעפטעמבער ... איז פאָרגעקומען זייער חתונה.

נאָר, שרייבנדיק דאָס פאַמיליען-גליק, האָט ער נאָך מיט דריי יאָר צוריק געהאַט געשלאָסן אָט די חתונה און זיין פאַנטאַזיע.

נאָך מיט דריי יאָר צוריק האָט ער שוין פאָראויס גע-זאָט דורכגעלעבט די אומאויסדריקבאַר גליקלעכע טעג פון דער נישט נאָך דערקענטער ליבע און די פאַרשיכורדיקע טעג פון ליבע, וועלכע האָט זיך ערשט געדאַרפט אַנטפּלעקן.

די צייט, אין וועלכער עס שטאַמלען זיך די אַזוי לאַנג

ערוואַרטעטע וואונדערלעכע ווערטער, די טרערן „פונם אייביק פאַרשוואונדענעם און שוין נישט צוריקקערנדן גליק", די טריאומפירנדעווירקלעכקייט פון דער ערשטער צייט נאָך דער חתונה, דער עגאָאיזם פון דער ליבע, „די שטענדיקע פרייד אָן אַ שום אורזאַכע"; דערנאָך, די קומענדיקע מידקייט, נע-פּלדיקע אומצופרידנהייט, דער לאַנגווייל פונם איינטאָניקן לעבן, די שטילע צעשיידונג פון צוויי פאַראייניקטע נשמות און די דערווייטערונג איינע פון די אַנדערע, די געפערלעכע פאַרשיכורט-קייט פאַר דער יונגער פרוי מיט לעבן—קאָקעטעריע, אייפער-זוכט, העפטיגע קריגערייען, פאַרנעפּלטע, פאַרלוירענע ליבע; ענדלעך דער זיסער און אומעטיקער האַרבסט פון האַרץ, דער צוריקקער פונם ליבן געשטאַלט, דעם בלאַסן און אַלטן וואָס רירט אונדז נאָך מער דורך זיינע טרערן, קנייטשן און ערינע-רונגען פון געמיינזאַמע נסיונות, די חרטה אויפן צער, וואָס מען האָט איינער דעם צווייטן פאַרשאַפן און פאַר די פאַר-לוירענע יאָר—די שטילע ליכטיקע אָוונט רו, דער גרויסאַרטיקער איבערגאַנג פון ליבע צו פריידנשאַפט, פון אַ ליידנשאַפטלעכן ראָמאַן צו מוטערשאַפט... דאָס אַלץ, וואָס האָט געדאַרפט קומען אַלץ, האָט טאָלסטאָי דורכגעקלערט און דורכגעלעבט פאָרויס, און כדי דאָס שטאַרקער דורכצופילן, האָט ער עס דורכגעלעבט דורך איר, דורך זיין געליבטער.

צום ערשטן מאָל, און קען זיין צום איינציקסטן מאָל אין דער שאפונג פון טאָלסטאָי, קומט פאָר דער ראָמאַן אינם האַרץ פון אַ פרוי און ווערט דורך איר דערציילט, נאָר מיט וואָס פאַר אַ פיינער צאַרטקייט! דאָס איז די שיינקייט פון אַ נשמה, וואָס הילט זיך איין אין אַ לייכטן שלייער פון שע-מעוודיקייט.

דאָס מאָל האָט זיך טאָלסטאָיס אנאַליז אפּגעזאָגט פון אַ

אַ צו שאַרפֿער באַלויכטונג; ער האָט נישט ווי אַלעמאָל דעם פֿיבערדיקן ברען אויפֿצודעקן דער אמת.

די געהיימנישן פֿון אַן אינערלעך פֿאַמיליען-לעבן לאָזן זיך דאָרט גיכער טרעפֿן, ווייל זיי ווערן אָפֿן דאָרט נישט אַרויס-געזאָגט.

דאָס האַרץ און די קונסט פֿון טאָלסטאָיען זענען פֿיל ווייכער געוואָרן. ס'פֿעלט אַן האַרמאָנישער גלייכגעוויכט פֿון פֿאָרם און געדאַנק: דאָס „פֿאַמיליען-גליק" פֿאַרמאָגט אין זיך די גאַנצקייט אין פֿאָלקאָמענהייט, וואָס עס פֿאַרמאָגט אין זיך אַ ווערק פֿון ראַסינען.

די חתונה, די לייד און פֿרייד פֿון וועלכער טאָלסטאָי האָט פֿאַר געפֿילט מיט אַזאַ קלאָרקייט און בולטקייט, האָט באַדאַרפֿט זיין זיין רעטונג. ער איז געווען מיד, שוואַך, פֿול מיט פֿאַראַכטונג צו זיך און צו זיינע שטרעבונגען. דער גרויסן דערפֿאָלג פֿון זיין ערשטע ווערק האָט נאָכגעפֿאָלגט אַ פֿאָלקאָם פֿאַרשווייגן מצד דער קריטיק און אַ גלייכגילטיקייט מצד דעם פּובליקום, טאָלסטאָי האָט שטאָלץ געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז דאָס פֿרייד אים. „מיין פּאָפּולאַריטעט האָט פֿאַרלוירן, מען הערט מיר קוים קוים, און איך האָב דערפֿון פֿיל געליטן, נאָר יעצט בין איך רויק, איך ווייס, אַז איך האָב וואָס צו זאָגן און האָב דעם קראַפֿט אַרויסצוזאָגן עס הויך פֿאַר יעדן; און דערנאָך, וואָס דו ווילסט, רעד פּובליקום!" 88 נאָכהער האָט ער זיך געריכטעט: ער אַליין איז נישט געווען שטאַרק זיכער אין זיין שאַפֿן. דעם ליטעראַרישען אינסטרומענט האָט ער, אָן צווייפֿל גוט באַהערשט, נאָר ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו טון מיט איב, ווי ער אַליין האָט זיך אויסגעדריקט פֿון זיין „פּאָליקושקע", דאָס איז אַ פּלאַפּלעריי אויף דער עכטער בעסטער טעמע פֿון אַ מענטשן, וואָס ווייסט ווי צו באַהערשן די פֿעדער" (89) אין

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט האָט ער געהאַט אַ דורכפאַל. אין יאָר 1862 האָט ער דעמיסיאָנירט פון זיין שטעלע, אַלס געריכטס-פאַרמיטלער, אין דעם זעלבן יאָר האָט די פּאָליציי געמאַכט אַן אונטערזוכונג, אין יאסנאיאפּאָליאַנאַ אַלץ איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און פאַרמאַכט די שולע. טאָלסטאָי איז דעמאָלס נישט געווען אין דערהיים: זייענדיק אויסגעשעפּט און מורא האָבנדיק צו באַקומען שווינדזיכט, איז ער אַוועקגעפאָרן זיך היילן.

„די אַרומרייסעניש אַלס פאַרמיטלער, זענען מיר געוואָרן אַזוי שווער, די אַרבעט אין שולע אַזוי אומבאַשטימט, די ספיקות, וואָס האָבן זיך גענומען פון מיין ווילן לערנען אַנדערע און אין דערזעלבער צייט פאַרהוילן פון יעדן, אַז איך אַליין ווייס נישט וואָס מען דאַרף לערנען, זענען מיר געוואָרן אַזוי עקלהאַפט, אַז איך בין פאַרשלאָפט געוואָרן, און ס'קען גאַנץ מעגלעך זיין, אַז נאָך דעמאָלס וואָלט איך געקומען צו דער פאַרצווייפלונג, צו וועלכע איך בין געקומען 15 יאָר שפּעטער, ווען איך זאָל נישט געווען האָבן נאָך איין ווינקעלע אין לעבן, וואָס איז מיר נאָך נישט געווען באַוואוסט און וואָס האָט מיר צוגעזאָגט רעטן, דאָס איז געווען דאָס פאַמיליע לעבן (90) צוערשט האָט טאָלסטאָי זיך אָפּגעגעבן צו דעם בייען לעבן מיט דער פרייד, מיט וועלכע ער האָט זיך אָפּגעגעבן צו אַלץ (91) די פערזענלעכע השפּעה וואָס האָט געהאַט אויף אים די גרעפין טאָלסטאָי אין באַצוג צו דער קונסט איז געווען זייער אַ ווערטפולע. זייענדיק באַשאַנקן מיט אַ פיינעם ליטעראַרישן געשמאַק (92) איז זי געווען, ווי זי אַליין דריקט זיך אויס, „די פּאַסיקסטע פרוי פאַר אַ שרייבער", אַזוי שטאַרק האָט זי גענומען צום האַרצן די שאַפונג פון איר מאַן. זי האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט אים, געשריבן דאָס, וואָס ער האָט

איר דיקטירט און האט איבערגעשריבען זיינע שאפונגען אויף ריין [93] זי האט זיך געפלייסט אים באשיצן פונם רעליגיעזן דעמאן און געפערלעכן גייסט, פון וועלכן עס האט שוין צייטנ־ווייז אזוי געטון מיט טויט אויף זיין גאנצער קונסט. זי האט זיך געפלייסט, אז זיין טיר זאָל זיין צוגעשלאָסן פאר די סאציאלע אוטאפיעס [94] זי האט געוועקט אין אים זיין שאפנ־דיקן געניע. זי האט געטון נאָך מער: זי האט געבראַכט אָט דעם געניע נייע אוצרות פון איר ווייבלעכער נשמה. מיטן אויסנאם פון די שענע סילועטן אין „מיין קינדהייט" און אין „בקרות" איז די פרוי כמעט נישט פארטרעטן אין די ערשטע ווערק פון טאלסטאי, אָדער זי איז אָפגערוקט געוואָרן אויפן צווייטן פלאן. זי טרעט אויף ערשט אין „פאמיליע גליק", וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אונטערן איינפלוס פון דער ליבע צו סאפיע בערס. אין די פאלקנדיקע ווערק באגעגענען זיך שוין פיל טיפן פון יינגע מיידלעך און פרויען, געשילדערטע אזוי לעבעדיק, וואס שטייגט אפט איבער די שילדערונגען פון די מענער־טיפן. ס'איז אנגענעם צו גלויבן, אז די גרעפין טאָלסטאי האט נישט בלויז געדינט אלס מאדעל דעם מאן אירן פאר נאטאשא, אין „קריג און פרידן" [95] און פאר קיטי אין „אננא קארענינא", נאר אז א דאנק אירע פארטרויאונגען און אייגענע באאָבאכטונגען האט זי געקענט זיין פאר אים אויך א ווערט פולע און אינטימע מיט העלפערין, אייניקע זייטלעך אין „אננא קארענינא" [96] דאכט זיך מיר געבן באַזונדערס אויס די וויר־קונג פון א ווייבלעכער האַנט.

א דאנק אט דער וואוילטעטיקער פאראייניקונג, האט טאלסטאי און א משך פון צען פופצן יאָר פארזוכט דעם טעם פון אמתן שלום און גייסטיקע רו, וואס איז אים פון א לאַנגע צייט שוין נישט געווען באַוואוסט [97] דעמאָלס האט ער גע־

האָט די מעגלעכקייט, אונטער די פליגלען פון ליבע, צו דענקן און ברענגען צום אויסדרוק די גרעסטע מעגליכקייט פון זיין געדאנק אט די קאָלאָסאַלע מאָנומענטן, וואָס האָבן זיך דערהויבן און געהערשט איבערן ראָמאַן פונם ניינצטן יאָרהונדערט: „קריג און פרידן" (1889 — 1864) און „אננא קארענינא" (1877 — 1873).

„קריג און פרידן" איז די גרעסטע עפּאָפּייע פון אונדזער צייט, אַ מין מאָדערנע איליאַדע, עס ווימלט אין איר אַ גאַנצע וועלט פון טיפן און ליידנשאַפטן. און איבער די אָנצאָליקע כוואַליעס פון אַט דעם מענטשלעכן אָקעאַן שוועבט זיך רויק ארום אַ הערשנדיקער גייסט, וועלכער הויבט אויף און שטעלט איין די שטורעמס. נישט איין מאָל, קלערנדיק וועגן דעם ווערט, האָב איך מיר דערמאָנט אין האָמערן און אין געטען, נישט געקוקט אויף דעם גרויסן אונטערשיד וואָס איז דאָ צווישן זיי סיי אין גייסט, סיי אין צייט. ערשט דערנאָך האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אין דער אמתן האט טאַקע טאָלסטאָי געדאנק זיך געשפּייזט מיט האָמערן און געטען (98) אין דער צייט ווען ער האט געאַרבעט איבער קריג און פרידן. נאָך מער, אין די נאָטיצן פון 1865, וואו ער טיילט איין ליטעראַרישע שאַפונגען אין פאַרשידענע קאַטעגאָריעס, שליסט ער איין און איין קאַטעגאָריע; „אָדיסיי איליאַדע, 1805 !..." (99) די נאַטירלעכע אייגנשאַפט פון זיין טאַלענט האָבן אים געצויגן פונם ראָמאַן, אין וועלכן עס ווערט באהאנדלט נאָר דער גורל פון איינצעלנע מענטשן, צום קאָלעקטיוון ראָמאַן, וואו עס טרעטן אויף ארמייען, פעלקער, גרויסע מחנות מענטשן, די טרויעריקע פּראַקטיק וועלכע ער האָט זיך ערוואָרבן אין דער באַלאַגערונג פון סעוואַסטאָפּאָל האָט אים צוגעגרייט צו פאַרשטיין די נשמה פונם רוסישן פאָלק און זיין לאַנגיעריקע עקזיסטענץ. דאָס אומגעהויערע גרויסע ווערק „קריג און פרידן" האָט לויט זיין

פלאַן געזאָגט זיין נור דער צענטער פון אַ גאַנצער סעריע עפּישע פּרעסקן, און וועלכע עס זאָל זיך פונאַנדערוויקלען די פּאָעמע פון רוסלאַנד, אנהויבנדיק פון פּעטער דעם גרויסן ביז די דעקאַבריסטן (100).

עס איז נויטיק, כדי אַדורכצופילן די גאַנצע קראַפט פון אַט דעם ווערק, זיך אָפּצוגעבן אַ רעכנונג פון זיין פאַרבאָרגענער איינזאַמקייט (101) די מערהייט פון די פּראַנצויזישע לייענער, זייענדיק אַ ביסל קורצזיכטיק, זעען זיי נור די טויזנטער פּרטים אין איינצלהייטן. און אַט די שפע מאַכט זיי שטוינען און צעטומלט זיי צו גלייך, פאַרלירן זיך אין דעם דאַזיקן וואַלד פון לעבן. מען דאַרף זיך אויפהייבן העכער און אַרומנעמען מיטן בליק דעם פרייען האָריזאָנט, דעם קרייז פון וועלדער און פון פעלדער: ערשט דעמאָלט דערפילט מען דעם האָמערישן גייסט פונם ווערק, די רויקייט פון אייביקע געזעצן, דעם מעכטיקן, ריטמישן אָטעם פון גורל, די גאַנצקייט, מיט וועלכער ס׳איז געבונדן די אַלע איינצלהייטן און דער זשעניע פונם קינסטלער, וואָס שוועבט אויפן גאַנצן ווערק, ווי דער גייסט פון גאָט, וואָס האָט אַרומגעשוועבט אויף די וואַסערן אין די ששת ימי בראשית, צום אַלעם ערשטן, דער אומבאַוועגלעכער ים. דער פרידן, די רוסישע געזעלשאַפט ערב דער מלחמה־אויסברוך. די ערשטע הונדערט זייטלעך באַלויכטן מיט אַן אָביעקטיווער פּינקטלעכקייט און פיינער איראָניע די נישטיקייט פון דער העכערער רוסישער געזעלשאַפט. ערשט נאָכן הונדערטסטן זייטל, דערהויבט זיך דאָס געשריי פון איינע פון די לעבעדיקע מתים, פונם ערגסטן פון זיי, פונם קניאַז וואַסילי.

„וויפיל מיר זינדיקן, וויפיל מיר שווינדלען — און דאָס אַלץ צוליב וואָס? איך צייל שוין דעם זעקסטן צענדליק, מיין

פריינד... אלץ וועט זיך ענדיקן מיט טויט, אלץ... ווי שרעקלעך איז דער טויט!"

צווישן די אַלע קליינלעכע נשמות, ליגנערס און ליידיק גייערס, וועלכע זענען פּעיק געווען אויף אַלערליי האנדלונגען און פארברעכנס, ווערן געשילדערט אויך אייניקע געזונטע טיפּן; אויפריכטיק אמתע דורך זייער נאאיוויטעט, ווי פּעטער בעזוכאוו; אָדער דורך זייער איינגעוואורצלטער אָפּהענגי־קייט און אלט — רוסישע סענטימענטן, ווי מאריא דימיט־ריעוונא; אָדער דורך זייער יוגנטלעכער פרישקייט, ווי די יונגע ראסטאוו; נשמות גוטע און נאכגיביקע, ווי די פרינצעסין מאַר־יאַ; — און אזעלכע וואָס זענען נישט גוט, נאר שטאָלצע און אינערלעך ליידנדע און צעווייטיקטע פאר זייער נישט געזונטן אַרט לעבן, ווי דער פרינץ אנדריי.

נאר אָט גייט אַ דאַך דער ערשטער ציטער דורך די כוואליעס. ס'הויבן זיך אָן מלחמה־אָפּעראַציעס. די רוסישע אַרמעע אין עסטרייך. די אויבערמאַכט באקומט דער גורל, דער אין ערגעץ נישט אַזוי הערשנדיקער, ווי אין די אויפגעברויזטע סטיכישע כּוחות — אין דעם קריג. די אמתע אָנפירער זענען דוקא די וועלכע זוכן נישט די אָנפירערשאפט, נאר ווי קוטוזאָוו אין באגראַטיאָן, „מאכן דעם אנשטעל, אַז אלץ וואס איז פּאַר־געקומען אַ דאנק דער גוטוועלדיקייט דעם צופאל אין דעם ווילן פון די ערלעכע פירער, אז דאָס אלץ איז פאָרגעקומען אויב אפילו נישט דורך זייער באפעל, דאָך אָבער אין איינ־קלאנג מיט זייערע צילן. ס'איז גוט זיך איבערצוגעבן אין די הענט פונם גורל! דאס גליק פון אַן ערלעכן טאַט, איז אַ נאר־מאַלער און געזונטע צושטאַנד. די אויפגערודערטע געמיטע־קומען אין גלייכגעוויכט. דער פרינץ אנדריי אטעמט פריי און הויבט אן לעבן... און אין דער זעלבער צייט, ווען דאָרט, ווייט

פונם הייסן אָטעם פון די היי̈ליקע שטורעמס, זענען די צוויי בעסטע נשמות, פיער און די פריצעסין מאַריאַ, באַדראָט דורך דער אנטשעקונדיקער קרענק פון זייער סביבה, באַדראָט דורך דער פאַלשער ליבע, אנפלעקט זיך פלוצלינג, אנדרייען, דעם פאַרוואונדעטן ביי אויסטערליץ, אין סאַמע מיט פאַרשכורטקייט פון דער שלאַכט, דער אזוי ראש איבערגעריסענער, די רויקע אומענדלעכקייט. ליגנדיק אויפן רוקן האָט ער שוין גאָרנישט געזען „אחוץ דעם הימל, דעם הויכן, נישט לויטערן, דאָך אומענדלעך טיפן הימל מיט גרויע וואָלקענס, וועלכע האָבן זיך שטיל געשלעפּט איבער אים".

„ווי שטיל, רויק און פייערלעך, אינגאַנצן נישט אזוי, ווי בעת איך בין געלאָפן, האט אַ קלער געטון דער קניאז אנדריי... ווי אזוי זשע האָב איך נישט באַמערקט פריער דעם הויכן הימל, און ווי גליקליך בין איך, וואס איך האָב אים סוף־כּל־סוף דערקענט, יאָ, אַלץ איז גאָרנישט און אָפּגענאַרט, אויסער דעם אומענדלעכן הימל. גארנישט, גאָרנישט איז פאַראַן אויסער אים... און געלויבט זאל זיין דער נאָמען פון גאָט.

דאָך, כאַפּט אים צוריק אויף דאָס לעבן, אין די כוואַליע פאַלט אָפּ. איבערגעלאזט פון ס'ביי אויף זיך אַליין, אין דער דעמאָראַליזירנדער אטמאספערע פון שטאָט, בלאָנדזשען אום די פאַרצווייפלטע, אומרויקע נשמות אן אַ ציל אין דער פינצטערניש פון דער נאכט. צייטנווייז, מישט זיך צו נאָך צו דער פאַרסאַמטער לופט פון שטאָט די פרעכטיקע נאטור־ע"שיינונגען, וואס פאַרשכורן און מאַכן משוגע: דער פרילינג, די ליבע און די בלינדע נשמות, וועלכע דערנענטערן די שענע נאטאשא צום פרינץ אַנדריי און אין אמיבוט שפּעטער וואַ־פן זיי איר אריין אין די אָרעמס פון ערשטן, בעסטן פאַרפירער. אזוי פיל פאעזיע אַזויפיל צאַרטקייט און נשמה ריינקייט האט די וועלט פאַרשוועכט!

און איבער דער „באַליידיקנדיקער נידריקייט פון דעם אַלעם ערדישן" הערשט אַלץ דער הויכער הימעל. נאר די מענטשן זעען אים נישט. אפילו אנדריי האט אויך פאַרגעסן דאָס ליכט, וואס האט זיך אים אנטפלעקט אין אויסטערליץ. דער הימל איז געווען איצט פאַר אים נישט מער, ווי „אַ נידריקער, באַשטימטער און דריקנדיקער קיפּאָל", וואס האט צוגעדעקט די ליכטיקייט. ס'איז צייט, אז דער אוראגאַן פון מלחמה זאָל פונס'ניי צעשטורעמען איבער די גייסטיק געפאַלענע און דעגענערירטע נשמות. דאָס פאטערלאנד איז אָקופּירט, באראדינא, די גרויסע באדייטונג פונם טאָג, די שנאה פארשוואונדט דאלאכאָוו קושט זיין פיינט פיערן. דער פאָרוואונדערטער קניאז אַנדריי וויינט פון רחמנות און מיט-געפיל צום אומגליק פון אַ מענטשן' ווען ער האָט אממערסטן פיינט געהאט אנאַטאל קוראגין, זיין שכן אין פעלד-שפּיטאָל. ס'איז פארווירקלעכט געוואָרן די פאַראייניקונג פון הערצער דורך דער ליידנשאפטלעכער זעלבסט אויפאפּפערונג פארן פאטערלאנד און אין דער אונטערטעניגקייט די געטלעכע געזעצן.

„מען דארף אָננעמען שטרענג און ערנסט אט די שרעקלעכע נויטווענדיקייט (פון קריג) צומשווערסטן איז אונטערטעניג מאַכן די מענטשליכע פרייהייט פאר די געטליכע געזעצן... די פּשוטקייט איז די הכנעה פאר ווילן פון גאט. דער גייסט פונם רוסישן פאָלק און זיין אונטערטעניקייט דער השגחה, זענען פאַרקערפּערט אין פעלדמאַרשאל קוטוזאָוו:

„אט דער אַלטער, ביי וועלכן די ליידנשאַפטן זענען שוין געוואָרן נישט מער ווי אַ געוואוינהייט און דער שכל, דער קלאָרער פאַרשטאנד, וואס גרופּירט די געשעענישן און מאכט די נוי-טיגע אויספירונגען, נישט מער ווי אַ פעיקייט רויק אויפצונעמען דעם גאַנג פון די געשעענישן... ער וועט נישט האבן גארנישט קיין אייגנס. ער וועט אלץ אויסהערן, אלץ געדענקען און אַלץ

אויפֿקשטעלן אויף זײַן אָרט, נישט שטערן אויפֿטון עפּעס נוצלעכס אין דאס שעדלעכע נישט דערלויבן... אויסהערנדיק די באַריכטן האט זיך אויסגעדאַכט, אז ער אונטערעסירט זיך אינגאַנצן נישט מיט דער באַדײַטונג פֿון די ווערטער, וואס מען רעדט צו אים, נאר אז גאָר עפּעס אַנדערש אינם אויסדרוק פֿון די פּנימער, אינם טאָן פֿון די רעדעס אונטערעסירט אים. די לאַנגיעריקע קריגס־פּראַקטיק האט איהם געלערנט און זײַן עלטערער פֿאַרשטאַנד האט אים אויך אונטערגעזאַגט, אז דעם גורל פֿון אַ שלאַכט באַשליסט נישט די פֿאַראָרדונגען פֿונם פֿעלדמאַרשאַל..., נאר די אומבאַמערקבאַרע קראַפֿט, וואָס מען קען זי אָנרופֿן: די שטימונג פֿון דעם חיל... ער פֿאַרשטייט, אז עס איז דאָ עטוואָס שטאַרקעס און באַדײַטנ־דיקערס פֿון זײַן ווילן, דאס איז דער אומפֿערמײַדלעכער גאַנג פֿון די געשעענישן; און ער איז אומשטאַנד זיי צו זען, קען פֿאַרשטיין די באַדײַטונג זייערע און, צוליב אָט דער באַדײַטונג פֿאַרמאָגט ער אין זיך די אייגנטלעכע קראַפֿט זיך אָפּצוזאָגן פֿון אַנטייל נעמען אין אָט די געשעענישן, זיך אַפּצוזאָגן פֿון זײַן אייגענעם ווילן.

מיט איין וואָרט, ער האָט אַ רוסיש האַרץ. דער פֿאַטאַליזם פֿון דעם רוסישן פֿאָלק, דעם רויקן אין העראָישן, פֿאַרקערפּערט זיך אויך אין דעם אָרימסטן פּויער, פּלאַטאָן קאַראַטאַיעוו, דעם פּשוטן, פֿרומען און נאָכגיביקן מיט זײַן ווילדן שמייכל אין די מינוטן פֿון לייד און טויט. דורך פֿערזענלעכע לײַדן, דורך דעם חורבן פֿון פֿאַטערלאַנד און גסיסה־שרעקן קומען צוויי העלדן פֿון דעם ווערק, פּיער און אַנדריי, צו מאָראַלישער אויסלייזונג און רעליגיעז־מיסטישער פֿרייד, דורך ליבע און גלויבן דערזעען זי דעם לעבעדיקן גייסט.

טאָלסטאָי פֿאַרענדיקט נישט אויף דעם. דער עפּילאָג, וואס קומט פֿאַר אין יאָר 1820, איז דער איבערגאַנג פֿון איין

עפאכע צו דער צווייטער, פון די נאפּאָלעאָנס־צייטן צו די צייטן פון די דעקאבריסטן. עס מאַכט אויף אונז דעם איינדרוק, ווי עס זאל זיך ווייטער ציען, ווי עס זאל פאָרקומען א באַנייאונג פונם לעבן. אויפן אָרט פון צו אנהייבן און ענדיקן ביי א פאלקאמען איבערברוך, ענדיקט טאָלסטאי פונקט ווי ער האט אָנגעהויבן, אין דעם מאָמענט, ווען איין גרויסע כוואַליע שווימט אָפּ און די צווייטע ווערט געבוירן, און באַמערקט מען די צוקונפטיקע העלדן און זייערע צוזאַמענשטויסן צווישן זיך, שוין זעט מען אויפלעבן דעם גייסט פון די טויטע און די לעבעדיקע. איך האב מיר געפלייסט אויסצוגעפונען די הויפט ליניען פון דעם ראָמאַן: ווייל זייער זעלטן גיט מען זיך די מי זיי צו זוכן. נאר וואָס קען מען זאגן פון דער לעבעדיקייט, וועלכע שלאָגט מיט אזאַ אויסערגעוויינלעכער קראַפט פון די הונדערטער העלדן, זעלנער, פויערן, פריצים, רוסישע, עסטרייכער און פראַנצויזן, וואס אלע זענען זיי געשילדערט אינדיווידועל און אויף אזא אופן, אַז זייערע געשטאלטן שניידן זיך אויף לאנג איין אין אונדזער זכרון! קיין שום געקינסטלקייט פילט זיך נישט דא. צוליב אט דער גאלעריע פון טיפּן, וואס האט איר גלייכן נישט אין דער גאַנצער אייראָפּישער ליטעראַטור, האָט טאָלסטאי זיך געמאַכט אָן א צאָל נאטיצן, „ארומגעקלערט מילאנען אַלערליי מעגלעכע קאמבינאציעס”, געגראָבען זיך אין די ביבליאָטעקן, באַנוצט זיך מיט די ארכיוון פון דער פאַמיליע[103] מיט זיינע פריערדיקע נאטיצן און פערזענלעכע זכרונות. די פלייסיקע צוגרייטונג האט געמאַכט זיין ווערק סאָלידער און גרונטלעכער. נאר האט נישט געמינערט דאביי גארנישט פון זיין אייגנאַרטיקייט. טאָלסטאי האט געארבעט מיט ענטוזיאזם, מיט פלאם און מיט פרייד, וואס ווערט איבערגעגעבן דעם לייענער. באזונדער, דאס וואָס באצויבערט אונז אַממערסטן אין

„מלחמה און שלום", איז די יוגנטלעכע פרישקייט. אין קיין שום אנדער ווערק פון טאָלסטאָיען איז נישטאָ אזאַ רייכקייט פון קינדערשע און יוגנטלעכע נשמות; און יעדע פון זיי איז ווי אַ מוזיק, פון אַ לויטערן, קרישטאָלענעם קוואַל, וועמענס שענקייט עס רירט אונדז און פארכשופט, ווי אַ מעלאָדיע פון מאָצארטן: דער יונגער ניקאָליי ראסטאוו, סאָניע, דער קליינער און אָרעמער פעטיא.

די שענסטע פון אַלע איז נאטאשא. אָט דאס טייערע, אייגנארטיקע און לאַכנדיקע בילדל מיטן גוטן ל׳ בגדן הארץ, וועלכע מען זעט וואַקסן נעבן זיך און וועלכע מען פאָלגט נאָך אין לעבן מיט דער אָנפּניותדיקער צארטקייט, וואס מען קען האבן נאר פאר אַ שוועסטער, — ווער גלויבט עס איר נישט צו־האבן געקענט?... די וואונדערלעכע פרילינג נאכט׳ ווען נאטאשא פאנטאַזירט ביי איר פענצטער, דעם פארגאָסענעם מיט דער שיין פון דער לבנה און שטאמלט אומזיניקע ווערטער איבערן פענצטער פון פרינץ אנדריי, וועלכער נישט ווילנדיק הערט איר אונטער. די איפרעגונגען פון ערשטן באַל, די ליבע, די ערווארטונגען פון ליבע, די צעבליאונג פון די אומקלארע חלומות, דאס שפּאציר ביינאכט מיט אַ שליטן אינם שנייאיקן, כשופדיק שיינענדיקן וואַלד; די נאטור, וועלכע הילט אייך איין אין אזא אומעטיקער צארטקייט; אַן אָוונט אין אפערע, אין אַ פרעמדע וועלט פון קונסט, ווי דער מוח ווערט פארוויגט און פארשכורט; דער אומעט פון הארץ און די בענקשאַפט פונם גאַנצן גוף, וואס גייט אויס נאָך ליבע; די ליידן, אין וועלכע עס טובלט זיך די נשמה; די געטלעכע רחמנות, וואָס דערוועקט די גסיסה פון אַ געליבטן... ס׳איז אוממעגלעך ארויסצורופן אפילו די בלאַסע זכרונות אָן אַן אינערלעכער אויפרעגונג, גלייך עס זאל זיך האַנדלען פונם טייערסטן און באַליבסטן חבר. אָה! ווי לייכט איז אונדז צו דער

קענען, נאך אט דע טווען, צו שוואַכקייט פון די פרויען טיפן אין יעדן כמעט ראָמאן און טעאטער פון אונדזער צייט. דא איז אויפגעכאַפּט דאס לעבן אַליין, און אַזוי בויגזאַם, אַזוי פּליסיק, אַז אין יעדער שורה, דאַכט זיך, הערט מען עס רוישן און זיך באַגייען, די פּרינצעסין מאַריע, די שוואַכע און שעגע דורך איר גוטסקייט, איז געשילדערט נישט ווייניקער פאָלקאָם; נאר ווי וואָלט זי זיך פאַררויטלט אַז די נישט געשיקטע און שעמעוודיקע מיידל, ווי עס פאַררויטלען זיך אַלע, וואָס זענען ענלעך צו איר, דערזעענדיק אויפגעדעקט אַלע זייערע געהיימנישן, וועלכע זיי פּלייסן זיך, אין אַזוי פיל שרעק, צו פאַרהוילן פון אַלעמענס בליקן!

אין אַלגעמיין זענען די פרויען-כאַראַקטערן, ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן, פיל העכער פון די מענערישע, באַזונדערס, ווען מען זאָל זיי פאַרגלייכן מיט די צוויי העלדן, אין וועלכע טאָלסטאָי האט אריינגעלעגט זיין אייגענעם געדאַנק: די ווייכע און שוואַכע נאַטור פון פּיער בעזוכאָוו און דיליידנשאַפטלעכע אין טרוקענע פון פּרינץ אַנדריי באָלקאַנסקי. דאס זענען נשמות וואס האבן נישט קיין צענטער; זיי האַלטן זיך גיכער אין איין וואקלען, איידער אנטוויקלען; זיי גייען איבער פון איין פּאָליוס אויפן צווייטן, קיינמאָל נישט רוקנדיק זיך פאָרויס. מיר וועט מען, זיכער, אפענטפערן, אַז אין דעם באַשטייט טאקע זייער אמת רוסישער כאַראַקטער, איך וועל דאָך באַמערקן, אַז די רוסישע ווייזן אויך אָן אויף די זעלבע פעלערן. דרך אגב, אין דעם זין האט טורגעניעוו פאַרגוואָרפן טאָלסטאָיען די נישט רירעוודיקייט פון זיין אַרט פּסיכאָלאָגיע: „קיין אמתע אנטוויקלונג איז נישטאָ אין קיין שום כאַראַקטער, עס איז נאר דאָ וואקלעניש, וויבראַציעס פון איין און דעם זעלבן געפיל (104)". טאָלסטאָי אַליין האָט זיך מודה געווען, אַז, צייטנווייז, האָט ער

מקריב געווען די אין אינדיווידועלע כאַראַקטערן צוליב דער גאַנצקייט פון דעם היסטאָרישן פּרעסק (105)

און אין דער ווירקלעכקייט באַשטייט טאַקע דאָס גרויסע פאַרדינסט פון „מלחמה און שלום" נאָר אין דער אויפלעבונג פון דעם גאַנצן היסטאָרישן פּעריאָד, פון די איבערוואַנדערונגען פון פעלקער און זייערע קאַמפן. די אמתע העלדן פון דער צייט זענען די פעלקער; און אונטער זיי, ווי אונטער די העלדן פון האָמערן, די געטער וואָס פירן זיי: אומבאַמערקטע כוחות, „קלײנע עלעמענטן, וועלכע פירן אָן מיט די מאַסן", דער אָטעם פון אומענדלעכקייט. מיר פילן דעם לעגענדאַרישן הויך, וואָס טראָגט זיך פון די גיגאַנטישע קאַמפן, ווו דער פאַרבאַרגענער גורל פירט צונויף די בלינדע פעלקער. אויסער דער איליאַדע דערמאַנט עס נאָך אין די אינדישע עפּאָפּייען (106)

„אננא קאַרעגינא", וואָס איז ערשינען באַלד נאָך „מלחמה און שלום" איז געווען דער העכסטער פונקט פון רייפקייט אין דעם פּעריאָד (106) (דאָס ווערק איז שוין מער פאָלקאַם, עס באַמערקט זיך אין דעם אַ זיכערקייט אין די אייגענע קינסט־לערישע כוחות אין ס'איז רייך אין דערפאַרונגען.) דאָס איז שוין אַ מער פאָלקאַם ווערק, וועלכעס אָטעמט מיט זיכערקייט אין דער אייגענער קינסטלערשער מייסטערשאַפט, איז רייך אין דערפאַרונגען און פאַר וועלכן די וועלט פון הערצער האָט שוין נישט קיין שום געהיימנישן. נאָר עס פעלט אים דער יוגנטלעכער פלאַם, און די פרישקייט פון התלהבות — אַט די צוויי גרויסע פליגל פון „קריג און פרידן". טאָלסטאָי פאַרמאָגט שוין נישט מער די גרויסע פרייד, וואָס קומט פון שאַפן. די צייטווייליקע רו פון דער ערשטער צייט נאָך דער חתונה איז שוין פאַרשוואונדן. אין דעם פאַרכישופטן קרייז פון ליבע און קונסט, מיט וועלכן די גרעפין טאָלסטאָי האָט אים אַרומגערינגלט, וואַקסן אויס מאָראַלישע

ספקותן. שוין, אין די ערשטע קאפיטלעך פון „קריג און פרידן" א יאָר נאָך דער חתונה, ווייזט אונז דער שמועס פונם פרינץ אנדריי מיט פיער איף דער טעמע פון חתונה, די אנטוישונג פון א מענטשן, וואס זעט אין זיין באליבטער פרוי א פרעמד חזן, אַן אומשולדיקן פיינט, א שטערונג פאַר זיין מאָראלישער פארפאָלקאָמונג, אָן אַ שום בייזער כונה פון איר זייט. זיינע בריוו פון יאָר 1865 זאָגן אָן דעם נאָענטן צוריקקער פון רע־ליגיעזע ליידן. דערווייל איז עס נישט מער, ווי קורצע דראונ־גען, וועלכע עס פאַרטויבט דאס גליק פון לעבן נאר א מער שטאַרקערן שטויס דערפילט ער אין דעם חודש, ווען ער האָט געענדיקט „קריג און פרידן" אין יאָר 1869:

ער האט פאַרלאָזט די זייניקע אין אַוועקגעפאָרן אויף אַ באַר טאג אין זיינס א גוט. ביינאַכט אויפן געלעגער, ווען ס'האָט נאר וואָס געקלונגען צוויי פאַרטאָג:

„איך האָב מיר דערפילט שרעקלעך מיד, ס'האָט זיך גע־וואָלט אַנטשלאָפן ווערן און מער גאָרנישט. נאר פלוצים איז מיר באפאלן אזא נאגענטעקע בענקשאַפט און מורא, וועלכע איך האב נאך קיינמאָל נישט דורכגעפילט. די איינצלהייטן פון דעם געפיל, וועל איך דיר שפעטער איבערגעבן (107) ס'איז באמת געווען שרעקלעך, נאך קיינמאָל האב איך אזוינס נישט איבער־געלעבט. איך בין אראָפּגעשפרונגען פון בעט און געהייסן איינ־שפאַנען. נאר ביז וואנען מען האָט איינגעשפאַנט, בין איך צו־ריק אַנטשלאָפן געוואָרן און אויפגעשטאַנען שוין צוריק א געזונ־טער. נעכטן, פאַרנדיק, האָט דאס געפיל צו מיר צוריקגעקערט, נאר שוין אין א פיל שוואַכערער פארם"... (108)

דער שלאָס פון שענע אילוזיעס, וועלכער איז געבויט געוואָרן מיט אזוי פיל מי דורך דער ליבע פון דער גרעפין טאָלסטאי, האט זיך אָנגעהויבן שפאַלטן. נאכן ענדיקן פון „קריג

און פרידן" דערפילט דער קינסטלער צוריק אַ פּוסטקייט אַרום זיך און אים באַהערשן ווידער פילאָזאָפישע און פּעדאַגאָגישע מחשבות: (109) ער וויל שרייבן אַן „אלף־בית" פאַרן פאָלק און אַרבעט פלייסיק איבער דעם גאַנצע פיר יאָר; שטאַלצירט דאַמיט מער, ווי מיט „קריג און פרידן" און פאַרענדיקנדיק דאָס (1872) נעמט ער זיך צו אַ נייעם „אלף־בית" (1875). דערנאָך, באַקומט ער פּלוצים ליב די גריכישע שפּראַך גיט זיך אָפּ צו איר פון גאַנץ פרי ביז אין דער נאַכט, פאַרנאַכלעסיקט אַלע אַנדערע אַרבעטן און אַנדעקט דעם פּרעכטיקן „דעם פּרעכטיקן קסענאָ־פאָנט" און האָמערן, דעם אמתן האָמער, נישט פון די איבער־זעצונגען, „אַט די אַלע פּאַסן און זשוקאָווסקעס זינגען מיט עפּעס אַ מין האַנקעוואַטער־זיסער און קרעכצנדיקער שטים. און דער שד זינקט און שפּורט מיט אַלע כּוחות און ס׳פאַלט אים גאָרנישט איין אַז עמעץ קען זיך אונטערהערן". (110)

„מען קען נישט זיין געבילדעט, נישט קענענדיק די שפּראַך. איך האָב זיך איבערצייגט, אַז פון דעם אמת שענעם, פּשוט שענעם, וואָס דאָס מענטשלעכע וואָרט האָט ארויסגעגעבן, האָב איך ביז איצט נישט געוווּסט". (111)

דאָס איז אַ שגעון; ער אַליין אַנערקענט עס. ער נעמט זיך צוריק פאַר דער שבעלע אַרבעט, נאָר מיט אַזוי פיל פלאַם, אַז ער ווערט שלאַף. אין יאָר 1874 איז ער געצוונגט צו פאָרן אויף קומיס צו די באַשקירן און סאַמאַרסקע גובערניע. אויסער גריכיש, איז ער אומצופרידן מיט אַלץ.

צוליב אַ פּראָצעס אין יאָר 1877 איז ער ערנסט דעצידירט צו פאַרקויפן אַלע גיטער, וועלכע ער האָט אין רוסלאַנד און איבער־פאָרן קיין ענגלאַנד.

די גרעפין טאָלסטאָי איז פאַרצווייפלט:

„אויב דו וועסט אַזוי שוין כּסדר זיצן איבער די גריכן,

וועסטו זיך שוין נישט אויסהיילן. זיי האָבן עס אויף דיר ארויפ־געיאָגט די בענקשאַפט און אנגעשיקט מיט גלייכגילטיקייט צו דער געגנוואַרט. נישט אומזיסט הייסט גריכיש אַ טויטע שפּראַך, זי יאָגט אָן אויפן מענטשן אַ טויטן־שטימונג". (112)

סוף־כל־סוף, נאָך אַ ריי קוים אָנגעוואָרפענע און נישט געלונגענע פּראָיעקטן, טרעט ער צו דעם 13־טן מארט 1873, צו דער גרויסער פרייד פון דער גרעפין, צו „אננא קארענינא". (113) אין דער צייט, ווען ער ארבעט איבער דעם ווערק, קומען פאר אין זיין פּריוואטן לעבן פיל טרויעריקע פּאַרפאַלן, נאָענטע שטארבן און דאס ווייב ווערט שלאַף (114) „ס'הערשט נישט דאָס גליק ביי אונדז אין שטוב (115)"...

אין דעם ווערק באַמערקט זיך טיילוויז די ווירקונג פון אַט דער טרויעריקער דערפאַרונג און פון די אָפּגעקילטע ליידנ־שאַפטן, (116) אויסער די עטלעכע שענע קאַפּיטלען, אין וועלכע עס רעדט זיך פון לעווינס פאַרליבונג, פאַרמאָגט שוין נישט מער די ליבע אָט די יוגנטלעכע פּאָעזיע, וועלכע שטעלט אוועק אייניקע זייטלעך פון „מלחמה און שלום" אין איין שורה מיט דער שענסטער לירישער פּאָעזיע פון אַלע צייטן. נאָר דערפאַר, נעמט אָן דאָ די ליבע אַ הארטן, תאוהשן און הערשנדיקן כאַראַקטער.

דער פאטאַליזם, וואָס הערשט אין דעם ווערק דערמאַנט אונדז שוין נישט מער, ווי אין „קריג און פרידן", אין דעם גאָט „קרושנא", דעם אפּטויטנדיקן און רויקן, אין דעם גורל פון פעלקער, נאָר ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שגעון פון ליבען „Lor Venus toute ntiere"... עס איז דאָס, וואָס האָט, דער אומ־שולדיקער שענקייט פון אננא, וועלכער איז געווען באַצירט מיט אַ שוואַרץ זיידן קלייד פּיאַלעטעווע בלומעלעך, צו געגעבן „עטוואס דעמאָנישעס און באַצויבערנדיקעס (117)" אין דער ווונדערלעכער

סצענע פון באַל, ווען אננאַ און ווראָנסקי ווערן באַהערשט פון שטאַרקער ליידנשאַפט (וואס זיי אליין געפונען נישט דעם אויס־דרוק פאר איר,) וועלכע זיי אליין אנערקענען נאָך נישט. עס איז דאס, וואס מאכט אויפשטראַלן אננאַס פנים נאָך ווראנסקיס ליעבע־ערקלערונגען נישט פון פרייד נאָר „מיט דעם שרעקלעכן שיין פון אַ שרפה און אַ פינצטערער נאַכט; (118) עס איז דאס, וואס מאַכט פליסן אין די אָדערן פון אַן ערלעכער און באקלערטער פרוי, פון אַ יונגע און ליבענדע מוטער, דעם שטאַרקן זאַפט פון ליידנשאַפט, וואָס וואַקסט זיך צונויף מיט איר האַרץ און וועט שוין נישט פאַרלאָזן ביז אין פולן פאַרניכטן. יעדער וואס האָט זיך דערנענטערט צו אַננן האט נישט געקענט אויסמיידן דעם כשוף אירן און די שרעק פון דעם פאַרבאָרגענעם דעמאן וואס אין איר. קיטי אנטדעקט עס צום ערשטן מיט אַ שטילן ציטער. אַ געהיימע שרעק מישט זיך צו צו ווראָנסקיס פרייד, ווען ער גייט זיך זען מיט אננאַן. אין איר געגנוואַרט, פאַרלירט לעווין זיין גאַנצן ווילן. אננא אַליין פילט אויך, אז זי איז שוין מער נישט די הערשער'ן איבער זיך. מיט דער אנטוויקלונג פון די געשעענישן שלינגט איין די ליידנשאַפט ביסלעכווייז דעם גאַנצן מאָראַלישן אינהאַלט פון אָט דער שטאָלצער פרוי. דאָס שענסטע און בעסטע וואָס זי פאַרמאָגט, איר אויפריכטיקע און ערלעכע נשמה, ווערט שוואַכער און זינקט אַלץ נידריקער: זי האָט שוין נישט מער אין זיך די קראַפט אויפצואפפערן דעם וועלטלעכן אויסערלעכן גלאַנץ; זי האָט שוין נישט קען אַנדער ציל אין לעבן, אויסער געפעלן איר געליבטן; פאַרבארגנדיק טיף אין זיך די שרעק און בושה, פלייסט זי זיך נישט צו האבן מער קיין קינדער; די אייפערזוכט מוטשעט איר; די שטאַרקע תאוה, וועלכע פאַרקנעכטעט איר, נויט איר כסדר צו זאגן ליגן מיט די זשעסטן, מיטן קול, מיט די אויגן; זי פאַלט

ביז דער מדרגה פון די פּרויען, וואָס שטרעבן צו פאַרדרייען דעם קאָפּ יעדן איינעם מאנסביל, ווער ער זאָל נישט זיין; זי זוכט מיטלען צו פאַרגעסן זיך, זי וויל באַרישער ווערן און פרוווט עס דערגרייכן דורך מארפיום, ביז עס קומט אָן דער טאָג, ווען די אומדערטרעגלעכע ליידן, וואַרפן איר אַרונטער מיט אַ ביטער געפיל פון מאָראַלישער געפאַלנקייט אונטער די רעדער פון אַ צוג. „און דער קליינער מוזשיק מיט דער צע־שויבערטער באָרד" אַ פינצטער בילד, וועלכער האָט זיך געחלומט אננאַן און וראָנסקין, איז צום לעצטן מאָל ערשינען פאַר איר „און די ליכט, ביי וועלכע זי האָט געלייענט דאָס בוך פול שרעקן, פאַלשקייטן און ליידן, האָט צוערשט אויפגעפלאַמט מיט אַ שטאַרקערן שיין, באַלויכטן איר דאס אַלץ, וואָס איז פריער געווען אין שאטן, צעקנאקט זיך, שוואַכער געוואָרן, טונקעלער, און אויף אייביק זיך פאַרלאָשן"...

„איך האָב צוגעגרייט די נקמה" (119), האט גאָט געזאָגט...

ארום אט די טראגעדיע פון אַ נשמה, וועלכעס איז צעעסן געוואָרן פון ליבע אין דורכן געטלעכן געבאָט דערדריקט גע־ווארן — אַ בילד פון אויסערגעוויינלעכער טיף און אָנגעטריבן ווי מיט איין אָטעם — צעוואַרפט טאָלסטאָי, ווי אין „קריג און פרידן", נאָך אַ גאַנצע ריי ראָמאנען פון אנדערע לעבנס. ליידער אבער טראָגן דא אָט די אַלע פּאַראַלעלע געשיכטעס אביסל אָן אנגעצויגען לעבן און געקינצלטן כאַראַקטער און דערגרייכן נישט צו דער אָרגאנישער איינהייט פון אַ סימפאָניע, ווי ס'איז דער פאַל אין „קריג און פרידן". מען קען אויך באַמערקן, אז דער פאָלקאמער רעאַליזם פון איינצעלנע זייטלעך, ווי צ. ב. דאָס שילדערן די אריסטאָקראַטישע קרייזן אין פעטערבורג און זייער פוסטע שמועסן, גרענעצט זיך מיט אַ זוינעם, וואס איז אינגאַנצן איבריק. צום לעצטן איז כדאי צו באַמערקן, אז אין דעם ווערי

שטעלט טאָלסטאי אנטקעגן דעם טעגלעכן לעבן נאך מער בולטער, ווי אין „קריג און פרידן” זיין אייגענע מאָראַלישע פערזענ־לעכקייט און זיינע פילאזאפישע אידעען. נאר די ווינדערלעכע רייפקייט פונם ווערק ווערט דערפון נישט ווייניקער. די זעלבע שפע פון טיפן, ווי אין „קריג און פרידן”, און אלע געשיל־דערט מיט דער זעלבער מאָס ערלעכקייט און נאטירלעכקייט. מיר דאכט זיך, אז די מענער־פארטרעטן שטייגן נאך דאָ איבער. באזונדער איז טאלעסטאָיען געפעלן געוואָרן צו שילדערן דעם ליבן עגאאיסט, סטעפאַן ארקאַדיעוויטש, אויף וועמענס פריינט־לעכן שמייכל ס'איז אוממעגלעך געווען נישט צו ענטפערן מיט דעם זעלבן און קארעבינען, אט דעם פאָלקאמען טיפ פון אן אויפריכטיק־ערלעכן און באגרענעצטן מלוכה־מאַן, מיט זיין גע־וויינהייט צו פארדעקן די אמתע געפילן אונטער א שלייער פון לייכטער איראניע; דאס איז א מישמאש פון זעלבסטווירדע און פחדנות פון צביעות און קריסטלעכע געפילן; אן אָריגינעלע פראָדוקט פון א געקינצעלטער סביבה, פון וועלכן ער האט זיך נישט געקענט באפרייען, נישט קוקנדיק אויף זיין אינטעליגענץ אוןווירקלעכער גרויסמוטיקייט, און ער האט געהאט רעכט נישט גלייבנדיק זיין הארץ; ווייל אָפגעבנדיק זיך אים, איז ער סוף כל סוף אריינגעפאלן אין א מיסטישער שטות.

נאר דער הויפט אינטערעס פונם ראָמאן צוגלייך מיט דער טראגעדיע פון אננאן און די פארשידענע בילדער פון דער רוסישע געזעלשאפט אין די זעכציקער יארן — די סאלאָנען, אפיצירישע קרייזן, באלן און טעאטערן — איז זיין אויטאָביא־גראפישער כאראקטער. קאָנסטאנטין לעווין שטעלט מיט זיך פאר די פארקערפערונג פון טאָלסטאָיען מער ווי וועלכער ס'איז נישט איז אנדערער העלד זיינער, נישט נאָר זיין אייגענעם גלויבן אין אידעען, זיין קאָנסערוואטיזם און דעמאָקראַטיזם, זיין אנטי־

ליבעראַליזם פון אַן אריסטאָקראַטישן פויער, וואס פאראכטע אינטעליגענטן (120), האט טאָלסטאי צוגעשריבן דעם העלד, נאר אויך די שטריכן פון זיין אייגן לעבן. די ליבע פון לעווינען און קיטין און די ערשטע יאָרן נאך זייער חתונה איז נישט מער, ווי אייגענע זכרונות? פונקט אזוי איז דער טויט פון לעווינס ברודער נישט מער ווי אַ ווייטיקלעכע ערינערונג פונם טויט פון זיין אייגענעם ברודער, דימיטרי. די לעצטע טייל, וואס איז אינגאַנצן אומנוצלעך פארן ראָמאן גופא, דעקט אונדז אויף דעם דעמאָלסטיקן אינערלעכן צושטאַנד פון טאָלסטאיען. אויב דער עפילאָג פון „קריג און פרידן" איז אַ קינסטלערישער איבערגאנג צו אַ צווייט, פארקלערט ווערק, איז דער עפילאָג פון „אננאַ קארענינא" אן איבערגאנג צו אַ מאָראלישע איבערקערעניש, וואס האט זיך מיט צוויי יאָר שפעטער אויסגעדרוקט אין „מיין ווידוי". נאר אין משך פונם גאַנצן ראָמאַן קערט זיך טאָלסטאי אַלעמאל אום׳ אמאל ליידנשאפטלעך און אַמאָל איראניש, צו קריטיקירן די געגנווערטיקע געזעלשאַפט, וועלכע ער הערט נישט אויף צו באקעמפן אויך אין זיינע ווערק. אַ קאמפף דעם ליגן, אלערליי ארט ליגן, ווי דעם, וואס רעדט אין נאָמען פון דערלייזונג אזוי דעם וואס רעדט אין נאָמען פון געמיינהייט! אַ קאמפף דעם ליבעראלן פלאפלעריי, דעם פוסטן, וועלטלעכן גלאַנץ, דער רעליגע פונם סאַלאן און דער פילאנטראָפיע! אַ קאמפף דער גאנצער געזעלשאַפט, וואס פאַלשעוועט די אמתע און אויפריכטיקסטע געפילן, וואס שעמט זיך מיט די פיינסטע און איידעלסטע נשמה אויסברוכן! דער טויט וואַרפט אַ פלוצלינדיקע שיין אויף אָט די אלע געזעלשאַפטלעכע ליגנס.

דער שטענדיק אָנגעצויגענער קארענין ווערט ווייך ביים אנבליק פון דער שטאַרבנדיקער אננא. אין דער נשמה אן לעבן, ווי אַלץ איז געקינצלט, דרינקט אריין אַ שטראל פון ליבע

און קריסטלעכער פאַרצייאונג. אלע דריי, דער מאַן, די פרוי און דער געליבטער ווערן מאָמענטאַל איבערגעביטן. אלץ ווערט אזוי ערלעך און פשוט. נאר ווי אננא הויבט אָן קומען צו זיך, דערפילן זיי אַלע דריי „אז אויסער דער מאָראַלישער קראַפט, וואס האט אָנגעפירט מיט זייער נשמה, האט עקזיסטירט נאך אַ צווייטע, גראָבע קראַפט, אזא שטארקע אדער נאָך אַ מער שטאר־קערע, וועלכע האט פונקט געהערשט איבער זיי און אָט די קראַפט וועט זיי נישט געבן די גויטיקע רו, וואס זיי פארלאנגען. און זיי האבן עס געוווסט פאָרויס, אז זיי וועלן זיין אונמעכטיק אינם קאמפף, אין וועלכן מען וועט זיי נויטן צו טון דאָס, וואס איז שלעכט נאר וואס פאר דער וועלט זעט עס אויס צו זיין אויך גוט. (121)

אויב לעווין, ווי טאָלסטאי, וועמען ער האָט פארקערפערט לייטערט זיך אַליין אויך אינם עפילאג פונם ראָמאַן, איז עס נאר דערפאַר, ווייל דער טויט האָט זיך צוגערירט אויך צו אים. ביז אין דער צייט, „האט ער גלויבן נישט געקענט און איינצייטיק אויך נישט געוועזן פעסט איבערצייגט אין דעם, אז דאס זאָל זיין נישט ערלעך (122)”. פון דער צייט אָבער, ווען ער האָט געזעען דעם טויט פון זיין ברודער, כאַפּט אים ארום די שרעק פון נישט וויסן. די חתונה, זעט אויס, האט אויף אַ שטיקל צייט פאַרטויבט די ליידן, נאר מיטן געבוירן ווערן פונם ערשטן קינד, האָבן זיי זיך צוריק אומגעקערט. ער לעבט אַ דורך פאַרשידענע גייסטיקע איבערברוכן פון גלויבן און אומגלויבן אומזיסט שטודירט ער די פילאזאפן. און זיין אומגלויבן, דער־גייט ער ביז אין דער מורא זיך אונטערצוגעבן דער מאניע פון זעלבסטמאָרד. נאר די פיזישע אַרבעט בארויקט אים: דא איז נישטאָ קיין שום ספקות, אַלץ איז קלאָר. לעווין שמועסט מיט די פויערן און איינער פון זיי דערצעלט אים פון מענטשן,

וועלכע „נישט צוליב זייערע גויטן לעבן זיי, נאָר צוליב גאָט דאָס איז פאַר לעווינען אַן אנטפּלעקונג, ער זעט דעם געגנזאַץ צווישן דעם שכל און הארץ. דער שכל לערנט אונדז, וועלט, צו קעמפן פאר אונדזער עקזיסטענץ; און דער ליבע צו נאָענטע איז נישטאָ גאָרנישט פון אָט דעם שכלדיקן:

„יאָ, דאָס, וואס איך וויים, ווייס איך נישט פונם שכל, עס איז מיר אַנטפּלעקט געוואָרן און איך פיל עס מיט, האַרץ (123)".

פון דער צייט האָט זיך אומגעקערט צו אים די רו. איין וואָרט פון א פשוטן פויער, וואָס לאָזט זיך אינגאַנצן פירן דורכן הארץ, האָט אומגעקערט לעווינען צוריק צו גאָט... צו וועלכן גאָט? ער האָט עס נישט געזוכט צו וויסן. לעווין איז צו דער צייט, פול מיט הכנעה צו דער קירכע, ווי טאָלסטאי וועט עס נאָך זיין א לענגערע צייט, און רעוועלטירט נישט אין האַרצן אַנקעגן קיין שום רעליגיעזן געבאָט.

„דער הימל וועלכן איך זע איז נישט אָפּגענאַרט. איך בין אָבער אויך גערעכט ווען איך זאָג, אַז די שטערן באַוועגן זיך (124)".

די ליידן און פרוון צו באַגיין זעלבסט-מאָרד, וואס לעווין האט פארבאָרגען פון קיטין, האט טאָלסטאי צו דער זעלבער צייט אויסבאַהאלטן פון זיין פרוי. נאר ער האט נאָך נישט גע-האט דערגרייכט די גייסטיקע רו, מיט וועלכע ער האט באשאָנקן זיין העלד. דעם אמת זאגנדיק איז די רו אינגאַנצן אומגלויבלעך. ס'פילט זיך, אז ער האט פיל מער געשטרעבט נאָך רו, ווי ער האט עס פארווירקלעכט און אז צו יעדער צייט איז לעווין צו-ריק אריינגעפאלן אין זיינע ספקות. טאָלסטאי אַליין האט זיך אין דער הינזיכט נישט אָפּגענאַרט. עס האט אים געקאָסט פיל מי צו פארענדיקן דאס ווערק. „אננא קאַרעניגא" האט אים דע-

רעסן נאָך איידער ער האט זי פארענדיגט. (125) ער האט נישט געקאָנט ווייטער ארבעטן. ער איז געוואָרן פויל, אָן ווילן, אינגאנצן באהערשט פון אַ ווידערווילן און אַ שרעק פאר זיך אליין. דעמאָלט האט זיך אין דער לערקייט, פון זיין לעבן, פון טיפן אָפגרונט אויפגעהויבן א שטורם־ווינט, דער שגעון פון טויט. פון דער שרעק־לעכער צייט דערציילט טאלסטאי פיל שפעטער, ווען ער האט זיך שוין געהאט דערווייטערט פונם אָפגרונט (126).

„דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען איך האָב נאך נישט גע־האַט קיין פופציק יאָר, זאָגט ער (127), איך האָב געהאַט א גוטע ליבנדע און געליבטע פרוי, גוטע קינדער און אגרויס פאַרמעגן... איך האָב געקענט רעכענען, אז מיין נאָמען איז באַרימט... דאבּיי בין איך געווען פאָלקאם געזונט סיי קערפערלעך, סיי גייסטיק. פיזיש האָב איך געקענט אַרבעטן 10—8 שעה אָן אויפהער און נישט פילן קיין שום פאלגן פון אַזאַ שטאַרקער אנשטרענ־גונג. נאָר פּלוצים האט זיך מיין לעבן ווי אָפגעשטעלט. איך האָב געקאָנט אָטעמען, עסן, טרינקן, שלאָפן... נאר קיין לעבן איז עס נישט געווען, ווייל איך האָב נישט געהאַט קיין שום פארלאנגען, וועמענס באפרידיקונג איך זאָל געפונען פאַר נויטיק איך האב געוואוסט אַז... עס איז נישטאָ וואס צו פאַרלאנגען. אפילו דעם אמת געפונען האָב איך נישט געקענט פאַרלאנגען... ווייל דער אמת האט נישט מער, ווי באשטעטיקט, אז דאָס לעבן איז אַן אומזין. איך בין... געקומען צו א אָפגרונט, און איך האָב דערזעען קלאר אז פאר מיר איז גאָרנישט דאָ, אויסער פארניכטונג... איך, א געזונטער, גליקלעכער מענטש, האָב דער־פילט, אז איך קען מער נישט לעבן, אן אומבאַזיגבארע קראַפט האט מיך באַהערשט זיך צו באַפרייען פונם לעבן, מען קען נישט זאָגן, אז איך האָב מיך געוואָלט הרגענען. די קראַפט וועלכע האט מיך אַפּגעשטויסן פונם לעבן. איז געווען שטאַרקער,

פולען, מער אלגעמיינער פונם ווילן. עס איז געווען די זעלבע קראַפט וואָס האט מיך פריער געצויגן צום לעבן, נאר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. דער געדאַנק (פון זעלבסטמאָרד) איז געווען אַזוי פאַרפירעריש. אז איך האָב געמוזט באַנוצן אלערליי שפּיצלעך אום נישט אזוי שנעל אים צו פאַרווירקלעכן. און אָט דעמאָלט האב איך, אַ גליקלעכער מענטש, באהאלטן פאַר זיך אליין די שטריק, כדי זיך נישט אויפצוהענגען אויפן שטאַנג צווישן די שאַפעס פון מיין חדר, ווי איך בין כמעט יעדן טאג געווען אַליין, אויסטועענדיק זיך, און איך האָב אויפגעהערט גיין מיט דער ביקס אויף יאַגד כדי נישט צו ווערען פארפירט פונם גרינגען אופן זיך צו באפרייען פונם לעבן (128). מיין לעבן, האט זיך מיר אויסגעדאכט, איז נישט מער ווי אַ גארעשער און און שלעכטער שפּאַס, וואָס עמיצער האָט זיך געמאַכט... נישט וועלנדיק האט זיך מיר פאַרגעשטעלט, ווי גאַנצע 30—40 יאר אנטוויקל איך מיך לערן מיך און איצט שטיי איך... און פאַרשטיי אזוי קלאָר, אַז אין לעבן איז גאָרנישט דאָ... און גארנישט וועט פון מיר איבערבלייבן אויסער ווערים און אַ שלעכטן ריח... מען קען לעבן נאָר ביז דאַנען, ביז וואַנען מען איז מיטן לעבן פאַרשכורט; קוים אָבער ניכטערט מען זיך אויס, אזוי איז אוממעגלעך נישט איינצוזעען, אז דאס אַלץ איז נישט מער, ווי אַ שווינדל און אַ גארעשער שווינדל... די ליבע צו דער פאַמיליע און צו דעם שרייבעריי, וואס איך האָב אנגערופן קונסט, האבן מיך נישט באַפרידיקט מער. די פאַמיליע, האב איך מיר געזאגט, פרוי, קינדער — זיי זענען אויך מענטשן. זיי געפינען זיך אין די זעלבע באדינגונגען, וואס איך: זיי מוזן אויך אָדער לעבן און שווינדל, אָדער דערזעען דעם גאַנצן שרעקלעכן אמת... אין די קונסט, פּאָעזיע? די אָפּשפּיגלונגען פונם לעבן אין דער קונסט און אין דער פּאָעזיע האבן מיר שטענדיק פאַרשאפט

פארגניגען. מיר איז אָנגענעם געווען צו קוקן אויפן לעבן אין אָט דעם שפיגל פון קונסט... נאר אז איך האָב זיך דערוווסט, אז דאָס לעבן איז אַ שרעקלעכער אונזין, האט מיר שוין די שפיל אין אָט דעם שפיגל אויפגעהערט צו פאראינטערעסירן... נאָר דאָס איז נאָך געווען ווייניק... איך האָב זיך נישט געקענט באַרויקן... איך האָב געהאַט דאס געפיל פון אַ מענטשן, וואס איז פארבלאָנדזשעט געוואָרן אין אַ וואלד, און אַנערקענענדיק דאס, ווערט ער באהערשט איגגאַנצן פון שרעק, וואַרפט זיך אויף אַלע זייטן, כדי זיך ארויסצוקלויבן אויף אַ וועג און פאַלט און וואָס מער ער גייט, אַלץ מער פארפלאָנטערט ער זיך...

די רעטונג איז געקומען פונם פאָלק. טאָלסטאָי האט שטענדיק געפילט צו אים „אַ מאָדנע פיזישע ליבע" 129, וועלכע עס האָבן נישט געקענט צושטערן אפילו די שוין נישט איינמאָל דערפארענע סאָציאַלע אנטוישונגען. אין די לעצטע יארן האט זיך טאָלסטאָי, ענלעך צו לעווינען, שטארק דערנענטערט צום פאָלק 130) ער האט זיך פערקלערט איבער די מיליאָנען מענטשן, וואס שטייען אויסער דעם ענגען קרייז פון געלערנטע, רייכע און ליידיקגייערס, וועלכע נעמען זיך דאס לעבן, שטרעבן זיך צו פארגעסן, אָדער פירן, ענלעך צו אים, אַ גרוי האפנונגלאָז לעבן, און ער האט זיך געפרעגט, פארוואָס פאַלן נישט אריין אין פארצווייפלונג אָט די מיליאָנען מענטשן, פארוואס באגייען זיי נישט קיין זעלבסטמאָרד? דעמאָלט האט ער באמערקט, אַז זיי לעבן אן דער הילף פונם שכל, נישט מאכנדיק זיך קיין שום עסק מיט אים — זיי לעבן מיטן גלויבן. וואס ז'שע איז דאס געווען פאר אַ גלויבן, וואָס האָט נישט אַנערקענט דעם שכל?

„דער גלויבן איז די קראַפט פונם לעבן. אָן גלויבן קען מען נישט לעבן... דער באגריף פון אַן אומענדליכן גאָט, דער

מאראַלישער, מענשלעכער באגריף פון גוטס און שלעכטס, דאס זענען אַלץ באגריפן, וואָס ווערן אויסגעאַרבעט אין דער פאר־באָרגענער אומענדלעכקייט פונם מענטשלעכן געדאַנק... אין די ענטפערס, וואָס דער גלויבן גיט אונדז, ליגט פארבאָרגן דער טיפסטער מ נטשלעכער שכל"

נאר צו איז דען שוין דאס אליין גענוג, אויב מען ווייסט די טרוקענע געזעצן פון אט דער קלוגער לערע, וועלכע גע־פונען זיך אין די רעליגיעזע ביכער? –

ניין, דער גלויבן דאס איז קיין וויסנשאפט, קיין טעאָריע, דאס איז דער טאט; ער האט קיין שום זין, ווען מען לעבט נישט מיט אים. דער עקעל, וואס האט זיך דערוועקט און טאָל־סטאָיען ביים אַנבליק פון רייכע און לאָגיש־דענקנדיקע מענטשן, פאר וועלכער דער גלויבן איז געווען נישט מער ווי אַן „עפי־קורייאישע טרייסט אין לעבן", האט אים ענדלעך געשטויסן צו די פשוטע מענטשן, וועלכע לעבן אין פולן שלום מיט זייער גלויבן, און ער האָט פארשטאַנען, אז דאס לעבן פונם ארבעטנ־דיק פאָלק, דאס איז דאס אמתע לעבן און אז דער זין, וואס מען גיט צו אָט דעם לעבן, איז דער אמת אַליין.

נאר ווי אַזוי קען מען זיך באהעפטן מיטן פאָלק, ווי אזוי טיילן זיין גלויבן? ווי גוט מיר זאָלן נישט וויסן, אז דער אמת איז מיט אנדערע, וועלן מיר דאָך נישט קענען ווערן ווי זיי. אומזיסט בעטן מיר גאָט, אומזיסט שפרייטן מיר אויס צו אים אונדזערע בעטנדיקע הענט, גאט אַנטלויפט פון אונדז. וואו זאלן מיר אים געפונען?

און אָט איז אין איין טאג גאָטס חסד פאר אים ער־שינען.

„איך געדענק, ס'איז געווען אין אָנהויב פרילינג, איך בין איינער אַלייז געווען אין וואלד און זיך צוגעהערט צו

ריינע וואונדערלעכע קולות. איך האב זיך צוגעהערט און געקלערט אַלץ פון איינעם, ווי איך האָב עס שטענדיק געטון און די לעצטע יאָרן איך האָב ווידער געזוכט גאָט... איך האָב זיך דערמאַנט אין די הונדערטע מאָל אפשטאַרבן און אויפלעבן, וואס איז פאָרגעקומען אין מיר... און געקומען בין איך צום אויספיר, אַז לעבן האב איך געלעבט נאר דעמאָלט, ווען איך האב געגלויבט אין גאָט...

און ווידער האָבן זיך ביי דעם געדאַנק אויפגעהויבן אין מיר פריידיקע כוואַליעס פון לעבן. אַלץ ארום מיר האט אויפגעלעבט און באַקומען א זין... ווי אַזוי ס'איז פריער געווען, איז איך איצט; ס'לוינט זיך נאר אומקערן צו גאָט, און איך וועל אויפלעבן; פאַרגעסן, נישט גלויבן אין אים, און איך שטאַרב... טאָ וואס זשע נאך זוך איך? האט אַן אינערלעכע שטים אין מיר אויפגעשריגן. אָט דאס איז עס דאָך, ער איז דער, וואָס אָן אים גיט קיין לעבן נישט. דערקענען גאָט אין לעבן — איז דאך איינס אין דאס זעלבע. גאט איז לעבן... און דאס ליכט האט מיר שוין מער נישט פאַרלאָזט". [131] ער איז געווען גערעטעט. גאט האָט זיך צו אים באַוויזן. [132] נאר אַזוי ווי ער איז נישט געווען קיין אינדישער מיסטיקער, וועמען דער עקסטאז אַליין באפרידיקט שוין, ווייל צו זייער פאנטאזיעס, אַלס אַזיאט, האָבן זיך צוגעמישט אויך די לאָגיק און דער ווילן צו טון פונם מערב מענטש, האט ער דערפילט די נויטיקייט צו פארוואַנדלען זיין אַנטפּלעקונג אין פראקטישן גלויבן און ארויסציען פון אָט דעם העכערן, געטלעכן לעבן געזעצן פארן טאָגטעגלעכן לעבן. אן אַשום אונטער כונה, מיט אַן אמתן ווילן זיך צו פאראייניקן און איבערגעבן דעם גלויבן פונם גאַנצן פאָלק, האט ער זיך גענומען שטודירן דעם פראוואָסלאווישן גלויבן. [133] כדי זיך מער דערנענטערן צו אים, האט ער אין

משך פון דריי יאָר אויסגעפּאָלגט אלערליי רעליגיעזע צערעמאָניעס, זיך מתודה געווען, פאראייניגט זיך, נישט געוואלט צו שטעלן קיין קשיות אויף דעם, וואס האט אים בעאַרט, אליין זיך גע־פלייסט צו פאַרענטפערן דאס, וואָס האט אים אויסגעזען טונקל און נישט פארשטענדלעך, צוזאַמענגיסנדיק זיך אינם גלויבן מיט אַט די אַלע, וואָס ער האט געליבט, די לעבעדיקע, ווי די טויטע, און אַלץ געהאָפט, אז עס וועט קומען די שעה און „די ליבע וועט אים עפענען די טויערן פון אמת" — נאר דאס אַלץ איז געווען אומזיסט: זיין שכל און זיין האַרץ האָבן זיך געבונטעוועט. אזעלכע צערעמאָניעס, ווי די קרייציקונג און פאַראייניקונג האבן אים אויסגעזען פארפירעריש. ווען מען האט אים געגויט איבער־צוחזרן, אז די האסטיע איז דער אמתער קערפער און דאס בלוט פון יעזוסען, האט עס אים ווי מיט אַ מעסער „אַ שניט געטון אין האַרץ" דאך זענען עס געווען נישט די דאגמאטן, וואס האבן אויפגעוועקט צווישן אים און דער רעליגיע אַ נישט דורכ־דרינגלעכע וואַנט, נאר ריין פּראַקטישע פּראָבן, באַזונדערס צוויי: די שנאה און אומטאלעראַנץ פון איין רעליגיע צו דער צוויי־טער (134) אין די פּארמולע אדער שטילע באַשטעטיקונג פון מאָרד, מלחמה און טויט־שטראָף. דעמאָלט האט טאָלסטאָי איבער־גאנגען איבערגעריסן מיט דער רעליגיע און דאס איבעררייסן איז געווען אז ווי שאַרף, אז אין דריי יאָר שפּעטער האט טאָלסטאָי איינגאנצן דערשט יקט דעם געדאנק, אין האָס האט ער מיט די פיט געטרעט ן די רעליגיע, וועלכע ערשט נעכטן האָט ער אזוי איינגעשפּאַרט פּאַרשפּרייט. אין זיין „קריטיק פון דער דאָגמאַטי־שער טעלאָגיע" (1875—1881) רופט ער אָן די רעליגיע נישט נאר אָן אונזין, נאר אַ באוווסט־זיניקער ליגן פון מענטשן, וואס האבן אויסגעקליבן די רעליגיע אלס מיטל צו דערגרייכן זייערע אייגענע פּערזענלעכע, צילן (135) ער שטעלט איר אנטקעגן די

איבערזעצונג פון די פיר עוואנגעליעס אין זייער ריינער פאָרם (1881—1383). און ענדלעך אויף דער עוואַנגעליע באגרינדעט ער זיין גלויבן. (אין וואָס באשטעט מיין גלויבן, 1883) איבגאנצן באשטייט ער פון די ווערטער:

„איך גלויב אין דער לערע פון כריסטוסין, און אָט דאס איז מיין איינציגער גלויבן. איך גלויב, אז מיין ווילזיין אויף דער וועלט און אינגאַנצן אפהענגיק פון דעם, צו אַלע מענטשן וועלן ערפילן די לערע פון אים"

דער הויפט יסוד פון אָט דער לערע דערפירט טאָלסטאי צו פינף געזעצן:

I רעד מיט יעדן בשלום

II גיב זיך נישט אָפּ צו זנות

III שווער זיך נישט.

VI שטעל זיך נישט אנטקעגן דעם שלעכטן מיט שלעכטס.

V נעם נישט קיין אנטייל אין דער שנאה צווישן פעלקער

דאס איז די נעגאטיווע זייט פון דער לערע. די פּאָזיטיווע טייל דריקט זיך אויס אין איין געזעץ:

האב ליב גאָט אין דעם נאענטן דיינעם ווי דיר אליין.

כריסטוס האט געזאגט: ווער עס וועט (צעשטערן) עובר זיין אויף דעם קלענסטן פון די געזעצן און וועט לערנען אזוי די מענטשן, וועט דאס קלענסטע אָרט איגם הימלישן קעניג-רייך האָבן.

און טאָלסטאי גיט צו נאאיוו:

„נאך טויזנט אַכט הונדערט יאר האט מיר געטראָפן אזא א ויסערגעוויינלעכער פאַל, אז איך זאָל אנטדעקן דעם געדאַנק, דעם אינערלעכן זין פון כריסטוסעס לערע, אלס אַ גאנץ נייע זאך"

האט טאָלסטאי, הייסט עס, געגלויבט אין דער געטלעכקייט פון כריסטוסען? בשום אופן נישט. מיט וואס זשע פאַר א טוטל באשענקט ער אים? פארוועמען האלט ער אים? אלס איינעם פון די גרעסטע געזעצגעבערס און נביאים, — בראַמינען, בליצ-דען, לאַא-טזע, קאנפוציוס, זאראַאסטער, ישעיה — וועלכע האבן דער מענטשהייט אנגעוויזן אויף דעם אמתן גליק, צו וועלכן זי דארף גיין (136).

טאָלסטאי איז געווען דער נאכפאלגער פון אָט די גרויסע שעפער פון דער רעליגיע, פון די האלב-געטער, פון די אינ-דישע, כינעזישע און יידישע נביאים, ער פארטיידיקט זיי, ווי ער קען נאר פאַרטיידיקן אנפאַלנדיק אויף די, וועלכע ער רופט אן „פאריסעער" און „ביכער מענטשן": אויף די פארגליווערטע טעארעטיקער, פארשטייער פון דער שטאלצער לערע, אָדער בעסער געזאָגט, פון דעם „וויסנשפאַטלעכן פלפול" (137) דאָס הייסט אָבער נישט, אז ער טרעט ארויס געגן שכל אינם נאָמען פון אַנטפּלעקונג. נאכדעם, ווי ער איז איבערגעקומען דעם פעריאָד פון אינערלעכער נשמה-אויפרעגונג, און אומבאשטימטער בלאָנדזשעניש איז ער פאַרבליבן אויף שטענדיק דער אָנהענגער פון שכל, מען קען זאָגן, דער מיסטיקער פונם פאַרשטאנד.

„צום ערשטן איז געווען דאס וואָרט, חזרט ער איבער די ווערטער פונם הייליקן יאָאַן, דאָס וואָרט, לאָגאס, דאס הייסט דער פאַרשטאנד 138"

אין זיין בוך „וועגן דעם לעבן" ברענגט ער, אלס עפּי-גראף, די באוווסטע שורות פון פאסקאלען (139):

„דער מענטש איז נישט מער ווי אַ גרעזל, דאס שוואכסטע לויט זיין נאטור, נאָר אַ גרעזל וואס דענקט... אונדזער גאַנצע גרויסקייט באשטייט נאר אין דעם; וואס מיר דענקען... לאמיר זיך פלייסן דאריבער וואס בעסער און אמתער צו דענקן: דאס

איז דער הויפט-יסוד פון דער מאָראַל" און דאס גאַנצע בוך איז נישט מער ווי אַ הימן דעם פאַרשטאנד. ס'איז אמת, זיין פאַרשטאנד איז נישט דער וויסנשאַפטלעכער און באגרענעצטער. וואס באַטראכט „די עקזיסטענץ און דעם קערפּערלעכן ווילזיין שוין פאַר דעם לעבן און ברייטערן זין פון וואָרט" ער איז ביי אים דער העכסטער געזעץ, וואס פירט אָן מיטן מענטשלעכן לעבן, דער געזעץ לויט וועלכן עס דאַרפן אומבאַדינגט לעבן אַלע שכלדיקע בריאים — די מענטשן.

„עס איז דער זעלבער געזעץ, ווי דער געזעץ פאַר די חיות, לויט וועלכן זיי שפּייזן זיך און פּרוכפּערן זיך, ווי דער, וואס פאַר די געוויקסן, לויט וועלכן עס וואקסט און בליט דאָס גראָז, דיביימער, ווי דער געזעץ פאַר די הימלשע קערפּערס, לויט וועלכן עס באַוועגט זיך די ערד, זון און לבנה. אין דער אויספירונג פון אָט דעם געזעץ פון שכל, אין דעם, וואס מיר וועלן אים אונטערטעניג מאכן דאס קערפּערלעכע אין אונדז, כדי צו דערגרייכן דעם ווילזיין — אין אָט-אָ דעם באַשטייט אונדזער לעבן דער פאַרשטאנד לאָזט זיך נישט דערפינירן און עס איז אויך נישט נויטיק אזאַ דעפיניציע, ווייל מיר אלע נישט נאר מיר קענען, נאר ער איז דאס איינציקע וואס מיר קענען. דער מענטש דערקענט דורך זיין פאַרשטאנד און נישט דורכן גלויבן (140) דאָס לעבן פונם מענטשן הויבט זיך אָן נאר מיטן דערשיינען פון זיין פאַרשטאנד. דאס אמתע לעבן איז נאר דאס לעבן מיטן פאַרשטאנד."

וואס זשע איז, אויב אַזוי, אונדזער עקזיסטענץ, אונדזער אינדיווידועל לעבן? עס „קען נישט זיין אונדזערס" זאגט טאָלסטאָי, ווייל עס איז נישט פון אונדז אָפּהענגיק.

„אלע אונדזערע אינסטינקטיוו-חיהשע האַנדלונגען זענען אומאָפּהענגיק פון אונדז... דאס באַנעמען דאָס לעבן, אלס אַן

אינדיווידועלע עקזיסטענץ, איז שוין ביי דער מענטשהייט אַן אפגעלעבטע אידעע.

די מעגלעכקייט פון פערזענלעכן גליק לייקנט שוין אָפּ היינט יעדער פאַרשטענדלעכער מענטש (141)".

דאָ ברענגט ער א גאַנצע סעריע פאסטולאטן, וועלכע איך וועל דא נישט גיין באַשטרייטן, נאר וועלכע דינען אלס באַווייז ווי ליידנשאַפטלעך טאָלסטאָי האט זיך אָפּגעגעבן דעם פאַרשטאַנד, אין אמתן איז דאס געווען נישט מער ווי די זעלבע בלינדע און אייפריקע ליידנשאַפט, ווי די אַלע איבריקע ליידנשאַפטן, וועלכע האָבן אים באהערשט אין דער ערשט העלפט פון זיין לעבן. האָט זיך אויסגעלאָשן איין פייער, האט א צווייטס זיך אָנגעצונדן. אָדער בעסער געזאָגט, ס'איז אַלץ איינס און דאָס זעלבע פייער. עס בייט זיך נאר דער ברען-מאַטריאַל.

און נאך כולטער ווערט די ענלעכקייט צווישן זיינע „פערזענלעכע" ליידנשאַפטן און דער ליידנשאַפט „פונם פאַרשאַנד" דורך דעם, וואס סיי די ערשטע, ווי די לעצטע, באַגנוגענען זיך נישט בלויז מיט ליבע, נאר שטרעבן צו וועקן און צו פאַרקעפערן זיך אין טאַט.

„מיר דאַרפן ליב האָבן נישט מיט רייד, נאר מיט דער טאַט און מיטן אמת" און אין וואס באַשטייט די אקטיוויטעט פון שכל? אין ליבע.

„די ליבע, דאס איז די איינציקע פארנופטיקע האַנדלונג פונם מענטשן. דער אָנהויב פון דער ליבע, איר שורש, איז דאס איינציגע פארנונפטיקע און ליכטיקסטע און דערפאַר ברענגט זי מיט פאר אונדז אזא רויקן אין פריידיקן נשמה-צושטאַנד. אים, דעם שורש פון ליבע, איז נאר נויטיק איינס, מען זאָל נישט פארהוילן פאר אים די זון פון פאַרשטאַנד, ווייל זי אינזיך איז זיין פלעגעקערין און דערציערין... אָט דאס יאַפיל פון

ליבע, וואָס לעזט אַלע ווידערשפּרוכן אין לעבן און גיט דאָס העכסטע גליק דעם מענטשן, קענען אַלע. דאָס געפיל, נישט נאָר עס פאַרניכטעט יעדן שפּור פון פּחד פאַרן טויט, נאָר עס דערפירט נאָך צו דער אויפאָפּפערונג פון דער אייגענער קערפּערלעכער עקזיסטענץ פאַרן וואוילזיין פון אַנדערע. און עס איז נישטאָ קיין אַנדערע ליבע אויסער די, וואָס דערפירט צום אויפאָפּפערן פון זיך לטובת אַנדערע. ליבע איז נאָר דעמאָלט ליבע, ווען זי דערגייט צו זעלבסטאויפאָפּפערונג... אמתע ליבע קען געמאָלט זיין נאָר דעמאָלט, ווען דער מענטש הויבט אָן צו פאַרשטיין, אַז פאַר אים עקזיסטירט נישט דאָס וואוילזיין פון זיין קערפּערלעכן איך. דעמאָלט ערשט גיסן זיך צונויף אַלע זאַפטן פון זיין לעבן אין אמתער ליבע וואָס צעוואַקסט אויפן ווילדן שורש פון זיין קערפּערליכן איך" (142).

אַזוי אַרום קומט טאָלסטאָי צום גלויבן, נישט ווי אַן אויס־געטרוקנט טייכל, וואָס גייט פאַרלוירן צווישן די זאַמדן. ער גיסט אַריין אין אים אַ צעברויזטן שטראָם פון כוחות, וואָס האָבן זיך צונויפגעקליבן אין אים אין משך פון זיין גרויס לעבן. און אין דעם האָט מען זיך איבערצייגט. אָט דער ליידנשאַפטליכער גלויבן, אין וועלכן ס'פאַראייניקן זיך, ווי אין פלאַמיקע אָרעמס דער שכל מיט דער ליבע, האָט געפונען זיין העכסטן אויסדרוק אין דעם ענטפער, וואָס טאָלסטאָי האָט געגעבן דעם הייליקן — סינאָד, ווער דער לעצטער האָט אים מחרים געווען (143):

„איך גלויב אין פאָלגענדעס: איך גלויב אין גאָט, וועלכן איך שטעל זיך פאָר ווי אַ גייסט, ווי די ריינע ליבע, ווי דעם אָנהויב פון אַלץ. איך גלויב, אַז ער איז אין מיר, ווי איך אין אים, איך גלויב אין דעם אַז גאָטס ווילן איז אויסגעדרוקט אַם שאַרפסטן און פאַרשטענדלעכסטן אין דער לערע פונם

מענשן כריסטוס, ווען מען (פאַרשטיין) צו באַטראַכטן אַלס אַ גאָט און בעטן צו אים, אַלס צו אַזוינעם, איז די גרעסטע גאָטסלעס־טערונג. איך גלויב אין דעם, אַז דאָס אמתע מענטשלעכע גליק באַשטייט אין דעם אויספילן גאָטס ווילן, און גאָטס ווילן באַ־שטייט אין דעם, אַז די מענטשן זאָלן ליבן איינער דעם צווייטן און זאָלן זיך באַגיין איינער מיטן צווייטן אַזוי, ווי זיי ווילן מען זאָל זיך באַגיין מיט זיי. און אין דעם, ווי עס זאָגט זיך אין דער עוואַנגעליע, באַשטייט דער גלויבן און די לערע פון די נביאים. איך גלויב אין דעם, אַז דער זין פון יעדן מענטש־לעכן לעבן באַשטייט דעריבער נאָר אין דעם, אַז ער זאָל פאַר־גרעסערן אין זיך די ליבע, אַז די פאַרגרעסערונג פון ליבע פירט יעדן באַזונדערן מענטשן אויף דער וועלט צום העכסטן גליק און אויף יענער וועלט גיט זי אים וואָס מער ליבע ער האָט פאַרמאָגט אין זיך, אַלץ מער גליק. צוזאַמען מיט דעם גלויב איך, אַז זי, מער ווי אַלע אַנדערע זאַכן, דערנענטערן אונדז צום הימלישן־קעניגרייך אויף דער וועלט, דאָס הייסט צו אַזאַ אַרט אָרדנונג ווי די הײנט הערשנדיקע קריגערייען, שווינדלערייען און פאַרגוואַלטיקונגען וועלן פאַרביטן ווערן אויף שלום, אמת און ברידערליכע ליבע צווישן די מענטשן. איך גלויב, אַז צום פונאַנדערבליאונג פון דער ליבע איז דאָ איין מיטל: געבעט, נישט די געזעלשאַפטליכע תפלות אין די עפנטליכע בתי־מדרשים, וואָס איז פאַרבאָטן פון כריסטוסן אַליין (VI 5—13 מאַט.), נאָר די איינזאַמע תפלה, וואָס פאַרשטאַרקט דעם זין פונם אייגענעם לעבן און די אָבהענגיקייט פונם געט־לעכן ווילן, ווי עס האָט אונדז געלערנט כריסטוס אַליין. מיין גלויבן אין אייביקן לעבן אין שכר ועונש איז אַזוי שטאַרק (דאָ און אומעטום, איצט און שטענדיק), אַז איך, אַ מענטש וואָס שטייט שוין אויפן ברעג פון קבר, דאַרף פיל מאָל זיך

אָנשטרענגען כדי זיך אָפּצוּווענדן פוּנם קערפּערלעכן טויט, פוּנם געבוירן ווערן צוּ אַ ניי לעבן" (144).

טאָלסטאָי האָט געקלערט, אַז ער איז שוין צוגעקומען צו אַ ברעג, האָט שוין דערגרייכט אַן אָרט ווו זיין אומרויקע נשמה וועט געפינען רו. נאָר דאָס איז געווען נישט מער ווי אַן אָנהייב פון אַ נייער טעטיקייט. אַ ווינטער, פאַרברענגנדיק אין מאָסקווע (ווו אים איז אויסגעקומען צו פאָרן אין פאַמיליע אַנגעלעגנהייטן) (145) און אַ סטאַטיסטיק פון דער באַפעלקערונג, אין וועלכער אים האָט זיך איינגעגעבן אַנטייל צו נעמען אין יאַנוּאַר 1882, האָבן אים געגעבן די מעגליכקייט צו זען פון דער נאָענט די אָרעמקייט פון די גרויסע שטעט. דער איינדרוק, וואָס עס האָט געמאַכט אויף אים, איז געווען שרעקליך. אין אָוונט פון דעם טאָג, אין וועלכן ער איז צום ערשטען מאָל געקומען אין קאָנטאַקט מיט אָט דער פאַרבאָרגענער ווונד פון דער ציוויליזאַציע, האָט ער דערציילנדיק זייענדיק אַ חבר דאָס געזעענע „האָט ער געשריגן, געוויינט און געמאַכט מיט די הענט". „אַזוי טאָר מען נישט לעבן!", האָט ער געשריגן איינגאַנצן אַן אויפגערעגטער, „מען טאָר נישט אַזוי לעבן, מען טאָר נישט!" (146) און איז אַריינגעפאַלן אויף אַ פּאָר חדשים אין אַ שרעקלעכער פאַרצווייפלונג.

די גרעפין ס. טאָלסטאָי האָט אים געשריבן דעם 3 מאַרץ 1882: „דו זאָגסט: פון נישט גלויבן האָסטו זיך אויפהעבגען געוואָלט? און איצט? דו לעבסט דאָך שוין נישט אָן גלויבן, פאַרוואָס ביזטו אומגליקליך?"

דערפאַר ווייל זיין גלויבן איז נישט געווען דער פאַלשער, צבועשער און זעלבסטצופרידענער, ער האָט נישט פאַרמאָגט אין זיך דעם עגאָיזם פון אַ מיסטיק, וואָס איז שטענדיק צופיל פאַרנומען מיט זיין אייגענער אויסלייזונג. ער זאָל נאָך קענען קלערן

וועגן אַנדערע (147), דערפאַר וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין זיך ליבע, האָט ער קיינמאָל נישט געקענט פאַרגעסן די אומגליקלעכע, וועלכע ער האָט נאָר איינמאָל געזעען און אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער איז דאָס פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייערע ליידן און דערנידערונגען: זיי זענען קרבנות פון דער ציוויליזאַציע, מיט די פּריווילעגיעס פון וועלכער ער באַנוצט זיך, קרבנות דעם שרעקלעכן פעטיש, וועמען די קאַסטע פון אויסגעקליבענע איז מקריב יעדן טאָג מיליאָנען מענטשן. געניסן די נוצן פון אָט די מערדערייען הייסט אנטייל נעמען אין זיי.

דער געוויסן פון טאָלסטאָיען וואָלט זיך שוין נישט געקענט באַרויקן, ווען ער זאָל זיך נישט האָבן אַרויסגעזאָגט.

„און וואָס זשע דאַרפן מיר טון?" (1884—1886) (148) איז דער אויסדרוק פונם צווייטן איבערברוך, וועלכער איז פיל מער טראַגישער ווי דער ערשטער און פיל מער באַדייטנדיקער לויט זיינע פאָלגן. וואָס פאַר אַ ווערט האָבן געקענט האָבן די פּערזענלעכע, רעליגיעזע ליידן פון טאָלסטאָיען אַנטקעגן דעם ים פון מענטשלעכן פיין, אמתן פיין, נישט אויסגעקלערטן פון בטלנות און לאַנגווייליקייט. עס איז אוממעגלעך נישט צו זעען אים. און עס איז אוממעגלעך, זעענדיק אים, נישט צו זוכן זיין פאַרניכטונג, פאַר יעדן פּרייז. — נאָר... צי קען מען עס דערגרייכן?...

אַ וווּנדערלעכעס בילד, וועלכעס איך קען נישט זעען אָן אויפרעגונג (149), ווייזט אונדז קלאָר ווי שטאַרק טאָלסטאָי האָט דעמאָלט געליטן. ער איז אַראָפּגענומען זיצנדיק, מיט געקרייציקטע הענט און אין אַ פּויערשער בלוזע; ער האָט זייער אַן אויסגעמוטשעטן אויסזעען. די האָר פונם קאָפּ זענען נאָך שוואַרץ, די וואָנסעס גראָ, נאָר די גרויסע באָרד איז שוין אינגאַנצן ווייס. אַ דאָפּלטער קנייטש פאַלדעוועט זיין גרויסן

שיינעם שטערן. און אַזוי פיל גוטסקייט ליגט פאַרבאָרגן אין זיין ברייכער, גראָבער נאָז פון אַ הונט, און זיינע אויגן, וואָס קוקן אייך אָן אַזוי פריי, אַזוי קלאָר און אַזוי טרויעריק: זיי לייענען אַזוי פינקטלעך אין אייך! זיי באַדויערן אייך און רופן אייך אַרויס, דאָס פּנים איז איינגעפאַלן, עס טראָגט אויף זיך דעם חותם פון ליידן און גרויסע פאַלדן הענגען אים אַראָפּ פון אונטער די אויגן. ער האָט געוויינט, נאָר ער איז שטאַרק און גרייט צום קאַמף.

ער האָט באַזיצן די לאָגיק פון אַ חעלד.

מיר פאַרוואונדערט שטענדיק די אָפט איבערגעחזרטע ווערטער: יאָ, אַזוי זעט עס אויס אין דער טעאָריע, נאָר אין דער פּראַקטיק ווי אַזוי? גלייך ווי די טעאָריע, איז נישט מער ווי שיינע ווערטער, וועלכע זענען נויטיק נאָר פאַר דער שפּראַך און נישט דערפאַר, אַז די גאַנצע פּראַקטיק, ד. ה. די גאַנצע טעטיקייט אונדזערע, זאָל זיך אויף איר אָנשפּאַרן... אויב איך האָב פאַרשטאַנען אַ געוויסן ענין, פון וועלכן איך האָב געקלערט, קען איך דאָך נישט האַנדלען אַנדערש ווי איך האָב פאַרשטאַנען (150)".

טאָלסטאָי הויבט אָן פון אַ פאָטאָגראַפיש פּינקטלעכער באַשרייבונג די אָרעמקייט, וועלכע ער האָט געזעען אין מאָסקווע, באַזוכנדיק די אָרעמסטע קוואַרטאַלן און נאַכט-לעכער (151) ער איבערצייגט זיך, אַז נישט דאָס געלד, ווי ער האָט פריער געקלערט, איז אימשטאַנד אָפּצוראַטעווען די, מער ווייניקער שוין פאַרדאָרבענע דורך דער שטאָט, מענטשן, און ער זוכט דרייסט דעם קוואַל, פונוואַנען עס פליסט דאָס שלעכטס. און רינג נאָך רינג צעוויקלט זיך די שרעקלעכע קייט פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט. צום ערשטן גייען די רייכע מיט דער אַנטשטעקונג פון זייער פאַרשאָלטענעם לוקסוס-לעבן, וואָס ציט צו זיך און פאַר-

דאַרבט (152). די אַלגעמיינע שטרעבונג צו לעבן, נישט אַר־בעטנדיק. דערנאָך דער שטאַט, אָט דער מערדערישע פאַר־באַנד פון שטאַרקע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיטן ציל צו באַראַבעווען און פאַרקנעכטן פאַר זייער נוצן וועגן די איבריקע מענטשהייט. — דער דאָגמאַטישער גלויבן, דער קלויסטער, זיין מיטהעלפער; די וויסנשאַפט און קונסט, זיינע מיטלען...

ווי זשע אַזוי קעמפט מען מיט אָט די אַלע מחנות פון שלעכטס?

צום אַלעם ערשטן, אָפּזאָגנדיק זיך צו פאַראייניקן מיט זיי; אָפּזאָגנדיק זיך אָנטייל צו נעמען אין דער עקספּלאָאַטאַציע פון דער מענטשהייט; נישט וועלן זאַמלען קיין געלד, אָפּזאָגן זיך פון יעדן ערד־באַזיץ און נישט דינען דעם שטאַט (153).

נאָר דאָס איז נאָך נישט גענוג, מען דאַרף „נישט לאָזן ליגן", נישט האָבן קיין מורא פאַרן אמת. מען דאַרף „תשובה טון" אַרויסרייסן דעם שטאָלץ, וואָס האָט זיך איינגעוואָרצלט אין אונדז מיט דער בילדונג. מען דאַרף, ענדלעך, אַרבעטן אַליין, מיט די אייגענע הענט: „ביטן שוויס פון דיין פּנים וועסטו עסן ברויט", דאָס איז דער ערשטער און וויכטיקסטער געבאָט (154). און טאָלסטאָי ענטפערנדיק פאַראויס אויף די בטול־שמייכלס פון דער הויכער געזעלשאַפט, זאָגט, אַז נישט נאָר וואָס די פיזישע אַרבעט שטערט נישט דער גייסטיקער אַנטוויקלונג, נאָר פאַר־קערט, זי פאַרשטאַרקט נאָך די ענערגיע פונם אונטעלעקט, ווייל זי ענטפערט אויף די נאָרמאַלע פאָדערונגען פון דער נאַטור. אונזער געזונט קען דערפון נאָר אויסשפּילן; די קונסט נאָך מער. און וואָס עס איז דאָ אַם מערסטן וויכטיק — די אַר־בעט ברענגט דעם שלום אויף דער וועלט.

אין זיינע שפּעטערדיקע ווערק איז טאָלסטאָי נאָך מוסיף אויף אָט די פאָרשריפטן פון מאָראַלישער היגיענע. ער באַ־

אומרויקס זיך צו פאַרענדיקן די היילונג פון זיין נשמה, אויסצולעבן איר ענערגיע, פאַרבאָטנדיק איר די שעדלעכע פאַרגעניגנס, וועלכע מאַכן אנטדרימלען דעם געוויסן (155), און די שרעקלעכע פאַרגניגנס, וואָס טויטן אים אָפּ (156).

דעם ביישפּיל גיט ער אַליין. אין יאָר 1884 ברענגט טאָלסטאָי אַלס אַ קרבן זיין שטאַרקסטע און אַם מערסטן איינגעוואָרצלסטע ליידנשאַפט — יעגעריי (157). ער פירט אַ דורך אין פּראַקטישן לעבן די איינגעהאַלטנקייט און פאַרהאַרטעוועט דערמיט זיין ווילן. אַזוי וואַרפט זיך אונטער אַן אַטלעט דער האַרטער דיסציפּלין, כדי צו קענען שפּעטער קעמפן און זיגן.

„וואָס זשע דאַרפן מיר טון?" איז דער ערשטער עטאַפּ פון דעם שווערן וועג, אויף וועלכן טאָלסטאָי האָט זיך אונטערגענומען צו גיין, אויפאָפּפערנדיק פאַרן סאָציאַלן קאַמף די רעלאַטיווע רו פון זיינע רעליגיעזן געדאַנק, און פון דאַמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן די צוואַנציק יעריקע מלחמה, וועלכע דער אַלטער נביא פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ האָט ערקלערט אין נאָמען פון דער עוואַנגעליע די פאַרברעכנס און די פאַלשקייט פון דער ציוויליזאַציע אין וועלכע ער האָט געפירט אַליין, אין דער זייט פון אַלע פּאַרטייען, באַשולדיקנדיק איינצייטיק זיי אַלע צוגלייך.

אַרום אים האָט די מאָראַלישע איבערקערעניש זיינע באַגעגנט ווייניק סימפּאַטיע; די אייגענע האָט זי פאַרשאַפט בלויז צרות.

שוין פון לאַנג האָט די גרעפין טאָלסטאָי באַמערקט, אַז דאָס שלעכטס, מיט וועלכן זי קעמפט, האַלט אין איין וואַקסן. אָנהייבנדיק פון 1874, האָט זי זיך יעדעס [illegible] אויפגערעגט, זעענדיק וויפיל כוח און צייט ער פאַרלירט צוליב די שולאַרבעטן.

„איך פאַראַכט אָט די אַלף־בּיתן, אַריטמעטיקעס און גראַמאַטיקעס און איך קען נישט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי אינטערעסירן מיר".

אינגאַנצן עפּעס אַנדערש איז פאַרגעקומען, ווען אויפן אָרט פון דער פּעדאַגאָגיע, האָט זיך אויפן ערשטן פּלאַן אַרויס־גערוקט די רעליגיע. די גרעפין האָט באַגעגנט די ערשטע פּאַרטרויאונגען פונם ניי־גלויביקן אַזוי פיינטלעך, אַז טאָלסטאָי האָט געפילט אַ נויטיקייט צו אַנטשולדיקן זיך, ווען ער האָט גערעדט אין זיינע בריוו פון גאָט:

„דו ברוגז זיך נישט, ווי דו טוסט עס אַמאָל, ווען איך דערמאָן גאָט, איך קען דאָס נישט נישט זאָגן, ווייל דאָס איז דער יסוד פון מיין געדאַנק (158)".

די גרעפין איז, אָן צווייפל, געדעכט; זי פליסט זיך צו פאַרהיילן איר אומגעדולד; נאָר זי פאַרשטייט נישט; זי אָבסערווירט אומרויק איר מאַן:

„עפּעס האָט ער מאָדנע אומבאַוועגלעכע אויגן, רעדט כמעט גאָרנישט און זעט אויס ווי פון אַנאַנדערע וועלט (159)".

זי קלערט, אַז ער איז שלאַף:

„לעאָן האַלט אין איין אַרבעטן, ווי ער דרוקט זיך אויס: נאָר ווי! ער שרייבט דאָרט רעליגיעזע דיסקוסיעס, לייענט און קלערט ביז קאָפּ־ווייטיק, און דאָס אַלץ, כּדי צו באַווייזן, אַז דער קלויסטער האַנדלט נישט איינשטימיק מיט דער לערע פון עוואַנגעליע. קוים אפשר אַ צענדליק מענטשן וועלן זיך געפונען אין רוסלאַנד, וועלכע וועלן זיך אינטערעסירן דערמיט. נאָר טון קען מען גאָר נישט, כ'וואָלט שוין נאָר געוואָלט, אַז ער זאָל עס וואָס גיכער ענדיקן און עס זאָל פאַריבער ווי אַ שלאַפקייט (160)".

נאָר די שלאַפקייט איז נישט פאַריבער. די באַציאונגען

צווישן מאַן און ווייב זענען געוואָרן וואָס ווייטער, אַלץ מער אָנגעשטרענגטער. זיי האָבן זיך ליב געהאַט, געפילט איינער צום אַנדערן א טיפע אַכטונג, נאָר זיך פאַרשטיין איז זיי געווען אוממעגלעך. זיי האָבן זיך געפלייסט באַכצוגעבן איינער דעם צווייטן, נאָר אָט די געגנזייטיקע הנחות האָבן זיך פאַרוואַנדלט, ווי דער שטייגער איז, אין געגנזייטיקן פיין. טאָלסטאָי האָט זיך געגויט באַכצופאָלגן די זייניקע קיין מאָסקווע. ער שרייבט אין זיין טאָג־בוך:

„ס'איז א דויך אַ חודש, דער סאמער ערגסטער אין מיין לעבן.

דאָס איבערקלייבן זיך קיין מאָסקווע, אַלע האַלטן זיך אין איין איינאָרדנען, ווען זשע וועט מען שוין אָנהויבן לעבן. אַלץ איז נישט צוליב דעם, וואָס מען וויל לעבן, נאָר דערפאַר, ווייל אַזוי טוען אַנדערע מענטשן. אומגליקלעכע... (161)".

אין די זעלבע טעג שרייבט די גרעפין:

„מאָסקווע. מאָרגן וועט ווערן אַ חודש, אַז מיר זענען שוין דאָ.. די ערשטע צוויי וואָכן האָב איך יעדן טאָג געוויינט ווייל לעאָן נישט נאָר וואָס ער איז אַרומגעגאַנגען כסדר פאַרזאָרגט. נאָר ער איז פאַרזונקען אין אַ פאַרצווייפלטער אַ פאַטיע. ער איז נישט געשלאָפן, נישט געגעסן, און אַליין אָפטמאָל געוויינט; כ'האָב פשוט געקלערט, אַז איך וועל פון זינען קומען (162)".

אויף אַ געוויסער צייט זענען זיי געווען געגויט זיך צו צעשיידן. זיי האָבן געבעטן איינער ביי דעם אַנדערן פאַרצייאונג פאַר די ליידן וואָס זיי האָבן זיך געגנזייטיק פאַרשאַפט, נאָר ווי שטאַרק האָבן זיי זיך דאָס אַלץ ליב!... ער שרייבט איר:

„דו זאָגסט: „איך האָב דיך ליב און דו בויטיקסט זיך

נישט אין דעם״.. נאָר טאקע אין דעם נויטיק איך מיר... דיין ליבע צו מיר פריִיט מיר מער פון אַלץ אין לעבן (163)״.

נאָר ס׳איז ג׳נוג אַז זיי זאָלן זיך צוזאַמענקומען אין די חלוקי-דעות שחימען ווידער אויף. די גרעפין קען נישט קיין אנטייל נעמען אין דער רעליגיעזער מאַניע, וועלכע שטויסט איצט טאָלסטאָיען זיך צו לערנען ביי אַ רב די העברעאישע שפּראַך:

„אים אינטערעסירט שוין איצט גאָרנישט... פאַרלירט די כּוחות אויף נאַרישקייטן... איך קען שוין מער נישט פאַרבאָרגן מיין אומצופרידנהייט (164)״...

און צו אים שרייבט זי:

„איך קען נאָר זאָגן: „האָב הנאה״ און דאַך זיך ערגערן אין דער אמתן, וואָס אַזעלכע אינטעלעקטועלע כּוחות ווערן פאַרפאַלן אין האקן האָלץ, אויפשטעלן סאַמאָוואַרן און נייען שטיוול״.

און מיט אַ ליבלעכן, קוים-קוים איראָנישן שמייכל פון אַ מאַמען, וואָס פאָלגט נאָך די שפּיל פון איר עטוואָס משוגענעם קינד, איז זי מוסיף;

„און איך האָב מיר באַרויקט מיטן שפּריכוואָרט: מיט וואָס דאָס קינד זאָל זיך נישט פאַרשפּילן, עס זאָל נאָר נישט וויינען (165)״.

נאָר נישט האָבנדיק נאָך אויסגעשיקט די בריוו, זעט זי שוין אין געדאַנק איר מאַן לייענען די שורות מיט זיינע גוטע, אמתדיקע אויגן, וואָס ווערן טרויעריק פון דעם איראָנישן טאָן, און זי צערייסט די בריוו אין אַ אויסברוך פון ליבע:

„איך האָב דיר פּלוצים פאַרגעשטעלט אַזוי קלאָר פאַר מיינע אויגן, און אַ שטראָם פון צערטלעכקייט האָט פאַרפלייצט

מיין הארץ, עטוואס גוטס, קלוגס, באַאיווס און איינגעטעפּערס איז דאָ אין דיר און דאָס אַלץ איז באַלויכטן מיט אַ ליכט, וואָס איז דיר אַליין נאָר אייגן, מיט אַ ליכט, וואָס האָט אין זיך פון צערטלעכן מיטפילן אַלע מענטשן און מיט אַ בליק, וואָס דריגגט אַריין די מענטשן גלייך אין דער נשמה".

אזוי האָבן די צוויי נשמות, וואָס האָבן זיך ליב געהאַט, געפייניקט איינער דעם אַנדערן און געערגערט זיך דערנאָך פאַר דעם שלעכטס, וואָס זיי האָבן זיך געטון, נאָר אַנטקעגן שטעלן זיך אָט דעם שלעכטס האָבן זיי נישט געקענט. אַ צושטאַנד אָן אַ שום אויסגאַנג, וואָס האָט זיך געצויגן כמעט דרייסיק יאָר, און צו וועלכן עס האָט געקענט מאַכן אַ סוף נאָר דאָס אַנטלויפן פונם אַלטן שטאַרבנדיקן קעניג ליר אין כטעפּ אַריין אין אַ שווערער שעה פון גייסטיקע איבערלעבענישן.

ביז איצט איז נאָך ווי געהעריק נישט אָפּגעשאַצט געוואָרן דער רירנדיקער רוף צו די פרויען, מיט וועלכן עס ענדיקט זיך „וואָס זשע דאַרפן מיר טון?" טאָלסטאָי פאַרמאָגט נישט קיין שום סימפּאַטיעס פאַר דעם מאָדערנעם פעמיניזם (166), נאָר פאַר דער, וועלכער ער רופט „פרוי-מוטער", פאַר דער, וואָס פאַרשטייט און ווייסט דעם אמתן זין פון לעבן — פאַר דער געפונען זיך בײַ אים ווערטער פון אמתער אַכטונג. ער ברענגט איר די גרויסע ליבּ · פאַר איר ליידן און פריידן, פאַר אירע ווייטיקן אין דער צייט פון שוואַנגערשאַפט און מוטערשאַפט, פאַר די יאָרן אָן רו, פאַר דער שווערער, צניעותדיקער אַרבעט, פאַר וועלכע זי ערוואַרט נישט קיין שום לוין פון קיינעם נישט און פאַר דעם נחת, וואָס פאַרפלייצט די נשמה נאָך שעהן פון פּיין, ווען מען ערפילט אַ געזעץ. טאָלסטאָי שילדערט אַ בילד פון אַ ערלעכער און שטאַרקער פרוי, וועלכע איז פאַר איר מאַן אַ שטיצע נישט קיין שטערונג. זי ווייסט

אַז „נאָר די אויפאָפּפּערנדע, צניעותדיקע, נישט באַלוינטע אַר־בעט פאַר דעם לעבן פון אַנדערע איז דער באַרוף פונם מענטשן".

„אַזאַ פרוי נישט נאָר וואָס זי וועט נישט שטויסן איר מאַן אויפן וועג פון פאַלשער, שווינדלערישער אַרבעט, וואָס האָט דעם ציל אויסצונוצן די אַרבעט פון אַנדערע, נאָר זי וועט נאָך מיט שרעק און עקל זיך באַציען צו אַזאַ אַרט טעטיקייט, וואָס איז ביכולת אויך די קינדער צו פאַרפירן אין דעם וועג. אַזאַ פרוי וועט שטענדיק און אומעטום, אָנהייבנדיק פון איר מאַן, אַכטן אינעם מענטשן די ערלעכע אַרבעט, וואָס איז צונויפגע־בונדן מיט פאַרלוסטן און געפאַר און וועט דאָס פאָדערן פון יעדן מאַן. זי ווייסט, אַז די קינדער, ד. ה. די קומענדיקע דורות, זענען דאָס גרעסטע און הייליקסטע, וואָס איז געגעבן געוואָרן די מענטשן אויף דער וועלט; און אַז דאָס דינען מיט איר גאַנץ וועזן אָט דער הייליקייט — אין דעם באַשטייט איר לעבן... זי וועט דערציען אין זיי די זעלבע פעיקייט זיך אויס־צואָפּפערן פאַר גאָטס ווילן, ווי זי אַליין פאַרמאָגט עס... אָט אַזעלכע פרויען, וואָס פאַרשטייען און פילן אויס זייער באַרוף, זיי הערשן איבער די הערשנדיקע מענער און זענען פאַר זיי ווי די שטערן וואָס ווייזן דעם וועג... יאָ, פרויען־מוטערס, אין אייערע הענט, מער ווי אין אַלע אַנדערע, ליגט די אויסלייזונג פון דער וועלט (167)".

דאָס איז אַ רוף פון אַ שטימע, וואָס בעט, נאָר וואָס האָפט נאָך... צי וועט מען דעם רוף נישט דערהערן?..

עטלעכע יאָר שפּעטער איז דער לעצטער שטראַל פון האָפענונג פאַרלאָשן געוואָרן:

„איר קלערט, זיכער, נישט פון דעם, נאָר איר קענט זיך נישט פאָרשטעלן ווי ווייט אײנזאַם איך בין, ווי ווייט מיין אמתדיקער „איך" איז פאַראַכטעט פון אַלע אַרומיקע (168)"

אויב די באַנטסטע פריינט זיינע האָבן נאָך נישט געוווסט אָפּצושאַצן די גרויס פון דער מאָראַלישער איבערקערעניש אין אים, איז שוין זיכער נישט געווען צו ערוואַרטן פון אַנדערע מער פאַרשטענדניש און אַכטונג. טורגעניעוו מיט וועלכן טאָלסטאָי האָט זיך געוואָלט איבערבעטן, גיכער פון קריסטלעכער באַשיידנ־קייט, איידער ווי פון צו האָבן געביטן זיין באַציאונג צו אים (169), האָט זיך איינמאָל אויסגעדריקט איראָניש: „מיר טוט טאָלסטאָי זייער לייד, איבעריקנס, ווי זאָגן די פראַנצויזן אַ ווערטל: chacup a sa manière de tuez ses puces (170)".

עטלעכע יאָר שפּעטער, שוין פונם טויטן בעט, האָט טור־געניעוו געשריבן טאָלסטאָיען די באַוווסטע בריוו, אין וועלכער ער בעט זיין „פריינט, דעם גרעסטן שריפטשטעלער פון דער רוסישער ערד אומצוקערן זיך צו דער ליט.ראַרישער טעטי־קייט (171)".

אַלע אייראָפּעישע קינסטלער האָבן געטיילט די אומרויקייט פונם שטאַרבנדיקן טורגעניעוו און זיך פאַראייניקט מיט זיין ביטע.

עאוגען־מעלכיאָר דע וואָגוע, האָט זיך אינם סוף פון זיין אַרבעט, וואָס ער האָט אין יאָר 1886 געווידמעט טאָלסטאָיען, באַנוצט מיט דעם בילד, אויף וועלכן טאָלסטאָי איז פאָטאָגראַ־פירט אין פויערשע קליידער מיט אַ זעג אין די הענט, כדי ער זאָל זיך קענען ווענדן צו אים מיטן רוף:

„מייסטער פון די פּרעכטיקע שאַפונגען, דאָס איז נישט אייער געצייג! אונדזער געצייג איז די פען; אונדזער פעלד— די מענטשלעכע נשמה וועלכע מען דאַרף אויך באַשיצן און שפּייזן. דערלויבט אייך דערמאָנען דעם אויסגעשריי פון אַ רו־סישן פויער, דעם ערשטן רוסישן דרוקער אין מאָסקווע, ווען מען האָט אים געשלעפּט צוריק צו דעם אַקער:

„ס'איז נישט מיין אַרבעט צו פאַרזייען די קערנדלעך

פון געוועקסן נאָר צו פאַרשפּרייטן די קערנדלעך פון גייסט".

גלייך ווי טאָלסטאָי זאָל האָבן אַמאָל געקלערט אָפּצולייקענען זיין ראָל אַלס אַ פאַרשפּרייטער פון די קערנדלעך פון געדאַנק!.. אינעם סוף פון זיין בוך: „אין וואָס באַשטייט מיין גלויבן (172)" שרייבט ער:

„איך גלויב, אַז מיין לעבן, מיין שכל, מיין ליכט איז מיר געגעבן געוואָרן, נאָר כדי צו באַלייכטן די מענטשן... איך גלויב, אַז מיין דערקענען דעם אמת איז אַ טאַלענט, איבער וועלכן מען דאַרף אַרבעטן, אַז אָט דער טאַלענט איז ווי דאָס פייער, וועלכעס איז נאָר דעמאָלט פייער, ווען עס ברענט... איך גלויב, אַז דער איינציקער זין פון מיין לעבן באַשטייט אין דעם, אַז איך זאָל לעבן אין דעם ליכט, וואָס איז פאַראַן אין מיר און אַז איך זאָל עס טראָגן הויך פאַר אַלע מענטשן, אַזוי, אַז אַלע זאָלן עס זעען (173)".

נאָר דאָס ליכט, דאָס פייער „וואָס איז נאָר דעמאָלט פייער, ווען עס ברענט", האָבן באַאומרויקט די גרעסטע טייל קינסטלער. די מער קלוגערע פון זיי האָבן נישט געגעבן נישט פּראָוויסזען, אַז זייער קונסט ריזיקירט צו זיין דער ערשטער קרבן פון אָט דער שרפה. זיי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק ווי זיי וואָלטן געגלויבט, אַז די גאַנצע קונסט איז אין גאַנצן און אַז טאָלסטאָי, ווי פּראָספּערע, האָט צעבראָכן דאָס כשוף-שטעקעלע פון די שאַפנדיקע אילוזיעס.

דאָך, אין דערווירקלעכקייט איז עס געווען זייער ווייט פון אמת; איך וויל דערווייזן, אַז טאָלסטאָי נישט נאָר, וואָס ער איז געווען ווייט פון צו פאַרניכטן די קונסט, נאָר פאַרקערט, ער האָט דערוועקט אין איר נייע פאַרבאָרגענע כוחות, און אַז זיין טיפער גלויבן האָט לחלוטין נישט אָפּגעטויט זיין

קינסטלערשן געניט, נאָר פאַרקערט, האָט אים נאָך אויפגעלעבט און באַנייט.

עס זעט אויס ווונדערלעך, וואָס שטענדיק, ווען מען רעדט פון טאָלסטאָיס אידעען איבער דער וויסנשאַפט און קונסט, לאָזט מען, געוויינלעך, איבער אין דער זייט איינס פון זיינע שטאַרקסטע ווערק, אין וועלכן די אידעען זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן: „וואָס־זשע דאַרפן מיר טון? (1884–6)"

דאָ, אייגנטלעך, אַנגאַזשירט זיך טאָלסטאָי צום ערשטן מאָל אינם קאַמף מיט דער וויסנשאַפט און קונסט; און קיין איינער פון די שפּעטערדיקע אָנפאַלן זיינע שטייגט שוין נישט איבער אין כוח אָט דעם ערשטן צוזאַמענשטויס. אינטערעסאַנט איז, וואָס ביי אונדז, ווען ס'איז פאָרגעקומען דאָ נישט לאַנג די שטורמישע אָנפאַלן אויף דער נייטיקייט פון דער וויסנשאַפט און אינטעליגענץ, האָט זיך נישט געפונען קיין איינער, וואָס זאָל אַ קלער טון איבערצולייענען די זייטלעך. זיי שטעלן פאָר מיט זיך דעם שרעקלעכסטן באַשולדיקונגס־אַקט, וואָס איז נאָר ווען ס'איז־נישט־איז אָנגעשריבן געוואָרן אַנטקעגן „די סריסים פון געדאַנק" און „שווינדלערס פון קונסט, אַנטקעגן די קאַסטעס פון שכל, וועלכע, פאַרגיכטנדיק און פאַרקנעכטנדיק אונטער זיך די אַלטע הערשנדיקע קלאַסן, דעם קלער, שטאַט און אַרמעע, האָבן זיך איינגעאָרדנט אויף זייער אָרט, און, נישט ווילנדיק אָדער נישט קענענדיק עטוואָס נוצלעכעס אויפטון פאַר די מענטשן פאָדערן זיי נאָך אַכטונג און בלינדע געהאָרכזאַמקייט צו זיך, לערנענדיק אייננצייטיק די מענטשן דעם אומפאַרשעמטן גלויבן אין דער וויסנשאַפט צוליב וויסנשאַפט און אין דער קונסט צוליב קונסט, — אָט די פאַלשע מאַסקע, מיט וועלכער זיי זוכן זיך צודעקן צוליב זייער אייגענער באַרעכטיקונג, צוליב דער באַרעכטיקונג פון זייער אומגעהויערן עגאָאיזם און נישטיקייט.

„ג'שט נאָר איך לייקן נישט אָפּ די זויסנשאַפּט און די קונסט, זאָגט טאָלסטאָי, נאָר אדרבה, אין נאָמען פון אָט דער קלוגער טעטיקייט רעד איך דאָס, וואָס איך רעד".

„די וויסנשאַפט און די קונסט זענען אַזוי נויטיק פאַר די מענטשן, ווי דאָס עסן, דאָס טרינקען און די קליידונג, אפילו נויטיקער — — —

די אמתע וויסנשאַפט האָט שטענדיק געטראָגן אין איר אינערלעכן מהות אַ וועלכן ס'איז-נישט-איז ציל, אָדער מיסיע, און דאַריבער שוין אויך דאָס ווילזיין פון יעדער איינצלנעם מענטשן און פון אַלע מענטשן צוזאַמען... ווי ס'איז געווען די אמתע וויסנשאַפט. דאָרט איז אויך די קונסט געווען נישט מער ווי דער אויסדרוק פון אָט דער וויסנשאַפט איבער דעם גורל און ווילזיין פונם מענטשן".

און טאָלסטאָי לויבט די, וועלכע האָבן „צייט דער מענטש עקזיסטירט געפירט זייער מענטשלעכן קאַמף אויף האַרפעס און טימפּאַנעס, אין בילד און אין וואָרט מיט די פאַלשקייטן, וועלכע האָבן אים, דעם מענטשן, אָפּגעצייגט פון זיין ציל און פון זיין מיסיע; ער לויבט זייערע ליידן אין דעם קאַמף, זייער האָפּ-נונג אינם נצחון פון גוטס, זייער פארצווייפלונג, ווען עס זיגט דאָס שלעכטס און זייער אַנטציקונג ביי דעם געדאַנק פונם קו-מענדיקן גליק".

דעמאָלט שילדערט ער מיט פלאַמיקע פון ליידנדיקער און מיסטישער ליידנשאַפט ווערטער אַ בילד פון אַן אמתן קינסטלער:

„די וויסנשאפטלעכע און קינסטלערשע טעטיקייט, אין איר אמתן זין, איז נאָר דעמאָלט פרוכטבאַר, ווען זי ווייסט נישט פון קיין געזעצן און אַנע־קענט נאָר פליכטן. נאָר דערפאַר ווייל זי איז שטענדיק צוזעלבע, וואָס איר אייגנשאַפט איז די זעלבסט אויפאָפּפערונג, שאַצט די מענטשהייט איר ווערט אַזוי

הויך. די מענטשן וועלכע זענען באַרופן צו דינען די אַנדערע מיט זייער גייסטיקער אַרבעט, וועלן שטענדיק ליידן, אויספירנדיק די דאָזיקע דינסט, ווייל נאָר אין ליידן, נאָר אין פיין ווערט געבוירן אַ גייסטיקע וועלט. די זעלבסטאויפאָפּפערונג און די ליידן וועלן שטענדיק זיין דער גורל פונם דענקער און קונסטלער, ווייל זיין ציל איז דאָס גליק פון די מענטשן. די מענטשן זענען אומגליקלעך: זיי ליידן, שטאַרבן. עס איז נישטאָ קיין צייט צו וואַרטן און זיך אָפּצוקילן. דער אמתער דענקער און קינסטלער וועלן קיינמאָל נישט בלייבן זיצן אויף זייערע אָלימפּישע הויכן, ווי מיר זענען עס געוווינט זיך פאָרצושטעלן; ער וועט שטענדיק זיין אומרויק און אויפגערעגט; ער וואָלט געקענט זיך באַשליסן און זאָגן דאָס וואָס וואָלט די מענטשן געבראַכט דאָס גליק און באַפרייט פון זייערע ליידן, און ער האָט זיך נישט באַשלאָסן, נישט געזאָגט, און מאָרגן, קען זיין, וועט שוין זיין שפּעט, ער וועט שטאַרבן. נישט דער וועט זיין אַ קינסטלער און אַ דענקער, וועלכער ווערט דערצויגן אין אַן אינסטיטוציע, ווי מען מאַכט, כלומרשט, געלערנטע און קינסטלער (אין דער אמתן גרייט מען אָבער דאָרטן צו נאָר דעם פאַרניטער פון וויסנשאַפט און קונסט), און באַקומט אַ דיפּלאָם און אַ פאַרזיכערונג, נאָר דעם וואָס וואָלט צופרידן געווען נישט צו קלערן, נישט אַרויסצוזאָגן דאָס, וואָס דריקט אים אויפן האַרץ, און ער קען עס נישט טון; אים ציען דערצו צוויי גצוואַלדיקע כוחות: אַן אינערלעכע באַדערפעניש און די אויספאָדערונג פון מענטשן. גלאַטע, זעלבסטצופרידענע און זאַטע דענקער און קינסטלער זענען נישטאָ" (174).

אָט דאָס פּרעכטיקע זייטל, וואָס וואַרפט אַ טראַגישן שיין אויף דעם געניע פון טאָלסטאָי, איז אָנגעשריבן אונטער דעם אומשיטלבאַרן איינדרוק פון די ליידן, וועלכע עס האָט אים פאַר-

אורזאַכט דער אָנבליק פון דער אָרעמקייט אין מאָסקווע, און אין דער איבערצייגונג, אַז די וויסנשאַפט און קונסט העלפן מיט דער סאָציאַלער אומגלייכהייט און עקלהאַפטער צביעות. די איבערצייגונג האָט ער שוין קיינמאָל נישט געביטן. נאָך דער איינדרוק פון דער ערשטער באַגעגעניש מיט דער סאָציאַלער אומרעכט, יעט ווערן אַלעמאָל קלענער; די ווונד הויבט אָן ווייניקער צו בלוטן (175) און אין קיין איינעם פון די שפּעטערדיקע ביכער געפינט מען שוין נישט אָט דעם ציטער פון ווי און נקמה־דורשטיקן כעס, וועלכן מען זעט דאָ, אויף קיין שום אַנדער אָרט וועלן מיר שוין נישט זעען אָט די גרויסע רעליגיעזע ודוי פון אַ קינסטלער, וואָס פליסט ארויס פון זיין בלוט. אָט דעם געוואַלטיקן עקסטאַז פון זעלבסטאויפּאָפּפערונג און ליידן, וואָס זענען „דער גורל פונם קינסטלער” און די פאַראַכטונג פאַר דער אָלימפּישער, אויפן שטייגער, קונסט. די ווערק, אין וועלכע עס וועט זיך צוריקנעמען פאַר דער קריטיק פון קונסט, וועלן שוין באַטראַכטן די פראַגע פון אַ ריין ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט און וועלן שוין ווייניקער האָבן צו טון מיט מיסטיק; דאָס פּראָבלעם פון קונסט פאַרבינדט ער שוין נישט מעהר מיטן תהום פון מענטשלעכן פּיין, איבער וועלכן טאָלסטאָי קען נישט קלערן אָן אויפרעגונג, פּונקט ווי אין יענער נאַכט, ווען ער האָט באַזוכט די אָרעמסטע ערטער פון מאָסקווע און קומענדיק אַ היים, האָט ער אַ פאַרצווייפלטער געשריבן און געקלאָגט.

דאָס הייסט נאָך נישט, אַז זייַע דידאַקטישע ווערק זענען שטענדיק קאַלט. קאַלט איז אים אוממעגלעך צו זיין. ביז אין סוף פון זיין לעבן וועט ער שוין בלייבן אַזוי, ווי ער האָט געשריבן פעטן:

„אויב נישט רחמנות האָבן אויף די אייזערנע, נישטיקע

פערזאָנען, טאָ וואָלט מען באַדאַרפט זיי אויסזידלען אַזוי, אַז
דעם הימל זאָל אַזש הייס ווערן, אָדער גאָר אַזוי שטאַרק לאַכן
פון זיי, אַז אין די בייכלעך זאָל עס אויפרודערן" (176).

אין זיינע אַרטיקלען איבער קונסט פעלן נישט קיין
שטעלן פון דעם אַרט, די נעגאַטיווע טייל — די אָנפאלן און אי-
ראָנישע שטעכווערטערלעך — דערגרייכט אין זיי אַזאַ שטאַרקן
אויסדרוקס-קראַפט, אַז זי אַליין נאָר איבעראַשט שוין די קינסט-
לער. זייער אַבערגלויבן און פעדאַנטישקייט פילט דיך אַזוי
שטאַרק געטראָפן, אַז זיי הויבן אָן אייגצוזען אין דעם פיינט
פון זייער קונסט דעם פיינט פון קונסט אין אַלגעמיין. נאָר
טאָלסטאָיס קריטיק גייט שטענדיק, האַנט-באַ-האַנט מיט דער אי-
דעע פון אויפבוי. נישט צוליב פאַרניכטונג פאַרניכטעט ער,
נאָר צוליב באַנייאונג. און זיין באַשיידנקייט פרעטענדירט ער
אַפילו נישט אויפצובויען עפּעס נייס; ער באַשיצט די קונסט
וועלכע איז געווען און וועט שטענדיק זיין, אַנטקעגן די פאַל-
שע קינסטלער וועלכע עקספּלאָאַטירן און קאָמפּראָמיטירן איר:

„די אמתע וויסנשאַפט און די אמתע קונסט האָבן שטענ-
דיק עקזיסטירט און וועלן עקזיסטירן שטענדיק; עס איז אומ-
מעגליך און אומנוצלעך זיי צו פאַרלייקענען, — האָט ער מיר
געשריבן אין יאָר 1887. אין אַ בריוו, וואָס איך האָב באַקומען
מיט אַ צען יאָר פריער איידער עס איז דערשינען די באַוווס-
טע „קריטיק פון קונסט" (177). דאָס גאַנצע שלעכטס פון היינט
נעמט זיך דערפון, וואָס די אַזוי-גערופענע ציוויליזירטע מענטשן,
האָבנדיק אויף זייער זייט די געלערנטע און קינסטלער, בילדן,
ווי די כהנים, אַ באַזונדערע פריווילעגירטע קאַסטע. און די
קאַסטע באַזיצט די זעלבע פעלערן, ווי יעדע קאַסטע. זי דער-
נידריקט און פאַרקלענערט אַליין דער פרינציפ, אין נאָמען פון
וועלכן זי האָט זיך אָרגאַניזירט. דאָס, וואָס מען רופט אָן אין

אונדזערע קרייזן וויסנשאַפֿט אָדער קונסט איז נישט מער, ווי אַן אומבאַגרענעצטע humbug (שווינדל) און אָבערגלויבן, אין וועלכן מיר פֿאַלן געוויינלעך אַריין. נאָכדעם ווי מיר באַפֿרייען זיך פֿון דעם אָבערגלויבן אין דער רעליגיע, כּדי צו זעען קלאָר דעם וועג, אויף וועלכן מיר דאַרפֿן גיין, מוזן מיר אָנהויבן פֿון ס'ניי, מוזן מיר אויפֿדעקן דעם קאַפּטור, פֿון וועלכן עס איז אונדז וואַרעם, וועלכער אָבער שטערט אונדז צו זעען.

מיר ווערן געבוירן אויף די שטאַפּלען פֿון לייטער, אָדער דערשלאָגן זיך צו זיי און מיר דערזעען זיך פּלוצים צווישן די פּריווילעגירטע, צווישן די כּהנים פֿון דער ציוויליזאַציע, פֿון דער קולטור, ווי זאָגן די דייטשן. מיר דאַרפֿן פֿאַרמאָגן אין זיך, ווי די בראַמינישע און קאַטוילישע גלחים, פֿיל אויפֿריכטיקייט און אַ גרויסע ליבע צום אמת, כּדי צו קענען צווייפֿלען אין די פּרינציפּן, וועלכע פֿאַרזיכערן אונדז די באַקוועמע לאַגע. נאָר אַן ערנסטער מענטש, וועלכע שטעלט זיך אַוועק די פֿראַגע פֿון לעבן, וועט נישט צווייפֿלען. כּדי צו זעען קלאָר, דאַרף ער זיך באַפֿרייען פֿונם אָבערגלויבן, אין וועלכן ער געפֿונט זיך כאָטש ער איז פֿאַר אים באַקוועם. דאָס איז אַ באַדינג — sine quâ non — — — נישט זיין אָבערגלויבעריש! איבערגיין אין אַ צושטאַנד פֿון אַ קינד, אָבער פֿון דעקאַרט"...

דעם אָבערגלויבן פֿון דער מאָדערנער קונסט, מיט וועלכער עס פֿרייען זיך אַזוי די פֿאַראינטערעסירטע קלאַסן, אַט דעם „אומבאַגרענעצטן humbug" דעקט אויף טאָלסטאָי אין זיין בוך: „וואָס איז אַזוינס קונסט"? מיט אַן ערנסטער אויפֿגערעגטקייט ווייזט ער אָן אויף דער לעכערלעכקייט, אָרעמקייט, צביעות און טיפֿער צעפֿאַלנקייט פֿון דער קונסט. ער רייניקט אָפּ אַלץ.

און דער פֿאַרניכטונג טראָגט ער אַריין די פֿרייד פֿון אַ קינד, וואָס צעקלאַפּט זיינע שפּילעכלעך. די גאַנצע קריטישע

טייל איז אָפּט פֿול מיט הומאָר, ער איז אָבער אויך פֿול מיט אומגערעכטיקייטן: אַזוי איז שוין דער קאַמף. טאָלסטאָי באַ־נוצט זיך מיט אַלערליי אַרט געווער און שלאָגט יעדן, וועמען ער טרעפֿט, נישט צוקוקנדיק זיך אַפֿילו צו די פּנימער פֿון די, וועמען ער שלאָגט. זעער אָפֿט טרעפֿט זיך — ווי אין אַלע שלאַכטן — אַז ער פֿאַרווונדערט אַזעלכע, וואָס זיין חוב איז זיי גאָר צו באַשיצן: איבסען און בעטכאָווען צ. ב. עס איז די שולד פֿון זיין התלהבות, וואָס דערלויבט אים נישט גוט זיך צו פֿאַרקלערן, איידער ער גייט עפּעס טון, פֿון זיין ליידנשאַפֿט וואָס פֿאַרבלענדט אים אָפֿט אויף דער שוואַכקייט פֿון זיינע איי־גענע באַווייזן, און — לאָמיר דאָס זאָגן אָפֿן — עס איז די שולד פֿון זיין נישט פֿאָלקאָמער קינסטלערשער אַנטוויקלונג.

אויסער זיינע ליטעראַרישע לעקטורעס, ווי קומט צו אים גוט צו קענען די מאָדערנע קונסט פֿון זיין צייט? וואָס האָט ער געקענט הערן פֿון דער אייראָפּעישער מוזיק, אַט דער דאָר־פֿישער גוטבאַזיצער, וועלכער האָט דריי פֿערטל פֿון זיין לעבן פֿאַרבראַכט אינם רוסישן דאָרף און איז נישט אַרויסגעפֿאָרן קיין אייראָפּע פֿונם יאָר 1860? און וואָס האָט ער דען דעמאָלט געזען אויסער די שולן, וועלכע האָבן אים איינציק פֿאַראינ־טערעסירט? פֿון דער מאָלעריי רעדט ער נאָר פֿון הערן, אַריינשטעלנדיק אָן אַן אָרדנונג אין די רייען פֿון דעקאַדענטן, פּיוויס, מאַנע, מאָנע, בעקלין, שטוק, קלינגער און באַווונדער־דיק נאַאיוו, צוליב זייערע גוטע געפֿילן, זשול ברעטאָנען און לערמיטין; פֿאַראַכטעט מיכעל אַנדזשעלאָ און צווישן די ער־פֿינדער פֿון דער נשמה אין דער מאָלעריי, דערמאָנט ער קיין איינמאָל נישט רעמבראַנדטן. די מוזיק פֿילט טאָלסטאָי שוין פֿיל מער (178), נאָר ער קען זי כמעט נישט: ער שטעלט זיך אָפּ אויף די איינדריקן פֿון זיין קינדהייט, האַלט זיך ביי אַזעלכע

קאָמפּאָזיטאָרס, וואָס זענען שוין אין יאָר 1840 פאַררעכנט געוואָרן פאַר קלאַסיקער. און פון דעמאָלט ווייסט ער נישט קיין שום נייעס (אויסער טשייקאָווסקין, וועמענס מוזיק עס האָט אים אויפגערעגט ביז טרערן); ער רוקט אין איין זאַק אַריין בראַמסן און שטראוסן, האַלט אַ לעקציע פאַר בעטכאָווענען (179), און כדי צו רעדן פון וואַגנערן גלויבט ער איז גענוג זיך צו באַקענען מיט אים דורך איין פאָרשטעלונג פון „זיגפריד", אויף וועלכער ער קומט נאָך דעם, ווי דער פאָרהאַנג איז שוין אויפגעהויבן און גייט אַוועק פון איר אינמיטן פון צווייטן אַקט (180). אין דער ליטעראַטור איז ער שוין, זעלבסטפערשטענדלעך, פיל בעסער באַהאַוונט נאָר אַ דאַנק וועלכן מאָדנעם טעות מיידט ער אויס צו רעדן פון די רוסישע שרייבער, וועלכע ער קען גוט, און נעמט זיך אונטער אַרויסצוזאָגן געזעצן די אויסלענדישע פּאָעטן, וועמענס גייסט אים איז אינגאַנצן פרעמד, נאָר וועמענס ביכער ער מישט עס איבער מיט אַזאַ שטאָלצער פאַראַכטונג! (181)

אָט די געפערליכע זיכערקייט ווערט נאָך שטאַרקער מיט דער צייט. עס דערגרייכט ביז אין דער מדרגה, אַז טאָלסטאָי שרייבט אַ בוך כדי צו באַווייזן, אַז שעקספּיר „איז נישט געווען קיין קינסטלער".

„שעקספּיר האָט געקענט זיין, וואָס איר ווילט, נאָר ער איז נישט געווען קיין קינסטלער (182)".

באַוונדערט אָט די זיכערקייט, טאָלסטאָי צווייפלט נישט, ער דיסקוטירט נישט, ער באַזיצט דעם אמת, ער זאָגט אייך:

„די ניינטע סימפאָניע דערווייטערט די מענטשן איינעם פונם אַנדערן (183)".

אָדער:

„פון דער גאַנצער געלערנטער... מוזיק קען מען אָנווייזן אויף אַ זייער קליינע צאָל גוטע ווערק, אויף דער פידל-אַריע

פון באַך, אויף דעם נאָקטורן אין es dur פון שאָפּענען, און, אפשר, אויף אַ צענדליק זאַכן, נישט קיין גאַנצע ווערק, נאָר שטעלן אויסגעקליבענע פון די ווערק פון גאַיד, מאצארט, שו־בערט, בעטכאָווען און שאָפּען... דאָס אַלס איבריקע... דאַרף ווערן אַרויסגעוואָרפן, אָפּגעלייקנט און פאַראַכט, ווי קונסט, וואָס צעשיידט און נישט פאַראייניקט די מענטשן".

אָדער:

איך וועל מיך פלייסן, אויף וויפיל איך קען נאָר, צו דערווייזן פאַרוואָס איך מיין, אַז שעקספּיר קען נישט זיין אנער־קענט, נישט נאָר פאַר אַ גרויסן און געניאַלן, נאָר אַפילו נישט פאַר אַ מיטלמעסיקן שרייבער... ביי שעקספּירן איז נישטאָ קיין שילדערונג פון כאַראַקטערן".

דאָס, וואָס די איבריקע מענטשהייט האָט גאָר אינגאַנצן אַן אַנדערע מיינונג, שטעלט אים לחלוטין נישט אָפּ, פאַרקערט:

„מיין שוין פון לאַנג אָפּגעשטעלטע מיינונג וועגן שעקס־פּירן, שרייבט ער שטאָלץ, איז אינגאַנצן געגנזעצלעך דער מיי־נונג, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן איבער אים אין דער גאַנצער אייראָפּעישער וועלט".

אין זיין פאַרפאָלגונגס מאַניע פון פאַלשקייט האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער זעט זי, די פאַלשקייט, אומעטום; און וואָס מער אָנגענומענער און פּאָפּולערער עס איז געווען אַ גע־וויסע אידעע, אַלץ מער פיינטלעכער האָט ער זיך צו איר באַ־צויגן, געהיט זיך און חושד געווען אין איר, ווי ער דרוקט זיך אויס בנוגע שעקספּירן, „איינע פון די עפּידעמישע איינרעדענישן אונטער וועלכע די מענטשן האָבן זיך שטענדיק אונטערגעוואָרפן און וואַרפן זיך נאָך איצט אונטער... פאַר די בעסטע ביישפּילן פון אַזעלכע איינרעדענישן קענען דינען די מיטלאַלטערלעכע קרייצצוגן, דער גלויבן אין מכשפות... דאָס זוכן דעם פילאָזאָ־

פישן שטיין, אָדער די ליידנשאַפט צו טיולפּאַנעס... די מענטשן דערזעען קלאָר דעם שגעון פון אָט די איינרעדענישן ערשט דערנאָך, ווען זיי באַפרייען זיך פון זיי... מיט דער אַנטוויקלונג פון דער פּרעסע, זענען די עפּידעמיעס אריבער יעדער גרענעץ".

און אַלס אויף אַ טיפּישן ביישפּיל פון אָט דער אָנשטעקנ־דיקער קרענק, ווייזט טאָלסטאָי אָן אויף דער נאַר־וואָס געשע־ענער אפערע מיט דרייפוסן, וועגן וועלכער ער, דער פייגט פון יעדן אומרעכט און באַשיצער פון יעדן געדרוקטן, רעדט מיט א בטולדיקער גלייכגילטיקייט (184). אַ גלענצנדיקער ביישפּיל פון די עקסטרעמען, צו וועלכע עס האָבן געקענט דערפירן טאָלסטאָיען זיין מורא פאַר דער פאַלשקייט און זיין אינסטינקטיווער עקל צו „די עפּידעמישע איינרעדענישן", וועלכן ער אַליין האָט אַנערקענט נישט האָבנדיק קיין כּוחות צו באַזיגן אים. אָט די פאַרקערטע זייט פונם מענטשליכן יושר, אָט די אונפאַרשטענדלעכע פאַר־בלענדעניש האָט באַוויזן דעם חוזה פון מענטשלעכע נשמות, דעם וועקער פון טיפע פאַרבאָרגענע ליידנשאַפטן, אָנצורופן דעם „קעניג ליר" „אַ נאַריש ווערק" און די שטאָלצע קאַרנעליע „אַ באַשעפעניש אָן אַ שום כאַראַקטער (185)".

אין דער אמתן ווייזט ער אויפריכטיק אָן אויף אייניקע ווירקלעכע פעלערן ביי שעקספּירן, פעלרן, וועלכע מיר האָבן נישט דעם מוט מודה צו זיין: צ. ב. די געקינסטלקייט פון דער פּאָעטישער שפּראַך, וואָס איז איינע און די זעלבע כמעט ביי אַלע העלדן, די ריטאָריק אין דער ליידנשאַפט, אינם הערא־איזם און אַפילו אין דער פשוטקייט זיינער. און איך פאַרשטיי עס אויסגעצייכנט, אַז אַזוי ווי טאָלסטאָי, וואָס איז געווען ווייניקער ליטעראַט פון אַלע שרייבער, האָט נישט געקענט פילן קיין סימפּאַטיע צו דער שאַפונג פון דעם, וואָס איז צווישן אַלע ליטעראַטן געווען דער געניאַלסטער. נאָר צו וואָס פאַרלירן צייט

און רעדן פון דעם, וואָס מען קען נישט פאַרשטיין און וואָס פאַר אַ ווערט קענען האָבן די חקירות איבער אַ וועלט, וואָס איז פאַרשלאָסן פאַר אייך?

קיין שום ווערט נישט, אויב מיר וועלן זוכן אין זיי דעם שליסל צו אָט דער פרעמדער וועלט. און אַן אויסערגעוויינלעכע ווערט, אויב מיר וועלן זוכן אין זיי דעם שליסל צו דער שאַפונג פון טאָלסטאָיען. מען קען נישט פאָדערן פון דעם בעגיע־שעפער קיין אָביעקטיווע קריטיק. ווען אַ וואַגנער אָדער אַ טאָלסטאָי רעדן פון בעטכאָווענען אָדער שעקספּירן, רעדן זיי נישט פון בעטכאָווענען און שעקספּירן, נאָר פון זיך אַליין: זיי זאָגן אַרויס זייער אייגענעם אידעאַל. נאָר זיי ווילן אונדז נישט אַריינפירן אין קיין טעות. כדי צו באַהאַנדלען שעקספּירן, פּלייסט זיך טאָלסטאָי לגמרי נישט צו זיין „אָביעקטיוו". נאָך מער, ער וואַרפט פאַר שעקספּירן זיין אָביעקטיווע אַרט שרייבן. דער שעפער פון „מלחמה און שלום", דער מייסטער פון דער נישט פערזענלעכער קונסט איז פול מיט פאַראַכטונג צו די דייטשע קריטיקער, וועלכע האָבן באַלד נאָך געטען „אַנטדעקט שעקספּירן" און אַ טעאָריע, לויט וועלכער „די קונסט דאַרף זיין אָביעקטיוו ד. ה. זי דאַרף פאַרשטעלן די פאַקטן נישט אָפּשאַצנדיק זייערע גוטע און שלעכטע זייטן.. אַ טעאָריע וואָס לייקנט באַוואוסטזיניק אָפּ דעם רעליגיעזן אינהאַלט פון דער דראַמע".

אַזוי זאָגט אַרויס טאָלסטאָי זיינע קינסטלערשע אַנשויאונגען פון דער הויך פון רעליגיע און גלויבן. זוכט נישט אין זיין קריטיק קיינע פערזענלעכע אונטער־כוונות. ער שטעלט זיך נישט אַרויס ווי אַ ביישפּיל; ער איז פּונקט אַזוי אומברחמנותדיק צו זיינע ווערק, ווי צו די ווערק פון אַנדערע (186). וואָס זשע וויל ער, און אין וואָס באַשטייט דער רעליגיעזער אידעאַל פון דער קונסט, וואָס ער לייגט אונדז פאַר?

דער אידעאַל איז שען, דער נאָמען „רעליגיעזע קונסט" קען אונדז נאָך אַריינפירן אין אַ טעות וואָס איז שייך זיין פאַרגעם. נאָר טאָלסטאָי נישט נאָר ער פאַרשמעלערט די ראַמען פון קונסט, נאָר ער פאַרברייטערט זיי נאָך. די קונסט, זאָגט ער, איז אומעטום:

„די קונסט, אין ברייטערן זין פון וואָרט, דריגגט אַ דורך דאָס גאַנצע לעבן אונדזערס... מיר זענען געוווינט צו פאַרשטיין אונטערן וואָרט קונסט נאָר דאָס, וואָס מיר לייענען, הערן און זעען אין די טעאַטערס, אויף די אויסשטעלונגען אין קאָנצערטן; — געביידעס, סטאַטועס, פּאָעמעס, ראָמאַנען... נאָר דאָס אַלץ איז נישט מער, ווי די קלענסטע טייל פון דער קונסט, אַ דאַנק וועלכער מיר קומען אין באַרירונג איינעם מיטן אַנדערן דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן איז פול מיט די ווערק פון קונסט אָנהייבנדיק פונם וויג-לידל, ווערטל, נאָכמאַכן יענעם הייזער-באַפּוצונג און ענדיקנדיק מיט די רעליגיעזע פייערלעכקייטן. די קונסט איז איינע פון די צוויי אָרגאַנען פונם מענטשלעכן פּראָגרעס. דורכן וואָרט פאַרבינדט זיך דער מענטש מיטן געדאַנק און דורך די קינסטלערישע בילדער פאַרייניקט ער זיך מיטן געפיל פון אַלע איבעריקע מענטשן. די פאַרקריפּלונג פון איינעם פון די צוויי אָרגאַנען. מוז ברענגען שעדליכע פאָלגן פאַר דער געזעלשאַפט, אין וועלכער די פאַרקריפּלונג איז געשען... כמעט אַלץ, וואָס ווערט פאַררעכנט פאַר קונסט אין אונדזער געזעלשאַפט, איז לחלוטין נישט קיין קונסט, נאָר אַ נאָכאַמונג פון קונסט".

פונם רענעסאַנס אָן קען שוין קיין רייד נישט זיין פון קונסט ביי די קריסטלעכע פעלקער. די קלאַסן האָבן זיך צעטיילט. די רייכע, די פּריווילעגירטע האָבן זיך צוגענומען דעם מאָנאָפּאָל איבער דער קונסט, און זייער פאַרגעניגן, זייער הנאה, פאַר-

וואַנדלט אין אַ קריטעריום פון שענקייט. דערוווייטערנדיק זיך פון די אָרעמע, איז די קונסט אַליין פאַראָרעמט געוואָרן.

„דער קרייז פון געפילן, וועלכן עס לעבן אַדורך די הערשנדיקע און רייכע מענטשן, די, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט פאַרזוכט דעם טעם פון אַרבעט, איז פיל קלענער, אָרעמער און נישטיקער פון דעם, וועלכן עס לעבט אַדורך דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק... כּמעט אַלע געפילן פון די מענטשן און אונדזער ספּערע לאָזן זיך צופירן צו דריי זייער נישטיקע און פּשוטע הויפּט-געפילן: צום געפיל פון גאווה, פון קערפּערלעכער תּאווה און בענקשאַפט נאָך לעבן. און אָט די דריי געפילן און זייערע פאַרצווייגונגען זענען עס כּמעט אויסשליסלעך דער אינהאַלט פון דער קונסט ביי די רייכע קלאַסן".

אָט די קונסט פאַרפעסטעט די גאַנצע געזעלשאַפט, מאַכט אויסגעלאַסן דאָס פאָלק, פאַרשפּרייט זנות און איז די גרעסטע שטערונג פאַר דער פאַרווירקלעכונג פונם מענטשלעכן גליק. זי פאַרמאָגט נישט אין זיך, איבעריקנס, קיין שום אמתדיקע שענקייט, קיין שום נאַטירלעכקייט און אויפריכטיקייט. דאָס איז אַ קונסט אַ צביעותדיקע, אַ פאַבריצירטע, אַ מוח-קונסט.

אין געגנזאַץ צו אָט דעם עסטעטישן ליגן, צו אָט דער צייטפאַרטרייבערישער שפּיל פון די רייכע, לאָמיר אויפבויען אַ לעבעדיקע מענטשלעכע קונסט, וואָס זאָל זיין בכוח צו פאַראייניקן אַלע מענטשן, אַלע קלאַסן, אַלע פעלקער. די פאַרגאַנגענהייט לעגט אונדז פאַר גלענצנדיקע מאָדעלן.

„די מערהייט פון אונדז האָט שטענדיק פאַרשטאַנען און פאַרשטייט נאָך איצט דאָס, וואָס אויך מיר רעכענען פאַר דער העכסטער קונסט; די קינסטלערישע, פּשוטע ביבל-דערציילונגען עוואַנגעלישע משלים, פאָלקס-לעגענדעס, מעשהלעך, פאָלקס-לידער פאַרשטייען אַלע".

די העכסטע קונסט איז די, וועלכע דריקט אויס דעם רעליגיעזן באוווסטזיין פון איר עפאכע. נאר מען דארף נישט פארשטיין אונטער דעם די לערע פון דער קירכע. „אין יעדן היסטארישן מאמענט, און יעדער מענטשלעכער געזעלשאפט עקזיסטירט אומבאדינגט א העכסטער אידעאל — צו וועלכן עס האט נאר געקענט דערגרייכן די דאזיקע געזעלשאפט, פון פארשטיין דעם זין פונם לעבן, וואס גיט אונדז די מעגלעכקייט זיך פארצושטעלן דאס העכסטע גליק, צו וועלכן עס האט געשטרעבט די דאזיקע געזעלשאפט".

מער ווייניקער פילן אים אלע און איניקע פארשטייער דריקן אים אויס פינקטלעך.

„אזא רעליגיעזער באוווסטזיין איז שטענדיק פאראן אין יעדער געזעלשאפט. עס איז געגליכן צו דער ריכטונג פון א פליסנדיקן טייך (187)".

דער רעליגיעזער באוווסטזיין פון אונדזער צייט באשטייט אין דער שטרעבונג צו גליק דורך דער ברידערלעכער פאראייניקונג פון די מענטשן. עס איז נישטא קיין אמתע קונסט, אויסער די, וואס העלפט מיט דער דאזיקער פאראייניקונג. די העכסטע קונסט פארווירקלעכט עס אוממיטלבאר דורך דער קראפט פון ליבע, נאר עס איז דא נאך א צווייטע ארט קונסט וועלכע גייט צו דעם זעלבן ציל, קעמפנדיק מיטן געווער פון האס און פאראכטונג אנטקעגן אלץ און אלעמען, וואס שטערט אט די פארברידערונג פון מענטשן.

פון דעם ארט זענען די ראמאנען פון דיקענס, דאסטאיעווסקי, „דער גבור אין קייטן" פון הוגא און די בילדער פון מילעט. אין אלגעמיין, יעדע קונסט, וואס שטעלט נאר פאר דאס טאגטעגליכע לעבן אויפריכטיק און מיט געפיל, מעג זי האבן נישט דערגרייכט יענע הויכן ציל, דערגענטערט זי דאך די

מענטשן צווישן זיך, ווי צ. ב. „דאָן קיכאָט“ און דער טעאַטער פון מאָליערן. אמת, די לעצטע אַרט קונסט זינדיקט געוועגלעך מיט איר קליינלעכן רעאַליזם און אָרעמען אינהאַלט אין פאַרגלייך מיט די מוסטערן פון דער אַלטער פאָלקסטימלעכער קונסט, ווי צ. ב. די שענע געשיכטע פון יוספן.

די אויסערגעוועגלעכע פינקטלעכקייט אין די איינצלהייטן שאַדט די ווערק, וועלכע קענען נישט, צוליב דעם, ווערן אוניווערסאַל.

„די נייע ווערק ווערן מערנסטנטייל פאַרקויפט דורך דעם, וואָס הייסט רעאַליזם, מען וואָלט עס שוין גיכער געקענט אָנרופן: דער פּראָווינציאַליזם אין קונסט“.

אזוי אַרום פאַראורטיילט טאָלסטאָי נישט וואַקלענדיק זיך די יסודות פון זיין אייגענעם געניע. נאָר וואָס גיט אים אָן דאָס, וואָס ער אָפּפערט זיך אינגאַנצן דער צוקונפט און וואָס פון אים וועט גאָרנישט בלייבן?

„די קונסט פון דער צוקונפט וועט נישט זיין קיין פאָרטזעצונג פון דער הייניקער קונסט, זי וועט געבויט ווערן אויף אינגאַנצן אַנדערע און נייע יסודות... נישט דורך פּראָפעסיאָנעלע קינסטלער וועט זי געשאַפן ווערן. קונסט איז נישט קיין מלאכה נאָר אַדורכגעלעבט געפיל, וואָס ווערט אונדז איבערגעגעבן דורכן קינסטלער. מענטשן, וועלכע לעבן אין גוטע, נאָרמאַלע באַדינגונגען, זענען ביי זיי די געפילן אטראָפירט, און דעריבער איז די מאַטעריעלע פאַרזיכערונג דער שעדלעכסטער באַדינג פאַר דער פּראָדוקטיווער אַרבעט פון א קינסטלער“.

אין דער צוקונפט „וועלן אַלע באַגאַבטע מענטשן פונם פאָלק זיין קינסטלער“. די קינסטלערישע טעטיקייט וועט ווערן צוגענגלעך אַלעמען, אַ דאַנק דעם, וואָס „אַלע וועלן זיך לערנען אין די עלעמענטאַרע פאָלקס שולן, איינצייטיס מיט דער גע-

ווינלעכער בילדונג אויף מוזיק און מאַלעריי. אויסער דעם וועט די קונסט זיך שוין נישט נויטיקן מער אין דער קאָמפּליצירטער טעכניק, ווי היינט; זי וועט שטרעבן צו דער פּשוטקייט, קלאָרקייט און קאָנצענטרירטקייט, וואָס זענען דער מהות פון דער קלאַסישער, געזונטער און האָמערישער קונסט (188). ווי שיין וועט זיין איבערצוגעבן און אָט דער קונסט פון ריינע ליביעס די אוניווערסאַלע געפילן! שאַפן אַ מעשה אָדער אַ ליד, אָדער שילדערן אַ בילד פון מיליאָנען מענטשן, איז פיל וויכטיקער און שווערער, ווי אָנשרייבן אַ ראָמאַן אָדער אַ סימפאָניע (189). דאָס איז נאָך אַ רוי, נישט באַאַרבעט פעלד. אַ דאַנק אַזעלכע שאַפונגען, וועלן די מענטשן אָנהייבן באַגרייפן דאָס גליק פון ברידערלעכן אחדות.

„די קונסט דאַרף באַזייטיקן דעם געוואַלט־טאַט. און נאָר די קונסט קען עס טון... די מיסיע פון דער קונסט אין אונדזער צייט איז צו באַפעסטיקן גאָטס קעניגרייך ד. ה. די ליבע (190)".

ווער פון אונדז וועט זיך נישט פאַראייניקן מיט די גרויסע ווערטער? און ווער פון אונדז זעט דען נישט, אַז נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס טאָלסטאָיס געדאַנק איז נאַאיוו און זעט ווי אַן אוטאָפּיע, איז עס ביי דעם אַלעמען לעבנספול און יוכטבאַר.

יאָ, אונדזער קונסט, אין אַלגעמיין, איז נישט מער ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון די געפילן ביי אַ געוויסער קאַסטע, וועלכע צוטיילט זיך אַליין נאָך אויף ביי יעדן פאָלק אויף קלענערע פיינטלעכע גרופּן. אין גאַנץ אייראָפּע איז נישט צו געפינען קיין אייניקאייניקע קינסטלערישע נשמה, וועלכע זאָל פאַרווירקלעכן די פאַראייניקונג פון פּאַרטייען און פעלקער. די אוניווערסאַלסטע, אין אונדזער צייט, איז טאַקע נאָר די נשמה פון

טאָלסטאָיען. אין איר האָבן מיר זיך מענטשן, פון פאַרשידענע פעלקער און קלאַסן, ליב איינער דעם צווייטן. און ווער עס האָט, גלייך ווי מיר, פאַרזוכט די גרויסע פרייד פון אָט דער ברייטער ליבע, וועט זיך שוין נישט באַפרידיקן מיט די ברעקלעך פון אַ גרויסער מענטשלעכער נשמה, וואָס עס לייגט אונדז פאָר די קונסט פון די אייראָפּעישע שרייבער-כנופיות.

די שענסטע טעאָריע האָט אַ ווערט נאָר אַ דאַנק די ווערק, אין וועלכע זי פאַרווירקלעכט זיך, באַ טאָלסטאָיען איז די טעאָריע און דאָס שאַפן אומצעטיילבאַר, ווי דער גלויבן און דער טאַט. אין דער זעלבער צייט, ווען ער אַרבעט איבער דער קריטיק פון קונסט, גיט ער אַליין מוסטערן פון דער נייער אַרט קונסט, צו וועלכער ער שטרעבט — מוסטערן פון צוויי באַזונדערע פאָרמען פון קונסט, אַן העכערע און נידריקערע; נאָר ביידע זענען זיי טיף „רעליגיעז", אין העכסטן מענטשלעכן זין — די איינע ווירקט צו דער פאַראייניקונג פון די מענטשן דורך ליבע, די אַנדערע קעמפט מיט אַלץ, וואָס איז פיינטלעך דער ליבע. ער שרייבט דעמאָלט אָן זיינע הויפּט-ווערק! „דער טויט פון איוואַן איליטש" (1884—6) „פאָלקסטימלעכע מעשיות און דערציילונגען" (6 1881) „דער כוח פון פינצטערניש" (1886) קרייצער סאָנאַטע (889) „דער באַלעבאָס און דער אַרבעטער" (1895) (191). אויפן העכסטן פונקט צום סוף פון דעם קינסטלערישן פעריאָד דערהויבט זיך, ווי אַ צווייטורעמדיקע קאַטעדרע, ווו איין טורעם סימבאָליזירט מיט זיך די איבריקע ליבע און דער צווייטער די שנאה צו דער געזעלשאַפט, „תחית-המתים" (1899).

די אַלע ווערק אונטערשיידן זיך פון די פריערדיקע מיט זייער נייעם קינסטלערישן כאַראַקטער. טאָלסטאָיס אַנשויאונגען האָבן זיך געביטן נישט נאָר וואָס איז נוגע דעם עצם קונסט,

נאָר אויך דער פאָרם פון קונסט, די פרינציפּן פון געשמאַק און קינסטלערשן אויסדרוק, וועלכע ער זאָגט אַרויס אין „וואָס אַזוינס איז קונסט?״ און אין דעם בוך איבער שעקספּירן, פאַרוואונדערן אונדז פשוט. זיי זענען מערסטנטייל אין געזונזאַץ צו זיינע פריערדיקע גרויסע ווערק. אין „וואָס אַזוינס איז קונסט?״ לייענען מיר: „קלאָרקייט. פשוטקייט, קאָנצענטרירטקייט״. אַ פאַראַכטונג צו דעם „ווירקן אויף די אויסערלעכע געפילן״. אַ פאַראורטיילונג דעם קליינלעכן רעאַליזם. און אין דעם בוך איבער שעקספּיר: אַ פאָלקאָם קלאַסישער אידעאַל פון גאַנצקייט און פון מאָס.

„אָן דעם חוש פאַר מאָס... קען נישט זיין קיין קינסטלער״. און אויב אין זיינע ווערק האָט דער אַלטער טאָלסטאָי נאָך נישט באַוויזן אין גאַנצן צו פאַרשווינדן, מיט זיין אַנאַליטישן זשעניע און געבוירענע אָפּגעזונדערטקייט פון מענטשן, וועלכע צייטנווייז טרעט אַרויס נאָך שטאַרקער, האָט דאָך די קונסט זיינע זיך טיף געענדערט דורך דער קלאָרקייט און שאַרפקייט פון זיין בילד, דורך דער קורצקייט פון דער כאַראַקטעריסטיק און דורך דער קאָנצענטרירקייט פון דער איבערלעבער דראַמע, וועלכע, ווי אַ רויב-חיה, נעמט זיך צונויף מיט זיך אַליין, כדי אַ שפּרונג צו טון אויפן געגנער (192); דאָס געפיל ווערט אוניווערסאַלער, באַפרייענדיק זיך פון די פאַריבערגייענדיקע איינצלהייטן פון אַ לאָקאַלן רעאַליזם; און, ענדלעך די שפּראַך ווערט בילדלעך, געשמאַק און שמעקט מיט ערד.

אַ דאַנק זיין ליבע צום פאָלק, האָט ער שוין פונלאַנג באַמערקט די שיינקייט פון פאָלקסטימלעכער שפּראַך. זייענדיק אַ קינד נאָך, האָבן אים צוגעצויגן און פאַרוויגט די שיינע מעשהלעך פון די אָרימעלייט. און דערנאָך אויף דער עלטער, זייענדיק שוין אַ בעוווסטער שרייבער, האָט ער געפילט אַ

קינדערלעכע זאַכן אין ספּראַך. די ווערטער פּאַשוטע פויערן.

„די מענטשן זאָגט ער שפּעטער צו פּאָול ביריע (193), זענען אמתע מייסטערס. פריער, רעדנדיק מיט זיי, אָדער מיט די וואַנדערער, וועלכע מיט דער טאָרבע אויף די פּלייצעס, גייען אַרום אַזוי איבער אַלע אַנדערע דערפער, פלעג איך פליי-סיק פאַרשרייבן יעדן אויסדרוק, וועלכן איך האָב געהערט צום ערשטן מאָל. אָפט זענען דאָס געווען אַלטע, אמתע רוסישע זאַצן, וועלכע זענען פאַרגעסן געוואָרן אין דער נייער ליטעראַ-רישער שפּראַך. יאָ דער געניע פון דער שפּראַך לעבט צווישן די מענטשן"...

נאָך מער עמפּפינדלעכער איז טאָלסטאָי געווען צו דער פאָלקסטימלעכער שפּראַך צוליב דעם, וואָס זיין מוח איז נישט געווען אָנגעפּולט מיט ליטעראַטור (194). דאָס לעבן ווייט פון שטאָט, צווישן די פויערן, האָט געווירקט אויף אים אַז ער אַליין האָט אָנגעהויבן דענקען אַביסל אויפן שטייגער פון אַ פאָלקס-מענטש. פונדאַנען דער לאַנגזאַמער גאַנג פון זיין אַרט דענקען, זיין געזונטער, שאַרפער פאַרשטאַנד, וועלכער שלעפּט זיך טריט ביי טריט, מיט פלוצימדיקע, סותרדיקע שפּרונגען און זיין מאַניע איבערצוחזרן אַ געדאַנק, אין וועלכן ער איז איבערצייגט, איבערצוחזרן אים אין די זעלבע אויסדריקן אָן אַ אויפהער, אָן אַ סוף.

נאָר דאָס זענען גיכער פעלערן ווי מעלות. ערשט שפּע-טער האָט טאָלסטאָי זיך אָנגעהויבן צוקוקן צו דעם פאַרבאָרגע-נעם געניע פון דער פאָלקס שפּראַך, צו איר בילדלעכער זאַפטי-קייט, צו דער פּאָעטישער רויקייט און צו דער ברייטקייט פון דער לעגענדאַרישער חכמה. פון דער צייט פון „מלחמה און שלום" האָט ער אָנגעהויבן זיך אונטערוואַרפן דער וויר-

קונג פון אָט דעם געניע. אין מערץ 1872 האָט ער געשריבן סטראכאָוון:

„איך האָב געביטן דעם אופן פון מיין שרייבן און מיין שפּראַך... מיר איז ליב די שפּראַך פונם פאָלק, וועלכע פאַרמאָגט טענער אויף אויסצודרוקן אַלץ, וואָס עס קען נאָר זאָגן אַ דיכטער. די שפּראַך איז דער בעסטער פּאָעטישער רעגולאַטאָר. ווילט זאָגן עפּעס איבעריקס, אויפגעבלאָזנס, ווייטיקלעכס— און די שפּראַך וועט זיך נישט צופּאַסן, און אונדזער ליטעראַרישע שפּראַך איז ווי אַן בייגער, קענסט דרייען מיט איר ווי דו ווילסט און אַלץ וועט זיין ענלעך אויף ליטעראַטור (195)".
ביי דעם פאָלק האָט טאָלסטאָי גענומען נישט נאָר מוסטערן פאַר זיין סטיל, נאָר אויך פיל קינסטלערישע סיוזשעטן. אין יאָר 1877 איז קיין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ געקומען אַ דערציילער פון „בילינעס", און טאָלסטאָי האָט זיך פאַרצייכנט ביי אים איניקע פון זיי. אין זייער צאָל איז אַריינגעגאַנגען די לעגענדע „פון וואָס לעבן די מענטשן" און „די דריי אַלטע, וועלכע האָבן זיך פאַרוואַנדלט דערנאָך, ווי עס איז באַוווסט, אין איינע פון די שענסטע אין זיינע „פאָלקס מעשות", וועלכע טאָלסטאָי האָט פאַרעפנטלעכט איניקע יאָר שפּעטער (196).

אין דער מאָדערנער קונסט איז די אַרט שאַפונג אייגנציק און האָט צו זיך קיין גלייכן נישט. דאָס זענען ווערק, וואָס שטייען העכער פון קונסט: לייענדיק זיי, ווער וועט עס זיך דערמאַנען אין ליטעראַטור? דער גייסט פון דער עוואַנגעליע און די פרומע ליבע צו אַלע מענטשן־ברידער, זענען דאָרט פאַראייניקט מיט דער ליבער פשוטקייט פון אמתער פאָלקס־חכמה. פשוטקייט, קלאָרקייט, אויסערגעוויינלעכע גוטהאַרציקייט און דאָס הימלישע ליכט, וואָס צייטנווייז באַלויכט עס אַזוי נאַטירלעך אַ גאַנץ בילד, רינגלט אַרום מיט אַן אַרפאָל די צענטראַלע פיגור

דעם אַלטן עליסיי (197), אָדער שוועבט אַרום אינם קעלער־שטיבל פונם שוסטער מאַרטין, וועלכער זעט דורך זיין פענצטער, וואָס ליגט ביי דער ערד, נאָר די פיס פון די דורכגייער און וועלכן גאָט באַזוכט אינם געשטאַלט פון אָרימע, וועלכע ער העלפט (198), אָפּט דערפילן מיר אין די דערציילונגען, וועלכע זענען ענלעך צו די משלים פון דער עוואַנגעליע, דעם אַראָמאַט פון אָריענטאַלישע לעגענדעס, פון די מעשהלעך פון טויזנט און איין נאַכט, וועלכע טאָלסטאָי האָט אזוי ליב געהאַט פון זיין קינדהייט אָן (199). אַ מאָל ווערט דאָס פאַנטאַסטישע ליכט שרעקליך און גיט צו דער דערציילונג אַ פינצטערן אויסזען פון אַ אומגעהויערער גרויס. אַזוי איז די דערציילונג „דער מוזשין פּאכאם" (200), וועלכער וויל זיך ערווערבן אַ סך ערד, אַזויפיל, וויפיל ער וועט אַדורכגיין אין משך פון איין טאָג, און ער שטאַרבט שוין ביי דעם סוף פון זיין גאַנג.

„אויף דעם בערגל איז נאָך ליכטיק. איז פּאכאָם אַרויפגעלאָפן, גיט אַ קוק — אַ היטל, פאַר דער היטל זיצט דער סטאַרשינאַ, גוגעט און האַלט זיך מיט ביידע הענט ביי דעם בויך, האָט פּאכאם זיך אין חלום דערמאָנט, אַ קרעכץ געטון, די פיס האָבן זיך אים אונטערגעבראָכן און ער איז געפאַלן מיטן קערפּער פאָרויס, דערלאַנגענדיק מיט די הענט אַזש ביז דעם היטל.

— אַי, אַ מאָלאָדיעץ! — האָט אויסגעשריגן דער סטאַרשינאַ — אַ סך ערד זיך דערוואָרבן.

איז אונטערגעלאָפן דער אַרבעטער פּאכאמאַוו, געוואָלט אים אויפהייבן, און ביי אים פונם מויל איז דאָס בלוט געריננען, און ער ליגט טויט.

האָבן די באַשקירצע אַ קנאַק געטון מיט די צינגען, באַדויערט, און דער אַרבעטער האָט אויפגעהויבן דעם רידל, אויס

געגראָבן פאַר פּאַכאָמס וועגן אַ גרוב, פּונקט וויפל ער האָט באַדאַרפט פאַרנעמען פון די פיס ביז אין קאָפּ — דריי אַרשין — און האָט אים פאַרגראָבן".

כמעט אַלע די דערציילונגען אַנטהאַלטן אין זיך אונטער דעם פּאָעטישן שלייער די זעלבע עוואַנגעלישע מאָראַל פון איינגעהאַלטנקייט און פאַרצייאונג:

„האָט דיך עמעצער באַליידיקט, זיי אים מוחל אין נאָמען פון גאָט (201)".

„נישט שטעל זיך אַנטקעגן דעם שלעכטן (202)".

„מיר געהער די נקמה און אין מיינע הענט געפינט זיך יער לוין (203)".

און, שליסלעך, אומעטום און שטענדיק איז די ליבע.

טאָלסטאָי, וועלכער האָט געוואָלט שאַפן אַ קונסט פאַר אַלעמען האָט שוין מיטן ערשטן אַריסטריט זיינעם דערגרייכט די אַלוועלטליכקייט. זיינע ווערק האָבן געהאַט אין דער גאַנצער וועלט אַן ערפאָלג, וואָס וועט שוין קיינמאָל נישט אָפּגעשוואַכט ווערן: ווייל זיי זענען אָפּגערייניקט פון די אַלע פוילע עלעמענטן פון דער קונסט; זיי האָבן שוין אין זיך גאָרנישט אויסער דאָס אייביקע.

„דער כוח פון פינצטערניש" דערהויבט זיך נישט ביז אין דער הויכער מדרגה פון האַרץ-פּשוטקייט, צו וועלכער יענע האָבן דערגרייכט. ער פּרעטענדירט אפילו נישט אויף דעם דאָס איז די צווייטע שאַרף פון דער שווערד. פון איין זייט דער חלום פון געטלעכער ליבע. פון דער צווייטער — די שרעקלעכעווירקלעכקייט. לייענדיק די דראַמע, קען מען זען צי טאָלסטאָי איז פעיק געווען אינם נאָמען פון גלויבן צו פאַרראַטן דעם אמת און אינם נאָמען פון דער ליבע צום פאָלק צו אידעאַליזירן עס.

טאָלסטאָי, דער אזוי נישט געשיקטער אין דעם מערסטן טייל פון זיינע דראַמאַטישע פּרוּוון (204). דערגרייכט דאָ די מייסטערשאַפט. די כאַראַקטערן און האַנדלונגען זענען דאָ אנטוויקלט פריי און אויסגעהאַלטן; דער פראַנט ניקיטאַ, די פילנדיקע, סענסועלע ליידנשאַפט פון אַניסיאַ, די ציניִשע פראַקטיקייט פון דער אַלטער מאַטרענע, וועלכע פלייסט זיך מוטערלעך צו פאַרדעקן די זנות-מעשים פון איר זון און די הייליקייט פון דעם אַלטן פאַראיקנדיקן זיך אַקים — דעם לעבעדיקן גאָט אין א גמאָסן קערפער. דערנאָך, דאָס פאַלן פונם שוואַכן, נישט שלעכטן, נאָר געזוּנקענעם אין זינד ניקיטאַ, וועלכער קוילערט זיך איבער אָפּגרונט פון פאַרברעכנס, נישט קוקנדיק אויף אַלע אָנשטרענגונגען זיינע זיך אויפצוהאַלטן אויף דער משופּעדיקייט: אים ציִען אַהינצו זיין מוטער און זיין פרוי...

„די מוזשיקעס לויבן קען מען נישט, נאָר די באַבעס... די זענען שוין ווי די חיות אין וואַלד. זיי האָבן פאַר גאָרנישט נישט קיין מורא... אייערע שוועסטער זענען אין רוסלאַנד אין די מיליאָנען, און אַלע זענען זיי, חי די קראַטן די בלינדע קיין אַהנונג נישט אין גאָרנישט... דער מוזשיק, דער איז כאָטש א מאָל אין שענק, טרעפט זיך אויך, אין הויף, און אַמאָל גאָר אין די זעלנער, ווי איך, ווערט ער עפּעס-וואָס געוויר. אָבער די באַבע וואָס?.. ווי אַזוי זי איז געבוירן געוואָרן, אזוי שטאַרבט זי. זי האָט גאָרנישט געזעען גאָרנישט געהערט... ווי די בלינדע הינטלעך קריכן זיי אַרום, מיט די קעפּלעך אין מיסט שטופּן זיי זיך... נאָר זייערע לידלעך די נאַרישע ווייסן זיי: האָ-האָ, האָ-האָ... און וואָס האָ? ווייסן זיי אַליין נישט... (205)”.

דערנאָך, די שרעקלעכע סצענע פונם דערמאָרדן דאָס ניי-געבוירענע קינד. ניקיטאַ וויל עס נישט טויטן. אַניסיאַ, וואָס האָט אָפּגעסמט איר מאַן צוליב אים און איז פון דער צייט

שטענדיק געפּייניקט דורכן געוויסן, ווערט ווילד, משוגע און דראָט אויסצוגעבן ניקיטען.

זי שרייט:

„לאָמיך נישט זיין אַליין, זאָל ער אויך, דער מערדער, זיין. ווער ער וויסן וואָס דאָס איז".

ניקיטע דערדריקט דאָס קינד צווישן צוויי ברעטער. אין מיטן פון זיין פאַרברעכן אַנטלויפט ער פּלוצים, א דערשראָקענער, דראָט צו טויטן אניסיען מיט דער מוטער, און קלאָגט, און בעט זיך:

„מאַמעליו, טייערינקע, איך קען שוין נישט מער"!

אים דאַכט זיך אויס, אַז ער הערט דאָס געשריי פונם צעקוועטשטן קינד.

„וווּ זאָל איך זיין?!.."

דאָס איז א סצענע פון שעקספּיר, ווייניקער שרעקלעך, אָבער נאָך מער אָנצייענד איז דער וואַריאַנט פונם פירטן אַקט, דער דיאַלאָג צווישן קליינעם מיידעלע און אַלטן אַרבעטער, וועלכע, בלייבנדיק אַליין אין שטוב, הערן זיי אין דער נאַכט און שטויסן זיך אָן דעם פאַרברעכן, וואָס קומט יעצט פאָר אין דרויסן.

ענדלעך די פרייוויליקע תשובה, באַגלייט פון זיין פאָטער, דעם אַלטן אַקים, טרעט אַריין ניקיטאַ א באָרוועסער אויף דער חתונה צווישן אַלע געסט. וואַלגערט זיך אַנידער אויף די קני, איז זיך מודה אין אַלע פאַרברעכנס און בעט ביי אַלעמען פאַרצייאונג. דער אַלטער אַקים גיט אים צו מוט, קוקט-אים אָן מיט א שמייכל פון וויטיקלעכן עקסטאַז:

„גאָט-דו, גאָט-דו! אָט-אָ!.."

א באַזונדערע קינסטלערשע שענקייט גיט צו דער דראַמע איר פּויערשע שפּראַך.

„ביי דער אַרבעט איבער „דעם כוח פון פינצטערניש",
האָב איך אויסגענוצט די באַמערקונגען אין מיינע נאָטיץ-ביכלעך
האָט טאָלסטאָי געזאָגט צו פאָל בואַיע.

אָט די נישט פאַרויסגעזעענע בילדער, וואָס שלאָגן זיך
אַדורך, ווי אַ קוואַל, פון דער לירישער און הומאָר-פולער רו-
סישער נשמה, האָבן אין זיך אַזויפיל קראַפט און באַגייסטערונג
אַז די ליטעראַרישע בילדער, וואָס גייען האַנט-ביי-האַנט מיט
זיי, זעען אויס בלאַס. טאָלסטאָי האָט פאַרגעניגן פון זיי; מען
פילט, אַז אין דער זעלבער צייט, ווען טאָלסטאָי דער קינסטלער
אַרבעטנדיק איבער זיין דראַמע, פאַרצייכנט מיט הנאה אַלע די
אויסדריקן און געדאַנקען, די קאָמישע זייט פון וועלכע ער באַ-
מערקט גאַנץ גוט (206), אין דער זעלבער צייט ווייטיקט טאָלס-
טאָי דער אַפּאָסטאָל איבער דער פינצטערניש פון דער מענטש-
לעכער נשמה.

באַאָבאַכטנדיק דאָס לעבן פונם פשוטן פאָלק און לאָזנדיק
פאַלן אין דער פינצטערניש, וואָס האָט דאָרטן געהערשט, אַ
שטראַל פון ליכט, האָט טאָלסטאָי איינצייטיק געווידמעט צוויי
טראַגישע ראָמאַנען דער נאָך מער פינצטערער נאַכט אינם לעבן
פון די רייכע און בורזשואַזע קלאַסן. מען פילט, אַז די דראַ-
מאַטישע פאָרם, האָט צו יענער צייט באַהערשט זיין קינסטלערשן
געדאַנק. „דער טויט פון איוואַן איליטש" און „קרייצער סאָ-
נאַטע", דאָס זענען אמתדיקע דראַמעס אינערלעך צונויפגעפרעסטע
און קאָנצענטרירטע; אין „קרייצער סאָנאַטע" דערציילט די
דראַמע דער העלד אַליין.

„דער טויט פון איוואַן איליטש" (1884 - 1886) איז איינס
פון די רוסישע ווערק, וואָס האָט אַממערסטן אויפגערודערט דאָס
פראַנצויזישע פובליקום. איך האָב אין אָנהויב דערמאָנט ווי
מיר איז אויסגעקומען צו זיין אַ עדות פון דער שטאַרקער

אויפרעגונג, וואָס עס האָט אַרויסגערופן דאָס ווערק ביי איינ־ווינער פון אַ פראַנצויזישער פּראָווינץ, וועלכע זענען, דאכט זיך, אינגאַנצן גלייכגילטיק געווען צו קונסט. עס נעמט זיך דערפון, וואָס דאָס ווערק שטעלט פאַר אויסערגעוויינלעך ריכטיק און גענויע אַ טיפּ פון די מיטלמעסיקע מענטשן, געוויסהאַפטע באַאַמטע, וואָס האָבן נישט קיין גלויבן, קיין אידעאַל, קיין אייגענעם געדאַנק אפילו, און וואָס ווערן אינגאַנצן פאַרשלונגען דורך זייער באַשעפטיקונג, דורך זייער אויטאָמאַטיש לעבן, ביז אין די לעצטע שעהן, וואָס פאַרן טויט, ווען זיי כאַפּן זיך ערשט מיט שרעק, אַז זיי האָבן אינגאַנצן נאָך נישט געלעבט. איוואַן איליטש איז דער פאַרשטייער פון אָט דער איראָפּעישער בורזשואַזיע אין די אַכציקער יאָרן, וועלכע לייענט זאָלאַ, גייט הערן סאַרא בערנאַרד, און נישט האָבנדיק קיין שום גלויבן, איז זי נאָך נישט אומגלויביק: ווייל זי גיט זיך נישט די מי צו גלויבן און נישט — נישט צו גלויבן — זי פאַרקלערט זיך קיינמאָל נישט איבער דעם.

מיט זיין שטאַרקן באַשולדיקונגס־אַקט, ערטערווייז שטרענגען און ערטערווייז אָפּלאַכנדיקן, אַנטקעגן דער גאַנצער געזעלשאַפט און איבערהויפּט אַנטקעגן דער הייראַט, עפנט אויף מיט זיך „דער טויט פון איוואַן איליטש" אַ גאַנצע רייע פון נייע ווערק און זאָגט אָן דאָס אָנקומען פון נאָך מער ווילדערע בילדער אין קרייצער־סאָנאַטע און אין תחית־המתים.

די נעבעכדיקע און לעכערלעכע פּוסטקייט פון אַזאַ לעבן (און אַזעלכע לעבנס זענען דאָ אין די טויזנטער) מיט זייערע אומגעהייערע אַמביציעס, מיט זיין שטענדיקן ווילן צופרידן שטעלן די אייגן־ליבע, וואָס פאַרשאַפט קיינמאָל נישט קיין פאַרגניגן, נאָר וואָס איז דאָך פיל אַנגענעמענער, איידער „צו זיצן איינער אַליין אָדער מיט דער פרוי", די אומאַנגענעמלעכקייטן

האָס מען באַגעגנט אויפן וועג צו אַ קאַריערע און די אַלערליי אומגערעכטיקייטן וואָס ערגערן אַזוי שטאַרק און מאַכן די מענטש אַזוי פאַרביסן; דאָס אמתע גליק איז שוין — שפּילן אין ווינט. און אָט דאָס לעכערלעכע לעבן פאַרשווינדט פּלוצים צוליב אַ סיבה, וואָס איז נאָך מער לעכערלעכער: דאָס אַראָפּ-פאַלן פון איוואַן איליטש פונם לייטערל, ווען ער האָט געוואָלט צוטשעפּען דעם פאָרהאַנג איבערן פענצטער אין זאַל. דער ליגן פונם לעבן. דער ליגן פון דער קרענק. דער ליגן פונם גע-זונטן דאָקטאָר וואָס קלערט נאָר וועגן זיך. דער ליגן פון דער משפּחה, וועלכער די שלאַפקייט האָט זיך שוין דערעסן און גע-וואָרן דערווידער. דער ליגן פון דער פרוי, וועלכע מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ געטרייע, און אייניציטיק קלערט זי שוין פון דעם, ווי אַזוי זי וועט לעבן, אַז דער מאַן וועט זיין טויט. אַן אַלגעמיינער ליגן, וועלכן עס שטעלט זיך אַנטקעגן נאָר דער

איינציגער אמת פון דעם אויפריכטיק מיטלײדנדיקן דינער, וואָס זוכט נישט צו פאַרבאָרגן פון דעם שטאַרבנדיקן זיין אמתדיקן צושטאַנד און העלפט אים ברידערלעך מיט וואָס באָר ער קען. איוואַן איליטש דערפילט אַ שטאַרקן רחמנות צו זיך אליין און ער וויינט איבער זיין עלנד און איבער דעם עגאָיזם פון די מענטשן; און אַזוי ליידט ער שרעקלעך ביז אין דעם טאָג, ווען אים ווערט פלוצים קלאָר, אַז זיין גאַנץ לעבן ביז אַהער איז געווען נישט מער ווי איין גרויסער שווינדל און אַז אָט דעם שווינדל קען מען נאָך יעצט פאַרריכטן. אַלץ ווערט אים קלאר – איין שעה פאַרן טויט. ער קלערט שוין נישט וועגן זיך, ער קלערט שוין פון זיינע אייגענע און דערפילט צו זיי אַ שטאַרקן רחמנות; ער דאַרף שטאַרבן און באַפרייען זיי פון אים.

„נו ווו ביזטו, ווייטיק? – ער האָט אָנגעהויבן זיך איינצוהערן – אָט איז ער. נו, איז וואָס, זאָל זיין ווייטיק. און

טויט? ווו איז ער? -- האָט ער געפּרוּווט זוכן אין זיך דעם פריערדיקן פּחד און נישט געפונען... אָנשטאָט דעם טויט, האָט ער דערזעען אַ ליכט... — געוויס! -- האָט עמעצער איבער אים אַ זאָג געטון, ער האָט אויפגעכאַפּט דאָס וואָרט און האָט עס שטיל איבערגעחזרט אין דער נשמה — געוויס, דער טויט — האָט ער זיך געזאָגט — ער עקזיסטירט שוין נישט מער"

אין „קרייצער סאָנאַטע" ווייזט זיך שוין אפילו נישט אָט דאָס „ליכט (207)". דאָס ווערק איז, ווי אַ צעווילדעוועטע, פאַרווונדעטע חיה, וואָס איז אָפּגעלאָזט געוואָרן זיך נוקם צו זיין אין דער געזעלשאַפט פאַר דעם, וואָס זי האָט דורכגעליטן מיר דאַרפן נישט פאַרגעסן, אַז „קרייצער סאָנאַטע" איז אַ ווידוי פון אַ מענטשן, אַ חיה, וועלכער איז נאָר וואָס באַגאַנגען אַ מאָרד און איז נאָך אָנגעשטעקט מיטן גיפט פון אייפערזוכט. טאָלסטאָי אַליין באַהאַלט זיך אויס אונטער זיין העלד. נאָר עס איז זעער לייכט, פאַרשטייט זיך, צו דערקענען זיינע אייגענע אידעען, וועלכע זענען דאָ געגעבן נאָר אויף איין טאָן העכער, אין אָט די אַלע הייסע אָנפאַלן אויף דער אַלגעמיינער צביעות; די צביעות אין, דער [illegible]ביאונג פון די פרויען, אין דער ליבע אין הייראַט, — דעם „לעבן מיט פיל מענער און פרויען" — די צביעות אין דער ווינסשאַפט, אין דער געזעלשאַפט צווישן די מעדיקער — „די פאַרשפּרייטער פון אַלערליי פאַרברעכנס". נאָר דער העלד ברענגט טאָלסטאָיען צו ברוטאַלע אויסדרוקן, צו געמיינע ליידנשאַפטליכע בילדער, אין וועלכע עס זעט זיך די גאַנצע קערפּערליכע ליידנשאַפט און, נאָך דער רעאַקציע, דער גאַנצער שגעון פון אַסקעטיזם, די מורא פאַר די ליידנשאַפטן און דער האַס צו זיי; דאָס איז אַ קללה דעם לעבן פון אַ מיטלאַלטערלעכן מאָנאַך, וואָס ווערט פאַרברענט פון תאווה־געפילן נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאַט דאָס בוך אָנגעשריבן, האָט

זיך טאָלסטאָי אַליין דערשראָקן:

„איך האָב דורכאויס נישט ערוואַרט — זאָגט ער אין עפּילאָג (208) — אַז דער גאַנג פון מיינע געדאַנקען וועט מיר ברענגען דערצו, צו וואָס ער האָט מיר געבראַכט. איך האָב זיך אַליין דערשראָקן פאַר מיינע אויספירונגען, איך האָב געוואָלט זיי נישט גלויבן, נאָר נישט גלויבן זיי איז געווען אוממעגלעך... איך האָב זיי געמוזט אנערקענען"...

און אין דער אמתן מוז ער איבערחזרן, אויב אַפילו אין אַ לייכטערער פאָרם, דעם ווילדן געשריי פונם מערדער פּאָזדנישעוו אַנטקעגן דער ליבע און חתונה.

„די ווערטער פון דער עוואַנגעליע, אַז דער וואָס קוקט אויף אַ פרוי מיט תאוה, איז גלייך ווי ער זאָל האָבן מזנה געווען מיט איר, באַציען זיך נישט נאָר אויף פרעמדע פרויע נאָר איבערהויפּט אויף דער אייגענער פרוי".

„ווען עס וועלן פאַרשווינדן ווערן די ליידנשאַפט, וועט מקוים ווערן די נבואה, די מענטשן וועלן זיך פאַרייניקן, דער ציל פונם מענטשן וועט זיין דערגרייכט, און ער וועט נישט האָבן צוליב וואָס צו לעבן".

אָנשפּאַרנדיק זיך אויף דער עוואַנגעליע פון מאַטעוש, דערווייזט טאָלסטאָי, „אַז קריסטוס האָט קיינמאָל נישט גערעדט פון חתונה, אַז לויט דער אמתער קריסטלעכער לערע, האָט די חתונה קיין שום יסוד נישט און אַז די קערפּערלעכע ליבע, דאָס חתונה האָבן, איז יעדנפאַלס נאָר אַ שטרויכלונג פאַר דעם, וואָס וויל דינען גאָט און די מענטשן, און איז דעריבער אַ זינד" (209).

נאָר די געדאַנקען זענען נאָך קיינמאָל נישט פאָרמולירט געוואָרן דורך אים אַזוי קלאָר ביז וואַנען זיי זענען נישט אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך פּאָזדנישעוו. ווי עס טרעפט זיך אָפט מיט

גרויסע שעפערס, דאָס ווערק האָט פאַרכאַפּט דעם אויטאָר; דער אַרטיסט האָט אַרויסגעזאָגט דעם דענקער. די קונסט האָט גאָרנישט פאַרלוירן פון דעם. לויט דעם שטאַרקן איינדרוק וואָס עס מאַכט, לײדנשאַפטלעכער קאָנצענטרירטקייט, ברוטאַלער בולטקייט פון די בילדער און לויט דער פאָלקאָמענהייט און רייפקייט פון פאָרם, וועט זיך קיין איין ווערק פון טאָלסטאָיען, נישט קענען פאַרגלייכן מיט „קרייצער סאָנאַטע" עס בלייבט מיר איבער צו ערקלערן זיין טיטעל. אין דער אמתן געזאָגט איז דער טיטול פאַלש. ער פירט אַריין אין אַ טעות בנוגע דעם אינהאַלט פון דעם ווערק. די מוזיק שפּילט דאָ, אַזוי צו זאָגן אַ צווייטראַנגיקע און מיטלבאַרע ראָל. נעמט צו די סאָנאַטע און עס וועט זיך גאָרנישט ענדערן. טאָלסטאָי האָט נישט ריכטיק געהאַנדלט, ווען ער האָט צונויפגעמישט צוויי באַזונדערע ענינים נאָר דערפאַר, ווייל ביידע זענען אים שטאַרק אָנגעגאַנגען. די שלעכטע ווירקונג פון מוזיק אין זין פון אויסגעלאַסנקייט און דער כוח פון דער ליבע. דער דעמאָן פון מוזיק האָט זיך פאַרדינט אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג; דאָס אָרט וואָס ער גיט אים אָפּ אין „קרייצער סאָנאַטע", איז צו קליין, כדי צו קענען באַווייזן די סכנה, פאַר וועלכער ער וואָרנט. אויף דער טעמאַ דאַרף איך מיר אָפּשטעלן אַ ביסל לענגער, ווייל איך גלויב נישט, אַז מען זאָל האָבן ביז אַהער גוט פאַרשטאַנען די באַציאונג פון טאָלסטאָיען צו מוזיק.

ס'איז ווייט נישט אמת, אַז ער האָט זי נישט ליב געהאַט. אַזוי שטאַרק שרעקט מען זיך נאָר פאַר דעם, וואָס מען האָט ליב. זאָלן מיר זיך נאָר דערמאָנען אין דעם פּלאַץ, וועלכן עס פאַרנעמט בא אים די מוזיקאַלישע זכרונות אין „מיין קינדהייט" און איבערהויפּט אין דעם „פאַמיליען גליק", ווו דער גאַנצער ליבע-ציקל פון איר פרילונג ביז אין הערבסט, צעוויקלט זיך צווישן די פראַזעס פון דער סאָנאַטאַ quasi una fantasia פון בעטכאָווענען, און וואָס פאַר אַ ווונדערלעכע סימפאָניעס הערן עס זינגען נעכליודאָוו

(210) און דער קליינער פּעטיאַ אין דער נאַכט וואָס פאַרן טויט! (211). אויב טאָלסטאָי האָט ווייניק שטודירט מוזיק (212). נאָר אויפגערעקט האָט זי אים ביז טרערן; און אין אייניקע פעריאָדן פון זיין לעבן האָט ער זיך איר אַפילו ליידנשאַפטלעך אָבגעגעבן. אין יאָר 1858 האָט ער געגרינדעט אין מאָסקווע אַ מוזיקאַלישע געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך שפּעטער פאַרוואַנדלט אין דער מאָסקווע קאָנסערוואַטאָריע.

„לעוו ניקאָלאַיעוויטש האָט שטענדיק ליב געהאַט מוזיק — שרייבט זיין שוואָגער ס. א. בערס, — ער האָט געשפּילט נאָר אויף פּיאַנינאַ און הויפּטזעכלעך ערנסטע מוזיק. אָפט האָט ער זיך אַנידערגעזעצט בײַ דער פּיאַנינאַ פאַרן צוטרעטן צו דער אַרבעט (213), זיכער זיך אָנצונעמען מיט באַגייסטערונג. אויסער דעם האָט ער שטענדיק אַ קאָמפּאַנירט מיין יינגערער שוועסטער און האָט שטענדיק ליב געהאַט איר זינגען. איך האָב באַמערקט, אַז די געפילן, וועלכע עס האָט אַרויסגערופן און אים די מוזיק, האָט באַגלייט אַ לייכטע בלאַסקייט אין פּנים און אַ קוים זעעוודיקע גרימאַסע, וואָס האָט אויסגעדרוקט עטוואָס ענלעכס אויף שרעק (214).

דאָס איזווירקלעך געווען די שרעק, וועלכע ער האָט אַדורכגעלעבט יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט אַן אומבאַקאַנטער קראַפט, וואָס האָט אים אויפגעטרייסלט ביז אין די טיפעניש פון זיין נשמה.

ער האָט געפילט, אַז זיין ווילן, זיין פאַרשטאַנד, די גאַנצע ווירקלעכקייט ווערן צעשווימען אין דער וועלט פון מוזיק. לייענט איבער אין ערשטן באַנד „מלחמה און שלום" די סצענע, ווען ניקאָלאַי ראָסטאָוו, וועלכער האָט נאָר-וואָס פאַרשפּילט זיין פאַרמעגן, קערט זיך אום אַ פאַרצווייפלטער אַהיים. ער דערהערט זינגען זיין שוועסטער נאַטאַשע און ער פאַרגעסט אין אַלץ.

„פּלוצים האָט זיך די גאַנצע וועלט קאָנצענטרירט ביי אים

אין דער דערוואַרטונג פון אַ נייעם טאָג, אַ נייער פּראַוועס, און אַלץ, וואָס עקזיסטירט אין דער וועלט איז געוואָרן ביי אים געטיילט אויף דריי טעמפּאָס:

„oh, mio crudele offefto!",

„עך, אונדזער נאַריש לעבן! — האָט ניקאָלאַי גע־לערט — אומגליק, געלד, שלעכטס, ערע — עס איז אַלץ אַרישקייטן, שטות... אָט דאָס איז דאָס ריכטיגסטע... נו, נאַטאַשאַ, נו, טייבעלע מיינס! נו, מיין טייערס!... ווי וועט זי נעמען די טאָן? גענומען! אַ דאַנק דיר גאָט! — און ער אַליין נישט באַמערקנדיק אַפילו דאָס, וואָס ער זינגט, האָט אונ־טערגעכאַפּט די צווייטע טערציע, כדי צו באַזינגען דעם si — גאָט מיינער! ווי גוט: איז עס מעגלעך אַז איך זאָל עס האָבן גענומען? ווי גליקלעך! — האָט ער זיך געקלערט" —

און דער ציטער פון דער טערציע האָט אויפגערירט אין דער נשמה פון ראָסטאָוון עפּעס בעסערס. און דער עפּעס איז אומאָפּהענגיק פון דער וועלט און העכער פון אַלץ אין דער וועלט. וואָס פאַר אַ ווערט האָט שוין דאָ פאַרשפּילן, ערע־הערטער, אַלץ איז שטות! מען קען הרגענען גנבענען און דאָך זיין גליקלעך (215).

ניקאָלאַי הרגעט נישט, גנבעט נישט, די מוזיק רעגט אים אויף נאָר ציימנווייז; נאָר נאַטאַשאַ, זי איז שוין נישט ווייט פון פאַרלוירן ניין צוליב איר. ווייל אַ דאַנק דעם ספּעקטאַקל, דאַן אין דער אָפּערע, „אין אָט דער ווונדערלעכער, וואַנזיניקער וועלט, וואָס אונטערשיידעט זיך אַזוי שטאַרק פון איר פריער־דיקערווירקלעכער וועלט, אין אָט דער וועלט, איז וועלכער עס איז שווער צו אונטערשיידן צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן קלאָרקייט און שגעון" הערט זי אויס די ערקלערונג פון אַנאַטאָל

קוראגין, וואָס פאַרדרייט איר דעם קאָפּ, און זי איז מסכים ער זאָל איר געהייב אַוועקנעמען.

וואָס עלטער טאָלסטאָי איז געוואָרן, אַלץ מער האָט ער מורא באַקומען פאַר מוזיק (216) אאוערבאך, וועלכן ער האָט געזעען אין דרעזדען אין יאָר 1860 און וועלכער האָט געהאַט אויף אים אַ ווירקונג, האָט אָן שום ספק נאָך פאַרשטאַרקט די מורא. „ער האָט גערעדט פון מוזיק, ווי פון אַ Pflichtloser genus. לויט אים, דאַרף די מוזיק זיין דער צוריקקער צו דער אויסגעלאַסנקייט (217).

צווישן אַזוי פיל מוזיקער, וואָס ווירקן שלעכט אין זין פון אויסגעלאַסנקייט, פאַרוואָס, — פרעגט קאמיל בעלעני (218) — האָט טאָלסטאָי גראַדע אויסגעקליבן דעם ריינסטן און צניעותדיקן פון אַלע, בעטהאָווענען? דערפאַר, וואָס ער איז שטאַרקער פון אַלע. טאָלסטאָי האָט אים ליב געהאַט, תמיד ליב געהאַט. זיינע פריעסטע זכרונות פון דער קינדהייט זענען געווען פאַר־בונדן מיט דער פּאַטעטישער סאנאטע; און ווען נעכליודאָוו הערט „אַנדאַנט" פון דער פינפטער סימפאָניע, האלט ער קוים איין די טרערן „פון צערטלעכקייט צו זיך אַליין". דאָך זעען מיר מיט וואָס פאַר אַ פיינטלעכקייט טאָלסטאָי באַציט זיך אין „וואָס אַזעלכעס איז קונסט" צו „די פאַרקריפּלטע ווערק פונם טויבן בעטהאָווענען (219)"; און שוין אין יאָר 1876 האָט די ליידנשאַפט, מיט וועלכער טאָלסטאָי האָט ליב געהאַט „אָפּצוליי־קענען בעטהאָווענען און אפילו צווייפלען אין זיין זשעניע" אויפגערעגט טשאַיקאָווסקין און אָפּגעקילט זיין פאַרערהונג צו אים. „קרייצער סאנאטא" גיט אונדז די מעגלעכקייט צו זעען די סבה פון דער אומגערעכטער ליידנשאַפט. וואָס אייגנטלעך וואַרפט פאָר טאָלסטאָי בעטהאָווענען? זיין קראַפט. ער איז אין דעם זין ווי געטהע, וועלכער הערנדיק די פינפטע סימפאָ־

זיע און זייענדיק שטאַרק אויפגערעגט פון איר, האָט זיך גערעסט געגן דעם קינסטלער, וואָס האָט אַזוי באַפעלעריש אים אונטערטעניק געמאַכט זיין ווילן (220)

„זי, די מוזיק, זאָגט טאָלסטאָי, טראָגט מיר באַלד איבער אין דעם גייסטיקן צושטאַנד, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען דער, וועלכער האָט אָנגעשריבן די מוזיק... אין כינע איז די מוזיק אַ רעגירונגס זאַך. צי קען מען דען דערלויבן, אַז יע־דער, ווער נאָר עס וויל, זאָל קענען פאַרהיפּנאָטיזירן אייגער דעם צווייטן אָדער אַ סך... דאָס איז אַ שרעקלעך מיטל, אין וועמענס הענט עס זאָל נישט האָבן אַריינגעפאַלן...

די זאַכן (די ערשטע Presto פון קרייצער סאָנאַטע) מעג מען שפּילן נאָר ביי געוויסע, וויכטיקע און באַדייטנדיקע אומ־שטענדן"...

און זעט, ווי נאָך אַזאַ מין אַנטקעגנשטעלן זיך, גיט זיך טאָלסטאָי פאָרט איבער דער קראַפט פון בעטהאָווענען, און, ווי ער איז זיך אַליין מודה, מאַכט אים די קראַפט דערהויבענער און ריינער. הערנדיק „קרייצער סאָנאַטע" פאַלט פּאָזדנישעוו אַריין אין אַ אומבאַשטימטן צושטאַנד, פון וועלכן ער קען זיך נישט קיין רעכנונג אָפּגעבן, נאָר וועלכער פאַרשאַפט אים אַ גניגן; די אייפערזוכט האָט שוין מער קיין פּלאַץ נישט גע־האַט. אויך די פרוי האָט זיך נישט ווייניקער געענדערט, אַ דער צייט, ווען זי האָט געשפּילט האָט איר אויפן פּנים גרוט „אַ שטרענגער, פילבאַדייטנדיקער אויסדרוק" און ווען זי האָט געענדיקט, האָט ער זיך פאַרוואַנדלט אין „אַ רחמנותדיקן, שוואַכן שמייכל" וואָס־זשע פאַר אַן אויסגעלאַסענעס איז דאָ אין דעם עלעמען? עס איז דאָס, וואָס דער שכל ווערט אַ שקלאַף און וואָס אַ געהיימע קראַפט פון טענער קען מאַכן פון אים אַלץ, וואָס איר פאַרגלוסט זיך, צושטערן אים, אויב איר געפעלט.

דאָס איז אמת, נאָר טאָלסטאָי פאַרגעסט איין זאַך. ביי דער מערהייט צוהערער און שפּילער איז דער געפיל פון לעבן אויסגעדרוקט זעער שוואַך אָדער פעלט אינגאַנצן, פאַר די, וואָס פילן גאָרנישט, איז מוזיק נישט געפערלעך, דאָס אויסזעען פון דעם אָפּערע-זאַל ביי דער פאָרשטעלונג פון „סאַלאָמע" איז גאַנץ גענוגענד צו באַרויקן אונדז. דאָס פּובליקום איז לחלוטין נישט עמפּפינדלעך אויף די שעדליכע געפילן, וואָס קען אַרויס-רופן די קונסט פון מוזיק. מען דאַרף פריער באַזיצן טאָלס-טאָיס רייכע נשמה, כדי צו קענען ליידן צוליב מוזיק. אין דער אמתן, נישט קוקנדיק אויף זיין באַליידיקנדיקע און אומ-גערעכטע באַציאונג צו בעטהאָווענען פילט טאָלסטאָי זיין מוזיק מער ווי די אַלע, וואָס אַנטציקן זיך מיט אים, ער האָט כאָטש ווייניקסטנס דערפילט די משוגענע ליידנשאַפטן און ווילדע קראַפט וואָס ליגט פאַרבאָרגן אין די שאַפונגען פון דעם „טויבן אַלטן", וועלכע עס פילט נישט קיין איינער פון די היינטיקע ווירטואָזן און אָרקעסטערס.

גאַנץ מעגלעך אַז בעטהאָווענען וואָלט געווען פיל אָנגע-נעמער די שנאה פון טאָלסטאָיען צו אים איידער די ליבע פון זיינע חסידים.

צען יאָר טיילן אָפּ, תחית-המתים" פון „קרייצער סאָנאַטע" (221), וועלכע ווערן אינגאַנצן איינגעשליגגען אין דער מאָראַלי-שער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס ער האָט צו יענער צייט געפירט, און צען יאָר טיילן אָפּ „תחית המתים" פון דעם ברעג, צו וועלכן עס האָט געשטרעבט אָט דאָס דאָזיקע לעבן, וואָס האָט געטראָגן אין זיך דעם דורשט נאָך דער אייביקייט, „תחית המתים" איז אין אַ געוויסן זין טאָלסטאָיס קינסטלערישע צוואה, אינם סוף פון זיין לעבן פאַרנעמט דאָס ווערק דעם אויבנאָן, פונקט ווי „מלחמה און שלום" איז געווען די קרוין פון זיין שאַפן אין דעם פער-

יאָד פון זיין רייפקייט. דאָס איז דער לעצטער שטאַפּל, מעגלעך דער העכסטער — אויב נישט דער סאַמע שטאַרקסטער — וועמענס אומגעזעענער שפּיץ (202) פאַרלירט זיך צווישן די וואָלקן. טאָלסטאָי איז אלט זיבציק יאָר. ער פאַרשטייט די וועלט, דאָס לעבן, זיינע פאַרגאַנגענע פעלערן, זיין גלויבן און גרימצאָרן. ער קוקט אויף דעם אַלעמען פון דער הייך. דאָס איז דער זעלביקער געדאַנק, וואָס אין די פריערדיקע ווערק, דער זעלבער קאַמף מיט דער צביעות; נאָר ווי אין „מלחמה און שלום" שוועבט דאָ אַרום דער געדאַנק פונם קינסטלער איבער דעם אינהאַלט פונם ווערק; צו דער נשמה־אויפברויז און די שוואַרצע איראָניע פון „קרייצער־סאָנאַטע" און פון דעם „טויט פון איוואַן איליטש" פאַראייניקן זיך דאָ מיט דער רעליגיעזער רויקייט, וועלכע זאָגט זיך אָפּ פון דער גאַנצער וועלט, נאָר וועלכע שפּיגלט זי דאָך אָפּ זייער פּינקטלעך. צייטנווייז, דאַכט זיך אויס, אז דאָס איז געטהע, נאָר געטהע — אַ קריסט.

אַלע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון זיין שאַפן, וועלכע מיר האָבן פאַרצייכנט אין די ווערק פון זיין לעצטן פעריאָד, קען מען באמערקן אין „תחית־המתים"; איבערהויפּט די קאָנצענטרירטקייט פונם אַרט דערציילן, וועלכע איז נאָך מער ווערט צו באַוואונדערן אין דעם גרויסן ראָמאַן, ווי אין די קורצע נאָוועלן. פון „מלחמה און שלום" און „אַננאַ קאַרעגינא" אונטערשיידעט זיך דאָס ווערק מיט זיין פאָלקאָמענער גאַנצקייט. קיין עפּיזאָדישע אָפּווייכונגען זענען אין דעם בוך כמעט נישטאָ. נאָר איין גאַנצע אַקציע, וועלכע איז כסדר אויסגעהאַלטן אין איר געבונדנקייט און באַאַרבעט אין אַלע אירע איינצלהייטן. די זעלבע קרעפטיקע בילדער געשילדערט מיט געדיכטע פאַרבן, ווי אין „קרייצער־סאָנאַטע". וואָס ווייטער, אַלץ אַ מער קלאָרערע, קרעפטיקערע, אומברחמנותדיק־רעאַלערע באַאָבאַכטונג, וועלכע

דערזעט דאָס חיהשע אין דעם מענטשן: „די חיה וואָס איז דאָ אין מענטשן איז עקלהאַפט... ווען אָבער די זעלבע חיה הילט זיך איין אין אַ פאַלשן עסטעטיש־פּאָעטישן שלייער, דע־מאָלט ווערט ער שרעקלעך (223). די סאַלאָן־שמועסן, דער ציל פון וועלכע ס׳איז פּשוט „צו באַפרידיקן די פיזיאָלאָגישע באַדערפענישן נאָכן עסן: די באַוועגונגען פון די ליפּן און האַלדז מוסקולן (224)״. דער שאַרפער בליק, וועלכער שאַנעוועט נישט קיינעם: נישט די שיינע קאָרטשאַגין „מיט איר ברייטן נאָגל פונם גרויסן פינגער, מיט דער פאַרשפּיצטקייט פון אירע עלנ־בויגן און גרויסן דעקאָלטע״, צוליב וועלכן נעכליודאָוון כאַפּט אַרום „אַ בושה און אַ עקל״ — נישט די העלדין, מאַסלאָווע, וועלכע איז געשילדערט מיט אַלע פאָלגן פון איר פאַלן: מיט איר פּריצייטיקער אָפּגעלעבטקייט, זינדיקן און מיאוסן אויסדרוק פון איר רויטן, צעפלאַמטן פנים, אַרויסרופנדיק שמייכל און שאַרפן ספּירט־ריח, וואָס טראָגט זיך פון איר. די ברוטאַליטעט פון נאַטוראַליסטישע איינצלהייטן: אַ פרוי, וועלכע שמועסט זיך אַדורך זיצנדיק אויפן ראָנדאַל, די פּאָעטישע פאָרשטעלונגס־קראַפט און די יוגנטלעכע פרישקייט זענען שוין פאַרשוווּנדן, אויסער די זכרונות פון דער ערשטער ליבע, וועמענס מוזיק עס הערט זיך אייך נאָך אַזוי קלאָר, ווי איר זאָלט האָבן האַלוצי־נאַציעס! די מיידלשע נאַכט פון שבת הגדול און די נאַכט פון פסח — אויף דער גאַס איז לינד און אַזאַ ווייסער, געדיכטער נעפּל הילט איין אַלץ אַרום, „אַז אָפּגייענדיק עטלעכע טריט פון דער שטוב איז שוין אוממעגלעך צו דערקענען די פענצטער, עס זעט זיך נאָר אַ שוואַרצע מאַסע, פון וועלכער עס לאַכט אַרויס דאָס רויטע ליכט פונם לאָמפּ, וואָס זעט אויס איצט אינם נעפּל אויסערגעוויינלעך גרויס״, דאָס קרייען פון אַ האָן אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, דאָס סאָפּן, רוישן און טראַסקען פונם

געפּרוּווירענעם טייך, וואָס קלינגט אַף אַזוי, ווי גלאָז זאָל זיך ברעכן, און אַ ייִנגער מענטש, וועלכער שטייט אין דרויסן און קוקט אַריין דורכן פענצטער אויף אַ ייִנג מיידל, וואָס זיצט פאַרטראַכט נעבן טיש, נישט באַמערקנדיק אים, ביי דער ציטערדיקער שיין פון אַ קליין לעמפּעלע — דאָס איז די פאַרחלומטע קאַטיושאַ וואָס טרוימט און שמייכלט.

דער לירישער געפיל פונעם אויטאָר פאַרנעמט דאָ ווייניק אָרט. זיין שאַפן האָט אָנגענומען אַ מער אָביעקטיוון כאַראַקטער און איז געוואָרן מער אומאָפּהענגיק פון זיין אייגן לעבן. טאָלסטאָי האָט זיך געפלייסט באַנייען דאָס פעלד פון זיין באַאָבאַכטונג. די וועלט פון פאַרברעכערס און די וועלט פון רעוואָלוציאָנערן, וועלכע ער האָט אויסגעפאָרשט אין „תחית־המתים" זענען אים געווען פרעמד (225); ער דרינגט אַריין אין אָט דער פרעמדער פאַר אים סביבה נאָר אַ דאַנק דער סימפּאַטיע צו איר, וואָס ער רופט אַרויס אין זיך מיט געוואַלד; ער איז זיך מודה, אַז די רעוואָלוציאָנערן האָבן דערוועקט אין אים „אַ געפיל פון אַנטיפּאַטיע און פאַראַכטונג (226)", ביז ער האָט זיי נישט דערקענט פון דער נאָענט. עס איז דעריבער נאָך מער צו באַוואונדערן די אמתע באַאָבאַכטונג, אָט דעם אמתן שפּיגל אָן פעלערן, וואָס פאַר אַ שפע פון טיפן און געטרייע איינצלהייטן! און ווי דאָס אַלץ איז געזען — סיי דאָס נידעריקע, סיי דאָס הויכע — אָן אכזריות און אָן צופיל רחמנות, נאָר מיט אַ שטילן רויִקן פאַרשטאַנד און ברידערלעכן מיטגעפיל!.. דאָס שרעקלעכע בילד פון די פרויען אין דער טורמע! זיי זענען אומבארחמנותדיק איינע צו דער צווייטער, נאָר דער קינסטלער איז ווי אַ גוטער גאָט: ער זעט אין האַרץ פון יעדער איינער דעם טיפן צער אונטער דער דערנידערונג און אונטער דער מאַסקע פון חוצפה אַ פנים וואָס וויינט, דאָס רייִנע

און שטילע ליכט, וואָס הויבט אָן ביסלעכווייז זיך צו באַווייזן אין דער זינדיקער נשמה פון מאַסלאָווע און באַלויכט איר צולעצט אינגאַנצן מיטן פלאַם פון זעלבסטאויפאָפּפערונג, באַקומט דעם ריינדיקן רייץ פון אייגעם פון די זונגען־שטראַלן, וואָס געשטאַלטיקט אינגאַנצן איבער אַ געוויינלעך און פשוט בילד פון רעמבראַנדטן. עס איז נישטאָ אין דעם ווערק קיין שום שטרענגקייט, צו די תלינים. „זיי זיי מוחל, גאָט, ווייל זיי ווייסן נישט וואָס זיי טוען“; דאָס ערגסטע איז, וואָס אָפּט ווייסן זיי יאָ וואָס זיי טוען, לעבן דורך אפילו געפילן פון חרטה, נאָר זיי קענען נישט דאָס — נישט טון, אין דעם ווערק פילט זיך דער אָטעם פונם דריקנדיקן גורל, וועלכער הענגט ווי אויף די ליידנדיקע, אַזוי אויף די פייניקער: אָט איז דער שומר פון דער טורמע מיט זיין אייגעבוירענער גוטסקייט, אַ מידער פונם שטענדיקן לעבן אין די די אמות פון דער טורמע, פון די שטענדיקע פּיאַנינע־איבונגען פון זיין אָרעמער, בלאַסער טאָכטער מיט די בלאָע פּאַס; אונטער די אויגן, וועלכע האַלט אין איין פאַרקריפּלען לוסט׳ס אַ ראַפּסאָדיע; און אָט איז דער סיבירער גענעראַל־גובערנאַטאָר, דער קלוגער און גוּ־טער, וועלכער טרינקט שוין דרייסיק יאָר, ווילנדיק דערמיט פאַרגלעטן דעם קאָנפליקט, וואָס קומט פאָר אין אים צווישן דעם גוטן, וואָס ער פלייסט זיך צו טון און דעם שלעכטן, וואָס ער מוז טון, און וועלכער קען זיך דאָך באַהערשן און זיך האַלטן ווי עס באַדאַרף צו זיין, אַפילו זייענדיק שכור; און די ברי־דערליכע צאַרטקייט, וועלכע הערשט צווישן די מענטשן, וואָס זייערע מלאכות האָבן זיי איבערגעגעבן אָן רחמנות אין די הענט פון אַנדערע.

דער איינציקער העלד, וואָס זיין כאַראַקטער איז נישט געשילדערט געוואָרן אַזוי אָביעקטיוו און אמתדיק, ווי די איבּ־

ריקע, איז נעכליודאוו, ווייל אים האָט טאָלסטאָי באַשאָנקען מיט זיינע אייגענע אידעען. דעם פעלער האָבן שוין באַזיצט מערערע פון די באַוווּסטע טיפּן אין „מלחמה און שלום" און אין „אננא־קאַרענינאַ": דער קניאַז אַנדריי, פּיער בעזוכאָוו, לעווין און אַנדערע. נאָר דאָרט איז עס געווען נישט אַזוי וויכטיק ווייל די אַלע העלדן זענען, לויט דעם געזעלשאַפטלעכן אַרט, וואָס זיי האָבן פאַרנומען, און לויט זייער עלטער, באמת נאָענט געשטאַנען פון די מאָראַלישע אַנשויאונגען, וועלכע ס'האָט געפּרעדיקט טאָלסטאָי, אין דער צייט, ווען דאָ לייגט אַריין דער אויטאָר אין אַ קערפּער פון אַ פינפאונדרייסיקיעריקן לעביינג, זיין נשמה פון אַ זיבציקיעריקן אַלטן מאַן. איך זאָג עס נישט אַז דער מאָראַלישער איבערברוך ביי נעכליודאוון קען נישט זיין אמת, אויך נישט דאָס, אַז עס קען נישט פאָרקומען אַזוי פּלוצים (227). נאָר גאָרנישט, אינם טעמפּעראַמענט, אינם כאַראַקטער און אין דעם גאַנצן פריערדיקן לעבן פון דעם העלד, ווי טאָלסטאָי שטעלט אים אונדז פאָר, זאָגט נישט אָן און דערקלערט נישט דעם איבערברוך; און ווען דער איבערברוך הויבט זיך אָן, שטעלט אים שוין גאָרנישט אָפּ. אמת, טאָלסטאָי האָט מיט זיין טיפער דורכדרינגלעכקייט באַמערקט די אומריינע צומישונג, וואָס האָט זיך אין אָנהייב פאַרייניקט מיט נעכליודאווס געדאַנקען וועגן זעלבסטאויפאָפּפערונג; די טרערן פון רחמנות איבער זיך אַליין, און דערנאָך, דער פּחד און עקל, וואָס האָבן באַהערשט נעכליודאוון, אויג אויף אויג מיט דער ווירקלעכקייט. נאָר זיין באַשלוס האָט זיך קיין איינמאָל נישט אַ וואַקל געטון. דער איבערברוך האָט קיין צוזאַמענהאַנג נישט מיט די פריערדיקע, העפטיקע, נאָר קורצע איבערברוכן (228). קיין שום זאַך קען נישט אָפּשטעלן מער אָט דעם שוואַכן, שטענדיק זיך וואַקלענדיקן מענטשן. דער רייכער, געאַכטעטער קניאַז

וואָס איז אַזוי פּילנד צו די וועלטלעכע כבודים און איז גרייט חתונה האָבן מיט אַ מיידל, וועלכע האָט אים ליב און איז אים נאָר נישט דערווידער, באַשליסט פּלוצים אַלץ צו פאַרלאָזן, זיין רייכקייט, זיין סביבה, זיין געזעלשאַפטלעכע שטעלע און חתונה האָבן מיט א פּראָסטיטוטקע, כדי אויסצוקויפן אַן אַלטע זינד. און דער באַשלוס זיינער ווערט נישט אפּגעקילט אין משך פון חדשים. קיין שום נסיונות קענען אים נישט אַראָפּפירן פון דעם וועג וועלכן ער האָט זיך פאָרגענומען. אַפילו די ידיעה, אַז די, וועלכער ער וויל מאַכן פאַר זיין פרוי, פירט נאָך אַלץ אַן אויסגעלאַסן אַרט לעבן (229). אין דעם איז דאָ עטוואָס הייליקעס, און נאָר דער פסיכאָלאָג דאָסטאָיעווסקי, וואָלט אונדז געקענט אויפדעקן די ווורצלען פון אָט דעם הייליקן אין די פאַרבעפּלטע טיפענישן פונם באַוווסטזיין, אָדער אַפילו אויך אינם קערפּער פון דעם דאָזיקן העלד, נאָר נעכליודאוו פאַרמאָגט אין זיך גאָרנישט פון דאָסטאָיעווסקיס העלדן. דאָס איז אַ טיפּ פון א דורכשניטלעכן, באַגרענעצטן און געזונטן מענטשן — דער געוועינלעכער טיפּ פון טאָלסטאָיס העלדן. אין אמתן געזאָגט, פילט זיך שטאַרק די צונויפפאַרונג פון אַ זעער ריכטיק און רעאַל אויפגעכאַפּטן מענטשן מיט אַ מאָראַלישן איבערברוך, וואָס איז שוין גענומען פון אַ צווייטן מענטשן; און דער צווייטער מענטש, דאָס איז דער זקן טאָלסטאָי אַליין (230).

דעם זעלבן איינדרוק פון צווייאיקייט האָבן מיר אויך אין סוף פונם ראָמאַן, ווען ער פאַרענדיקט אין דעם דריטען טייל, די בולטע רעאַליסטישע לעבנסשילדערונגען מיט אַ עוואַנגעליש; סוף, וועלכע איז לגמרי נישט נויטיק. עס איז אַ זאַך פון פערזענלעכן גלויבן, וואָס פליסט לחלוטין לאָגיש נישט אַרויס פון דעם געשילדערטן לעבן. דאָס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, ווו דער גלויבן פון טאָלסטאָי פאַראייניקט זיך מיט זיין רעאַ-

ליזם; אין זיינע ערשטע שאַפונגען זענען אָט די ביידע עלעמענ־ טן נאָך פעסטער צוזאַמענגעגאָסן. דאָ זענען אָט די עלעמענטן פאַראַן, זיי זענען אָבער נישט צוזאַמענגעגאָסן. דער קאָנטראַסט וואַרפט זיך דעריבער נאָך מער אין די אויגן, ווייל טאָלסטאָיס גלויבן נויטיקט זיך שוין דאָ נישט אין קיין שום באַווייזן און זיין רעאַליזם באַפרייט זיך און ווערט שאַרפער פון טאָג צו טאָג. ס'איז דאָ די ווירקונג, נישט פון מידקייט, נאָר פון זיין עלטער. אַ געוויסע פאַרשטייבערטקייט, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, אין די גלידער. דער רעליגיעזער שלוס פון דעם ווערק פליסט לגמרי נישט אַרויס פון זיין אָרגאַנישער אַנטוויק־ לונג. דאָס איז oeus ex machina... און איך בין איבער־ צייגט נישט קוקנדיק אויף אַלע זיינע פאַרזיכערונגען, אַז אין דער טיפעניש פון זיין נשמה איז נישט געווען קיין פעסטע פאַראייניקונג צווישן די פאַרשידענע זייטן פון זיין נאַטור: דער קינסטלערישער און גלויביקער.

נאָר אויב „תחית־המתים“ באַזיצט נישט די האַרמאָנישע גאַנצקייט, מיט וועלכער עס צייכענען זיך אויס די ווערק פון זיין יוגנט, אויב איך פערזענלעך שטעל העכער „מלחמה און שלום“, בלייבט דאָס ווערק דאָך אַלץ איבער אַלס איינע פון די שענסטע און אמתדיקסטע פּאָעמעס פון מענטשלעכן מיטלייד. אין דעם ווערק זע איך, מער ווי אין יעדן אנדערן, די קלאָרע, ליכטיק־גרויע און דורכדרינגלעכע אויגן פון טאָלסטאָיען. און איך פיל דעם בליק, „וואָס האָט אַריינגעדרינגען די מענטשן גלייך אין דער נשמה (231)“ און האָט אַנטדעקט אין יעדער נשמה גאָט.

טאָלסטאָי האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט פון דער קונסט. דער גרויסער קינסטלער, ווען אַפילו ער זאָל וועלן, וואָלט ער אויך נישט געקאָנט זיך אָפּזאָגן פון דעם הויפּט־יסוד

פון זיין לעבן. ער קען צוליב רעליגיעזע סבות זיך נאָר אָפּ־זאָגן פון דרוקן, אָבער פון שרייבן — דאָס ליגט נישט אין זיין מעגלעכקייט. טאָלסטאָי האָט קיינמאָל נישט איבערגעהאַקט זיין קינסטלערישן שאַפן: פאַל בואיע, וועלכער האָט אים געזעען אין די לעצטע יאָרן אין יאסנאַיאַ פּאָליאנא, דערציילט, אז ער האָט געאַרבעט אייניציטיק איבער רעליגיעזע און פלעמישע ווערק און איבער קינסטלערישע; אַרבעטנדיק ביי איינע, האָט ער זיך דערווייל אָפּגערוט פון די אַנדערע. ווען ער האָט פאַרענדיקט אַ געוויסע אַרבעט איבער געזעלשאַפטליכע פראַגן, ווי „צום אַרבעטנדיקן פאָלק” אָדער „צו די פּאָליטישע טוער”, האָט ער זיך דערלויבט פון ס׳ניי צונעמען פאַר איינס פון זיינע שענע מעשהלעך, וואָס ער האָט דערציילט זיך אַליין, צ. ב. פאַר „כאַדזשי מוראַט”, וועלכעס שטעלט פאָר מיט זיך אַ מיליטערישע קאַוו־עפּאָפּייע, אין וועלכער ער באַזינגט אַן עפּיזאָד פון דער קאַזער מלחמה אין דעם קאַמף פון די בערגלייט אונטער דער אָנפירערשאַפט פון שאַמיל (232). די קונסט איז געוואָרן זיין פרוי, זיין פאַרגניגן. נאָר דאָס מאַכן אַ גאַנץ ווערק דערפון האָט ער באַטראַכט, ווי פוסטע גאוה, נישט מער. אויסער זיין „ציקל לעקטורעס פאַר אַלע טעג פון יאָר” (1904–5) (233). ווו ער האָט צונויפגעזאַמלט געדאַנקען פון פאַרשידענע שרייבער איבערן לעבן און אמת און וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ יווירק־לעכע אַנטאָלאָגיע פון פּאָעטישער לעבנס־חכמה פון די הייליקע ביכער פון מזרח ביז אין די נייסטע קינסטלער פון זיין צייט, זענען אַלע כמעט באמת קינסטלערשע ווערק זיינע אָנהייבנדיק פון יאָר 1900 געבליבן אין מאַנוסקריפּט (234).

דערפאַר אָבער האָט טאָלסטאָי אין זיינע פּאָלעמישע און מיסטישע אַרטיקלען געפירט אַ ליידנשאַפטלעכן און דרייסטן קאַמף מיט דער געזעלשאַפט. אָנהייבנדיק פון יאָר 1900 ביז

אין יאָר 1910 שלינגט איין אָט דער קאַמף די בעסטע כּוחות
זײַנע. רוסלאַנד האָט דורכגעלעבט דעמאָלט אַ שרעקלעכן אי־
בערברוך און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די יסודות פון דער
צאַרישער אימפּעריע הויבן זיך שוין אָן צו וואַקלען און זענען
נאָענט צום צעפאַלן. די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה, די אומאָרדע־
נונגען, וועלכע האָבן איר נאָכגעפאָלגט, די רעוואָלוציאָנערע באַ־
וועגונג, די אויפשטאַנדן אין אַרמייע און אין פלאָט, די פּאָגראָ־
מען די אַגראַר־אונרוען — אָט דאָס אַלץ האָט ווי אָנגע־
זאָגט „דעם סוף פון יאָרהונדערט", ווי עס טיטולירט זיך איינע
פון טאָלסטאָיס אַרבעטן. דעם העכסטן פונקט האָט דער איבער־
ברוך דערגרייכט צווישן 1904 און 1905. טאָלסטאָי פאַרעפנט־
לעכט אין די יאָרן אַ גאַנצע ריי ווערק מיט קלינגענדיקע נעמען:
„דאָס איינציקע, וואָס איז נויטיק", „די גרויסע זינד" און „דער
סוף פונם יאָרהונדערט". אין משך פון די לעצטע צען יאָר
פאַרנעמט טאָלסטאָי אַן אָפּגעזונדערטע שטעלונג, נישט נאָר אין
רוסלאַנד, נאָר אין דער גאַנצער וועלט. ער איז איינזאַם,
פרעמד צו אַלע פּאַרטייען, פרעמד צו יעדן פאַטערלאַנד און
אָפּגעשיידט פון דער קירכע, וועלכע האָט אים מחרים
געווען (235). די לאָגיק פון זיין פאַרשטאַנד און זיין פעסטער
גלויבן האָבן אים „צוגעפירט צו דער דילעמע: אָפּשיידן זיך
פון די מענטשן, אָדער פונעם אמת". ער האָט זיך דערמאַנט
אין אַ רוסישן שפּריכוואָרט: „ווען אַן אַלטער זאָגט ליגן איז
ער גלייך צו אַ רייכן, וואָס גנבעט"; און ער האָט זיך אָפּגע־
שיידט פון די מענטשן, כּדי צו זאָגן אמת. און געזאָגט האָט
ער דעם אמת אינגאַנצן און יעדן. דער אַלטער יעגער פון
ליגנס האָט פאַרגעזעצט אומערמידלעך זיין אַרומגיין און אַרומ־
רינגלען אַלערליי אַבערגלויבנס ווי די רעליגיעזע, אַזוי די סאָ־
ציאַלע און אַלערליי פעטישן. ער פאַלט אָן נישט נאָר אויף

דער אַלטער מאַכט, אויף דער פאַרברעכערישער קירכע און צאַרישער זעלבסטהערשעריי. דווקא איצט, קען זיין, ווען די גאַנצע וועלט באַוואַרפט זיי מיט שטיינער, ווערט זיין כּעס געשטילטער אין באַצוג צו זיי. יעדער ווייסט זיי שוין, זענען זיי דאַריבער נישט אַזוי געפערלעך. און אויסער דעם טוען זיי זייער אַרבעט און נאַרן קיינעם נישט אָפּ. דער בריוו פון טאָלסטאָיען צום צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן (236), איז אין זיין אויפריכטיקייט אונבאַרחמנותדיק צו אים אַלס צו אַ הערשער, און פול מיט צאַרטלעכקייט צו אים אַלס צו אַ מענטשן, וועלכן ער רופט „טייערער ברודער" און בעט „מוחל זיין אים אויב ער האָט אים נישט ווילנדיק געערגערט"; און ער שרייבט זיך אונטער: „אייער ברודער וואָס ווינטשט אייך פון גאַנצן האַרצן דאָס אמתע גליק".

נאָר דאָס וואָס טאָלסטאָי האָט צומווייניקסטן געקענט מוחל זיין, דאָס וואָס ער האָט צום שאַרפסטן דעמאַסקירט, איז געווען גראַדע די נייע ליגנס און נישט די אַלטע, וועלכע זענען שוין אַלעמען געווען באַוווּסט. דאָס איז געווען נישט דער דעספּאָטיזם, נאָר דער שאָטן, די אילוזיע פון פרייהייט, און מען קאָן נישט וויסן וועמען האָט טאָלסטאָי מער געהאַסט צווישן די אָנהענגער פון די מאָדערנע געצן, די סאָציאַליסטן צי די ליבעראַלן.

די אַנטיפּאַטיע צו די ליבעראַלן האָט ער געטראָגן אין זיך שוין פון אַ לענגערע צייט. נאָך זייענדיק אַ סעוואַסטאָפּאָלער אָפיציר, האָט ער זי באַלד דערפילט, אַריינפאַלנדיק אינעם קרייזל פון ליטעראַטן אין פּעטערבורג. דאָס איז אויך געווען איינע פון די סבות, צוליב וועלכער ער האָט זיך שלעכט פאַרהאַלטן מיט טורגעניעוון. זייענדיק אַ שטאָלצער אַריסטאָקראַט, אַ מענטש פון אַן אַלטן יחוס, האָט ער ליידן נישט גע-

קענט די אינטעליגענטן און זייערע פרעטענזיעס צו ברענגען גליק דעם פאָלק, פאַר יעדן פרייז, אָנוואָרפנדיק אים זייערע אוטאָפּיעס. אַן אמתער רוס, אין תּעמענס אָדערן עס האָט גע-פלאָסן דאָס אַלטע רוסישע בלוט (237), — האָט ער קיין צוטרוי נישט געהאַט צו די ליבעראַלע גייעסן און צו די קאָנ-סטיטוציאָנעלע אידעען, וואָס זענען געקומען פון מערב-אייראָפּע; זיינע צוויי רייזעס איבער אייראָפּע האָבן נאָר פאַרשטאַרקט אָט די איבערצייגונגען. נאָך דעם אומקערן זיך פון זיין ערשטער רייזע שרייבט ער:

„מיין אבן-נגף איז די באַרימערריי פונם ליבעראַליזם (238)".

און נאָך דער צווייטער רייזע, באַמערקט ער, אַז „די פּריווילעגירטע געזעלשאַפט" האָט נישט קיין שום רעכט צו דערציען אויף זיין שטייגער דאָס, וועלכעס איז אים אינגאַנצן פרעמד (239)... אין „אננא קארעניגא" זאָגט טאָלסטאָי פיל ברייטער אַרויס זיין פאַראַכטונג צו די ליבעראַלן. לעווין זאָגט זיך אָפּ פון אנטייל צו נעמען אין די פּראָווינציעלע אינסטיטו-ציעס אויף צו בילדן דאָס פאָלק און פון די אַלע נייע איינ-פירונגען, וואָס ווערן אָוועקגעשטעלט אויפן טאָג-אָרדנונג. דאָס בילד פון די פּריצים — וואַלן אין די פּראָווינציעלע סיימיקן ווייזט ווי נאַריש עס איז די ריכטונג, אויף וועלכער עס גייט אָוועק אַ לאַנד, ווען עס בייט די אַלטע קאָנסערוואַטיווע אַדמי-ניסטראַציע אויף אַ ליבעראַלער. קיין שום ענדערונגען קומען נישט פאָר, אויסער אפשר די, וואָס עס קומט צו נאָך איין ליגן מער, וועלכער האָט אפילו נישט קיין שום טראַדיציאָנעלע באַרעכטיקונג.

„איר ווייסט? — זאָגט איינער פון די אַלטע פּריצים — צו מיר זענען גוט, צי נישט, נאָר מיר עקזיסטירן שוין טויזנ-טער יאָרן".

און טאָלסטאָי טרעט אַרויס געגן די ליבעראַלן פאַר זייער מיסברויכן די ווערטער „פאָלק", „פאָלקס־פרייהייט"... וואָס ווייסן זיי דען פונם פאָלק? וואָס הייסט אַזוינס פאָלק?

נאָר באַזונדערס שאַרף דריקט אויס טאָלסטאָי זיין נישט צייגשטימיקייט מיט די קאָנסטיטוציאָנעלע אידעען, ווען די ליבעראַלע באַוועגונג זעט אויס צו זיין שוין נאָענט פון איר ציל און רופט צונויף די ערשטע דומע

„אין דער לעצטער צייט האָט די פאַרקריפלונג פונם קריסטנטום געבראַכט צו אַ נייעם שווינדל, וועלכער האָט מיטגעהאָלפן צו דער פאַרקנעכטונג פון די פעלקער. דער שווינדל באַשטייט אין דעם, וואָס, איינאָרדנדיק זייער קאָמפליצירטע וואַלן אויף פאָרשטייער אין די פאַרשידענע רעגירונגס־אינסטיטוציעס, רעדט מען איין די מענטשן, אַז דערמיט, וואָס זיי וועהלן אַליין אויס זייערע פאָרשטייער, ווערן זיי ווי אנטיילנעמער אין דער רעגירונג און אונטערוואַרפנדיק זיך איר, וואַרפן זיי זיך באמת אונטער נאָר זיך אַליין, זיי זענען דעריבער כמעט ווי אין פולער פרייהייט. דער שווינדל האָט, דאַכט זיך, געדאַרפט זיין קלאָר פאַר יעדן ווי טעאָרעטיש, אזוי פראַקטיש, ווייל ביי דעם סאַמע דעמאָקראַטישסטן אַפילו וואַל־אופן, ביי אַלגעמיינער וואַל־רעכט, קען דאָס פאָלק נישט אויסדריקן זיין ווילן; דאָס פאָלק קען אים נישט אויסדריקן ערשטנס דערפאַר, ווייל קיין אייניקער, אַלגעמיינער ווילן ביי אַ מיליאָנענקעפיקער מאַסע איז נישטאָ און עס קען נישט זיין און, צווייטנס, ווען אַפילו אַזאַ אייניקן ווילן וואָלט דאָס פאָלק יאָ פאַרמאָגט, וואָלט אויך זיכער די מערהייט נישט געקענט אים אויסדריקן. אָט דער שווינדל, שוין נישט רעדנדיק פון דעם, אַז די אויסגעוועהלטע, וועלכע נעמען אנטייל אין דער רעגירונג, נעמען אינגאַנצן נישט אין אַכט דאָס ווילזיין פונם פאָלק, נאָר זייערע פערזענלעכע און פאַר־

טיאישע ציִקן, און נישט פֿון דעם, אַז דער שווינדל ברענגט דאָס פֿאָלק צו פֿאָלקאָמער אויסגעלאַסנקייט מיט זיינע ליגנס, פֿאַלשקייטן און אונטערקויפֿן — איז ער נאָך שעדלעך באַזונדערס מיט דער זעלבסטצופֿרידענער פֿאַרקנעכטשאַפֿט, אין וועלכער ער פֿירט אַריין די מענטשן, וואָס טרויען זיך אים אָן. אָט די מענטשן זענען ענלעך צו אַרעסטירטע, וועלכע, האָבנדיק דאָס רעכט אויסצוּוועהלן זייערע פֿאַרשטייער אויף אָנצופֿירן מיט די אינערליכע אַנגעלעגנהייטן פֿון דער טורמע, שטעלן זיי זיך פֿאָר, אַז זיי זענען פֿריי. אַ מיטגליד פֿון דעם סאַמע דעספּאָטישסטן דאָגמאַטישן פֿאָלק, קען זיין פֿאָלקאָם פֿריי, כאָטש ער מוז זיך אונטערוואַרפֿן די אכזריותדיקסטע געוואַלדטאַטן פֿון זיין רעגירונג, וועלכע נישט ער האָט געוועהלט; אַ מיטגליד אָבער פֿון אַ קאָנסטיטוציאָנעלער רעגירונג איז שטענדיק אַ קנעכט... ווייל ער אָנערקענט די רעכטלעכקייט פֿון דעם אויסגעפֿירטן איבער אים געוואַלדטאַט... אין דער לעצטער צייט פֿלייסן זיך די לייכטזיניקע מענטשן פֿון דער רוסישער געזעלשאַפֿט צו ברענגען דאָס רוסישע פֿאָלק צו דער קאָנסטיטוציאָנעלער פֿאַרקנעכטשאַפֿט, אין וועלכער עס געפֿינען זיך אַלע אייראָפּעישע פֿעלקער (240)״.

אין זיין ווייטקייט פֿונם ליבעראַליזם האָט די דעצידירנדע ראָלע געהאַט זיין פֿאַראַכטונג צו אים. דאַגעגן די באַציאונג זיינע צום סאָציאַליזם איז געווען — אָדער בעסער געזאָגט וואָלט געווען — אַ פֿיינטלעכע, ווען טאָלסטאָי זאָל זיך נאָר נישט געווען אָפּהיטן פֿון פֿיינט האָבן וואָס עס זאָל נישט זיין. ער פֿאַראַכטעט אים דאָפּלט, ווייל דער סאָציאַליזם אַנטהאַלט אין זיך צוויי ליגנס: דעם ליגן פֿון פֿרייהייט און וויסנשאַפֿט. פּרעטענדירט ער דען נישט אויף דעם, אַז ער איז עס מכלומרשט, באַגרינדעט דורך אַן עקאָנאָמישער לערע, ווענעמס

אבסאָלוטע געזעצן פירן אָן מיט דעם פראָגרעס פון דער וועלט! טאָלסטאָי איז געווען זייער שטרענג צו דער וויסנשאַפט. עס טרעפן זיך ביי אים זייטלעך, וואָס זענען פול מיט גיפטיקער איראָניע איבער דעם מאָדערנעם אבערגלויבן און „איבער די פאַרשידענע אַנדערע נאַרישקייטן, ווי דער אורשפרונג פון מינים, די אויספאָרשונג פון די שטערן און פון זייער צוזאַמענשטעל, די אייגנשאַפטן פון ראַדיום, די טעאָריע פון ציפערן, די אויספאָרשונגען פון חיות, וואָס פאַרן מבול און ענלעכע צו די נישט נויטיקע נאַרישקייטן", נאָר וועלכע מען שרייבט צו „די זעלבע וויכטיקייט, וועלכע די אַמאָליקע כהנים האָבן צוגעשריבן דעם דואַליזם (צווייאיקייט) פון סובסטאַנץ". ער לאַכט אויס „די דינער פון דער וויסנשאַפט, וועלכע, ווי די פאַנאַטישע גלויביקער, פאַרזיכערן זיך אין אַנדערע, אַז זיי וועלן ראַטעווען די מענטשהייט, גלויבן, פונקט ווי יענע, אַז זייער וועג איז דער איינציק אמתער, זענען אויך נישט איינשטימיק איינער מיטן אַנדערן און צעפאַלן זיך אויף אַנצאָליקע גרופן, און אויך ווי די קירכע אין איר צייט, זענען זיי אין אונדזער צייט די סבה פון עם-הרצות, גראָבקייט און אויסגעלאַסנקייט, און פאַרהאַלטן אַזוי אַרום די מענטשלעכע אויסלייזונג פון דעם שלעכטס, וואָס איז די סבה פון אלע בייזע ליידן... ווייל זיי האָבן אָפּגעוואָרפן דאָס איינציקע, וואָס קען פאַראייניקן די מענטשן אין איין גאַנצעס: דעם רעליגיעזן באַוווסטזיין (241)".

גאָר זיין אומרו ווערט דאָפּלט און זיין כעס ברעכט אויס דעמאָלט, ווען ער זעט דאָס געפערלעכע געווער פונם מאָדערנעם פּאַנאַטיזם אין הענט פון אַזעלכע מענטשן, וואָס פרעטענדירן צו באַנייען די מענטשהייט. יעדער רעוואָלוציאָנער ערגערט טאָלסטאָיען, ווען ער קומט אָן צו געוואַלדטאַט. נאָר יעדער אינטעליגענטנער רעוואָלוציאָנער — טעאָרעטיק וואַרפט אָן אויף

אים א שרעק: דאָס איז א פעדאַנטישער מערדער, א שטאָלצע און טרוקענע נשמה, וואָס האָט ליב נישט די מענטשן, נאָר זיינע אידעען (242)".

און, דרך־אגב, זיינע נידריקע אידעען.

„דעם ציל פונם סאָציאַליזם איז צו באַפרידיקן דאָס נידריקע, וואָס איז אינם מענטשלעכן כאַראַקטער, די באַדערפניש פון מאַטעריעלן וווילזיין. נאָר אפילו דאָס איז ער נישט אומשטאַנד צו דערגרייכן מיט די מיטלען, וועלכע ער פרעדיקט (243)".

אינם יסוד פונם סאָציאַליזם ליגט נישט קיין ליבע. ער איז נישט מער ווי דער אויסדרוק פון טיפן האס צו די באַדריקער און „א מין קרענקלעכע תאווה צו רייכקייט, וואָס דערמאָנט אין דער תאווה פון פליגן, וועלכע פליען זיך צונויף ארום זיסקייטן (244)". ווען דער סאָציאַליזם וועט זיגן, וועט די וועלט אָננעמען א שרעקלעכן אויסזעען. די אייראָפעישער האָרדע וועט מיט דאָפלטער קראַפט זיך וואַרפן אויף די שוואַכע אין ווילדע און זיי פאַרקנעכטן, כדי די געוועזענע אייראָפּעישע פּראָלעטאַריער זאָלן זיך קענען גלייך ווי די רוימער אָבגעבן דער אויסגעלאַסנקייט אין דעם פוסטן לוקסוס־לעבן (245)".

צום גליק גייען די בעסטע כוחות פונם סאָציאַליזם אוועק מיטן רויך — אין רעדעס, ענלעכער צו די רעדעס פון זשאַרעס.

„וואָס פאַר א וווּנדערלעכער רעדנער! אין זיינע רעדעס איז דאָ אַלץ אין עס איז גאָרנישט דאָ. דער סאָציאַליזם איז אין א געוויסן זין ענלעך צו אונדזער רוסישן פּראַוואָסלאַווישן גלויבן: איר דריקט אים, פאַריאָגט אים אין א לעצטער פּעסטונג און איר מיינט, אז איר האָט אים שוין באַהערשט, אין ער פלוצים דרייט זיך אויס צו אייך און טוט אייך א זאָג: „אָה, ניין! איך בין גאָרנישט דאָס, וואָס איר מיינט, איך בין עפּעס אַנדערש." און גליטשט זיך אויס פון אייערע הענט...

געדולד! לאָמיר איבערגעבן די זאַך דער צייט. מיט די סאָציאַ־ליסטישע טעאָריעס טרעפט זיך דאָס זעלבע, וואָס מיט די ווייבערשע מאָדעס, וועלכע גייען זייער שנעל איבער פון זאַל אין פאָדער־צימער". (246)

ווען טאָלסטאָי פירט, אַזאַ אַ קאַמפף מיט די ליבעראַלן און סאָציאַליסטן, איז עס לחלוטין נישט צוליב דעם, כדי איבערצו־זאָגן דאָס פעלד פריי פאַר דער זעלבסטהערשאַפט; נאָר אדרבא, כדי דער קאַמפף צווישן דער אַלטער וועלט און נייער, זאָל זיך צע־ברעכן מיט דער גאַנצער קראַפט. נאָכדעם חי פון אַרמיי וועלן זיין דערוויטערט אַלע פינצטערע און שעדלעכע עלעמענטן. ווייל ער אַליין האָט אויך געגלויבט אין דער רעוואָלוציע. נאָר זיין רע־וואָלוציע האָט געהאַט גאָר אַן אַנדערן פאַרנעם, ווי די רעוואָלוציע׳ פון די רעוואָלוציאָנערן: דאָס איז אַ רעוואָלוציע ענלעך צו דער וועלכע עס האָט זיך פאָרגעשטעלט אַ מיסטיק פון מיטלאַלטער, וואָס האָט ערוואַרטעט, אַז מאָרגן, אָדער נאָך אפשר היינט, וועט אַראָפּנידערן דאָס קעניגרייך פונם הייליקן גייסט:

„איך גלויב, אַז איצט, אייגנטלעך איצט, האָט זיך אָנגע־הויבן צו פאַרווירקלעכן די גרויסע איבערקערעניש, וועלכע גרייט זיך שוין צוויי טויזנט יאָר אין דער גאַנצער קריסטלעכער וועלט און וועלכע באַשטייט אין דעם, אַז דאָס פאַלשע און אויסגעלאָסע־נע קריסטנטום מיט דער הערשאַפט פון יחידים און פאַרקנעכט־שאַפט פון פיל, וואָס איז אויף דעם באַגרינדעט וועט פאַרביטן ווערן אויף דעם אמתן קריסטנטום און אויף דער אַנערקענונג פון גלייכהייט און פרייהייט באַ אַלע מענטשן אָן אונטערשיד" (247).

און וואָס פאַר אַ צייט האָט ער עס אויסגעקליבן דער נביא און חוזה אָנצוזאָגן די נייע ערא פון גליק און ליבע? די סאַמע פינצטערסטע צייט פאַר רוסלאַנד, די צייט פון אומ־גליקן און שאַנד. ס׳איז גרויס די קראַפט פונם שאַפנדיקן

גלויבן! אלץ אַרום אים איז ליכט, אפילו די פינצטערניש אַליין אויך. אינם טויט, אין די אומגליקן פון דער מלחמה אין מאַנדזשוריע, אינם חורבן פון דער רוסישער אַרמיי, אין דער שרעקלעכער אַנאַרכיע, אין דעם בלוטיקן קלאַסן־קאַמף — אין דעם אַלץ זעט טאָלסטאָי סמנים פון באַנייאונג. זיין טרוימערישע לאָגיק פירט אַרויס פון דעם יאַפּאַנישן זיג פאָלגנדיקן וווּנדערלעכן שלוס, אַז רוסלאַנד דאַרף זיך אינגאַנצן נישט באַטייליקן אין קיין שום מלחמה: ווייל די נישט קריסטלעכע פעלקער וועלן שטענדיק האָבן די אויבערהאַנט אין דער מלחמה, איבער די קריסטלעכע, וועלכע „קענען זיך שוין נישט מער קנעכטיש אונטערוואַרפן דער מאַכט" איז עס אַבדיקאַציע פאַר זיין פאָלק? ניין, דאָס איז דער העכסטער שטאָלץ. רוסלאַנד דאַרף זיך נישט באַטייליקן אין קיין שום מלחמה, ווייל רוסלאַנד איז באַרופן דורכצופירן די „גרויסע רעוואָלוציע""

„די רעוואָלוציע פון 1905, וואָס איר ציל איז צו באַפרייען די מענטשן פונם דרוק, אונטער וועלכן זיי געפינען זיך, דאַרף זיך אָנהייבן און האָט זיך אייגנטלעך אָנגעהויבן אין רוסלאַנד".

אַרוואָס עפּעס רוסלאַנד דאַרף שפּילן די ראָל פון דעם אויסגעקליבענעם פאָלק? ווייל די ערשטע רעוואָלוציע דאַרף קודם כל אויסקויפן „די גרויסע זינד", דאָס פאַרכאַפּן פון דער גאַנצער ערד דורך עטלעכע טויזנט רייכע און דאָס פאַרקנעכטשאַפט פון מיליאָנען מענטשן, דאָס שרעקלעכסטע פון אַלערליי אַרטן פאַרקנעכטשאַפט (248). און דערפאַר, ווייל קיין שום פאָלק אַנערקענט נישט די אומרעכט אַזוי שטאַרק, ווי דאָס רוסישע (249). באַזונדערס אָבער דערפאַר, ווייל פון צווישן אַלע פעלקער איז דאָס רוסישע פאָלק אַממערסטען דורכגעדריגען מיטן גייסט פון קריסטנטום און די רעוואָלוציע וואָס וועט קומען

דאַרף פאַרווירקלעכן, אין נאָמען פון כריסטוסן, דעם חלום פון פאַראייניקונג און ליבע. נאָר דער טרוים פון אַלגעמיינער ליבע וועט קיינמאָל נישט קענען פאַרווירקלעכט ווערן אויב ער וועט זיך נישט שטיצן אויף דעם געביט פון נישט אַנטקעגנשטעלן זיך דעם שלעכטס (250). און דאָס נישט אַנטקעגנשטעלן זיך און איז שטענדיק געווען אַ גרונטלעכע אייגנשאַפט פונם רוסישן פאָלק, (מיר, וואָס האָבן עס נישט ריכטיק באַטראַכט פאַר אַ פּערזענלעכע אוטאָפּיע פון טאָלסטאָיען און פון אייניקע בעלי-חלומות — מיר וואָלטן עס באַדאַרפט געדענקען).

„דאָס רוסישע פאָלק האָט זיך שטענדיק אַנדערש באַצויגן צו דער מאַכט, ווי די איבריקע אייראָפּעישע פעלקער. דאָס רוסישע פאָלק האָט קיינמאָל נישט געקעמפט מיט דער מאַכט און, הויפּטזעכלעך, קיינמאָל נישט אַנטייל גענומען אין איר, קיינמאָל נישט פאַרדאָרבן געוואָרן דורכן אַנטייל אין איר... ער האָט געקוקט אויף דער מאַכט ווי אויף אַ שלעכטס, פון וועלכן יעדער מענטש דאַרף זיך באַזייטיקן. די מערהייט פונם רוסישן פאָלק האָט דעריבער בעסער איינגעשטימט אויף די קערפּערליכע ליידן, וואָס זענען געקומען פונם געוואַלד, איידער טראָגן די מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם אַנטייל אין אים... די לעגענדע וואָס גיט איבער, ווי די סלאַוון האָבן איינגעלאַדן צו זיך די וואַריאַגן אַלס הערשער (און וועלכע איז זיכער געשאַפן געוואָרן שוין נאָכדעם, ווי די וואַריאַגן האָבן באַזיגט די סלאַוון), דריקט אַמבעסטן אויס די באַציאונג פונם רוסישן פאָלק צו מאַכט, אַפילו איידער פּעריאָד, וואָס פאַר דעם קריסטנטום"...

דאָס איז די פרייוויליקע אונטערטעניקייט, וואָס האָט קיין שום שייכות נישט מיט דער קנעכטישער אונטערטעניקייט (251).

„דער אמתער קריסט קען זיין אונטערטעניק, אָדער בעסער

געזאָגט, ער קען ניט זיין אונטערטעניק אַן אַ קאַמף יעדער ארט געוואַלד, נאָר ער וועט קיינמאָל זיך ניט אונטערגעבן דעם געוואַלד, ד. ה. אנערקענען זיין רעכט (252)".

אין דער צייט, ווען טאָלסטאָי האָט געשריבן די שורות, איז ער געווען אונטערן איינדרוק פון איינעם פון די טראַגישסטע ביישפּילן פון אַט דעם ניט אַנטקעגנשטעלן זיך דעם געוואַלד — די בלוטיקע מאַניפעסטאַציע פון 9־טן יאַנואַר 1905 אין פּעטערבורג, ווען די ניט באַוואָפנטע מאַסע אונטער דער אָנפירונג פון דעם גלח גאַפּאָן האָט געלאָזט שיסן אין זיך אָן יעדן אויסגעשריי פון האַס, אָן דער מינדעסטער באַוועגונג זיך צו שיצן.

די אַלט־גלויביקע, וועלכע מען רופט אין רוסלאַנד סעקטאַנטן, האָבן שוין פון אַ לענגערער צייט זיך געהאַלטן ביי זייערע מיינונגען, ניט קוקנדיק אויף אַלע פאַרפאָלגונגען, און ניט געוואַלט זיך אונטערוואַרפן דער מאַכט און ניט אנערקענען איר רעכטליכקייט (253). אַ דאַנק דער אומזיניקייט פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, האָט זיך די שטימונג לייכט אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן צווישן דער דאָרפישער באַפעלקערונג. דאָס אָפּזאָגן זיך פון מיליטער־דינסט האָט זיך פאַרמערט; און וואָס אכזריותדיקער מען האָט דערפאַר באַשטראָפט, אַלץ שטאַרקער איז געוואַקסן דער בונט אין דער טיפעניש פון די הערצער. פון דער צווייטער זייט האָבן זיך גאַנצע פּראָווינצן און אפילו גאַנצע שבטים, ניט קענענדיק טאָלסטאָיען, אָפּגעזאָגט פון זייער זעלבסטשטענדיקייט און פּאַסיוו זיך אָנערקענט פאַר אונטערטעניק דער רעגירונג; די קאַווקאַזער דוכאָבאָרן פון יאָר 1898 און די גוריצעס אין יאָר 1905. טאָלסטאָיס ווירקונג אויף דעם וווּקס פון אַט די אַלע באַוועגונגען איז געווען פיל קלענער פון דער ווירקונג, וואָס די באַוועגונגען האָבן גע־

האָט אויף אים; דער אינטערעס פון זיינע ווערק ליגט אייגנטלעך אין דעם, וואָס נישט קוקנדיק אויף די פּרעטענזיעס פון די רעוואָלוציאָנערע שרייבער, ווי גאָרקי (254), צ. ב., איז ער געווען פאָרט די שטים פונם אַלטן רוסישן פאָלק.

לגבי די מענטשן, וואָס האָבן פאַרווירקלעכט אין לעבן די פּרינציפּן, וועלכע ער האָט געפּרעדיקט, נישט קוקנדיק אויף דער סכּנה, וואָס איז געווען מיט זיי פאַרבונדן, האָט ער זיך געהאַלטן זעער באַשיידן און איידל (255). ער האָט נישט אָנגענומען די פּאָזע פון אַ לערער און דערציער נישט געגן די דוכאָבאָרן און גוריצעס און נישט געגן די, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון מיליטער־דינסט.

„... מיר האָבן זיך נישט וואָס צו לערנען איינעם דעם צווייטן, באַזונדערס קען נישט לערנען איינער, וואָס איז נאָך איינגאַנצן נישט געפּרווט געוואָרן, אַזאַ איינעם, וואָס איז שוין יאָ געפּרווט געוואָרן (256)". ער בעט „פאַרצייאונג ביי די אַלע, וועמען זיינע ווערטער און ווערק האָבן געקענט פאַרשאַפן ליידן (257)". טאָלסטאָי איבערצייגט קיינעם נישט, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון מיליטער־דינסט. יעדער דאַרף האַנדלען לויט ווי ער אַליין פאַרשטייט. אויב טאָלסטאָי האָט צו טון מיט אַזעלכן וואָס וואַקלט זיך נאָך „גיט ער אים שטענדיק אַן עצה יאָ אריינצוטרעטן אין מיליטער און זיך נישט אָפּזאָגן פון דער אַלגעמיינער דיסציפּלין, אַזוי לאַנג ווי ער וועט אַליין נישט דערפילן, אַז עס איז מאָראַליש אוממעגלעך". ווייל אויב ער וואַקלט זיך נאָך הייסט עס אַז ער איז נאָך נישט רייף; און „זאָל שוין בעסער זיין מיט איין סאָלדאַט מער, איידער מיט איין צביעק און רענעגאַט, ווי עס טרעפט זיך אָפט מיט די וואָס נעמען פאַר אַ זאַך וואָס איז העכער פון זייערע מעגלעכקייטן (253)". טאָלסטאָי האָט נישט קיין צוטרוי צום באַשלוס

פון גאנטשארענקע. וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דינען אין מיליטער. ער שרעקט זיך, אַז דער ייִנגערמאַן, „זאָל נישט האָבן געטון אָט די גוטע זאַך פון אייגנליבע און צוליב פער-זענלעכן כבוד, נישט פון ליבע צו גאָט (259)".

צו די דוכאָבאָרן שרייבט ער, אַז זיי זאָלן זיך נישט איינעקשנען אין זייער באַשלוס נישט צו גיין אין מיליטער צו-ליב שטאָלץ אָדער פערזענלעכן כבוד, נאָר „אויב זיי קענען טון דאָס, וואָס מען פאָדערט פון זיי, זאָלן זיי עס טון און באַפרייען זייערע שוואַכע, פרויען, קינדער, שלאַפע און אַלטע פון ליידן און פּיין... קיינער וועט זיי נישט באַשולדיקן דער-פאַר... „איינעקשנען זיך מעגן זיי נאָר אין דעם פאַל, „אויב דער גייסט פון קריסטוס האָט זיך אין זייערע נשמות פאַר-קליבן", ווייל דעמאָלט וועט ער זיי „אויסלערנען ווי זיי האָבן צו האַנדלען און ווי אַזוי זיי האָבן צו טרייסטן זייערע נאָענטע אין דער צייט פון פּיין (260)". אין יעדן פאַל בעט ער די, וואָס ווערן פאַרפאָלגט, „נישט איבעררייסן די גוטע באַציאונגען מיט די מענטשן, וואָס רעכענען זיך פאַר זייערע עלטסטע (261)" מען דאַרף ליב האָבן אפילו הורדוסן, ווי זאָגט ער אין איינעם פון זיינע בריוו צו זיינעם אַ פריינט:

„איר זאָגט: מען קען נישט ליב האָבן הורדוסן. איך ווייס נישט, נאָר איך פיל, און איר אויך, אַז מען דאַרף אים יאָ ליב האָבן. איך ווייס און איר אויך, אַז אויב איך האָב אים נישט ליב, לייד איך פון דעם, וואָס אין מיר איז קיין לעבן נישטאָ (262)".

אַ געטלעכע ריינקייט און אַ נישט מיד ווערנדיקער פלאַם פון ליבע, וואָס דערגייט ביז נישט צופרידן זיין אפילו מיט די ווערטער פון דער עוואַנגעליע: „זאָלסט ליב האָבן דיין חבר,

ווי דיר אַליין", ווייל אין זיי פילט זיך שוין דער בייגעשמאַק
פון עגאָיזם (263)"!

אַ צו ברייטע ליבע, לויט דער מיינונג פון אייביקע, וואָס
פאַרמאָגט שוין נישט אין זיך אויף אזוי פיל קיין שום שפור
פון מענטשלעכער אייגנליבע, אַז זי צעגייט זיך פשוט, צע־
שווימט אין אַ פוסטקייט! און דאָך ווער נאָך מער פון טאָל־
סטאָיען האָט זיך עס אָבגעהיט פון „אבסטראקטער ליבע"?

איר ווייסט וואָס אונדזער גרעסטע זינד איז?... די ליבע
צו מענטשן. אָט די אַבסטראקטע ליבע צו מענטשן, וואָס ווי־
נען ערגעץ דאָרטן ווייט... ליב האָבן א מענטשן, וואָס בישט
דו זעסט אים, נישט דו קענסט אים נישט דו באַגעגנסט זיך
מיט אים און נישט דו דאַרפסט זיך אָפּפערן צוליב אים, איז
דאָך אַזוי לייכט, און דאָך איז דיין געפיל ווי פאַרנומען, דיין
נשמה איז צופרידן און דיין געוויסן אָפּגענאַרט... נאָר גיין,
גיי זיי אַ בריה און האָב ליב דעם, וואָס דו וווינסט מיט אים
צוזאַמען און וואָס זעסט שטענדיק, מיט אַלע זיינע געוווינהייטן,
מיט זיין שטענדיקן אויסלאכן דיר, דערבידריקן דיר און נישט
וועלן דיר העלפן (264)".

אין דער גרעסטער טייל אָפּהאנדלונגען איבער טאָלסטאָיען
האָב [illegible]איך געלייענט, אַז טאָלסטאָיס פילאָזאָפיע און גלויבן זענען
אינגאַנצן נישט אָריגינעל. ס'איז אמת: די שיינקייט פון זיינע
געדאַנקען האָט אין זיך צופיל פון דער אייביקייט, אַז זי זאָל
זיך קענען אונדז אויסדאַכטן ווי עפּעס אַ נייעס נאָך דער לעצ־
טער מאָדע... אַנדערע ווידער ווייזן אויף, אַז זיין לערע טראָגט
אַ צו אוטאָפּיסטישן כאַראַקטער. אויך דאָס איז אמת: זי איז
אוטאָפּיסטיש, ווי די עוואַנגעליע אַליין. אַ נביא-אוטאָפּיסט;
שוין דאָ, אויף דער ערד, לעבט ער מיט דעם לעבן פון דער
אייביקייט; און דאָס, וואָס מיר האָבן זוכה געווען צו אַזאַ

דערשיינונג, אז צווישן אונדז זאָל לעבן דער לעצטער פון די נביאים, דאָס, וואס דער שטערן פון דעם גרעסטן פון אונדזערע קינסטלער איז געווען איינגעהילט אין אָט דעם אָרעאָל, זעט מיר אויס צו זיין אַ מער אָריגינעלער פאַקט און אַ מער וויכטיקע־ רער פאַר דער וועלט, ווי דאָס דערשיינען פון נאָך אַ רעליגיע אָדער פון נאָך איין נייע פילאָזאָפיע. בלינד זענען די, וואָס זעען נישט דאָס ווונדער פון אָט דער גרויסער נשמה, די פאַר־ קערפּערונג פון ברידערלעכער ליבע אין אַ צייט און צווישן אַ פאָלק, וואָס זענען געווען באַפאַרבט מיטן בלוט פון געגנצייטיקן האַס און שנאה.

טאָלסטאָי׳ס געשטאַלט האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַזעלכע שטריכן, וואָס וועלן אויף אייביק בלייבן אינם זכרון פון די מענטשן: אַ ברייטער, געפאַלדעוועטער שטערן, גרויסע געדיכטע ברעמען און פּאַטריאַרכאַלע באָרד, וואָס דערמאָנט אין משהן פון דיזשאָן. אויף דער עלטער האָט דאָס פּנים זיינס באַקומען אַ מער ווייכערן און צערטלעכן אויסדרוק; עס האָט געטראָגן אויף זיך די שפּורן פון קראַנקהייטן, ליידן און האַרציקער גוטסקייט. ווי שטאַרק האָט זיך עס געביטן אָנהייבנדיק פון דעם גראָבן, כמעט חיהשן אויסדריק, וואָס האָט געטראָגן צום צוואַנציקסטן יאָר פון זיין לעבן און פון דער אָנגעצויגענער שאַרפקייט, וואָס האָט געהאַט אין דער צייט, ווען ער איז געווען אין סעוואַסטאָפּאָלער קריג! נאָר די טיפע אויגן האָבן שטענדיק די קאָנצענטרירקייט און דעם זעלבן ערלעכן בליק, וועלכער פאַרבאָרגט נישט גאָרנישט פון זיך און פאַר וועלכן קיין שום זאַך איז נישט פאַרבאָרגן.

אין זיין ענטפער דעם הייליקן סינאָד (17 אַפּריל 1901), ניין יאָר פאַר זיין טויט, שרייבט טאָלסטאָי:

„אַזוי לאַנג, ווי איך גלויב אינם קריסטנטום, לעב איך מיר

צופרידן אין רויק רויק און צופרידן דערנענטער איך מיר צום טויט".

איך דערמאָן מיר דערביי אין אַן אַלטן שפּריכוואָרט:

„קיינער קען נישט ווערן אָנגערופן גליקלעך פאַרן טויט".

צי זענען אָבער די רו און פרייד, מיט וועלכע טאָלסטאָי האָט זיך באַרימט, אים געבליבן געטריי?

די האָפנונגען אויף דער „גרויסער רעוואָלוציע" פון יאָר 1905 האָבן זיך אויסגעלאָשן. פון די אַראָפּגעהאָנגענע נעפּלען האָט זיך לגמרי נישט געזען אָנקומען דאָס ערוואַרטענע ליכט. דעם רעוואָלוציאָנערן ציטער האָט פאַרביטן אַ פאָלקאָמע אַפּאַטיע. אין דער אַלטער נישט גערעכטער אָרדנונג האָט זיך גאָרנישט געענדערט, אויסער אפשר דאָס, וואָס די אָרעמקייט איז נאָך גרעסער געוואָרן. שוין אין יאָר 1906 האָט טאָלסטאָי פאַרלוירן אַביסל זיין פריערדיקן גלויבן אינם היסטאָרישן באַרוף פון דעם רוסישן פאָלק און זיין איינגעשפּאַרטער גלויבן זוכט אין דער ווייט שוין אַנדערע פעלקער, וועלכע ער זאָל קענען באַליידן מיט אָט דער מיסיע.

ער קלערט פון רעם „קלוגן כינעזער-פאָלק". ער גלויבט, אַז „די פרייהייט, וועלכע די מערב פעלקער האָבן פאַרלוירן שוין אויף אייביק, זענען איצט באַרופן צו פאַרווירקלעכן די מזרח-פעלקער" און אַז כינע אין דער שפּיץ פון די אַזיאַטן וועט אויספירן די איבערגעשטאַלטונג פון דער מענטשהייט אויפן וועג פון ט א אָ, פון דעם אייביקן געזעץ (265).

נאָר אינגיכן אַנטוישט ער זיך אויך אין דער האָפנונג: די כינע פון לאַאָ-טסע און קאָנפוציוס זאָגט זיך אָפּ פון דער אַמאָליקער הכמה און פון דעם צַלטן שטייגער לעבן, ווי עס האָט עס שוין געטון יאַפּאַן פאַר איר, און הויבט אָן נאָכצומאַכן אייראָפּע (266). די פאַרפאָלגטע דוכאָבאָרן האָבן זיך איבערגעקליבן

קיין קאַנאַדאַ און באַלד איינגעפירט דאָרט, צום גרויסן באַדויערן פון טאָלסטאָיען, פּריוואַט-אייגנטום (267). די גוריצעס, ווי נאָר זיי האָבן זיך אַ ביסל באַפרייט פונם רעגירונגס יאָך, האָבן זיך באַלד גענומען צום אויסהרגענען יעדן איינעם, וואָס האָט נישט געקלערט ווי זיי, און נאָר אַ דאַנק דעם רוסישן חיל איז דאָרט צוריק געשטעלט געוואָרן די אָרדנונג. אפילו די יידן פאַר וועלכע „דער ספר איז געוואָרן... דאָס פאָטערלאַנד, — די בעסטע מיסיע, וואָס אַ מענטש קען זיך נאָר ווינטשן" (268), אפילו זיי זענען אַריינגעפאַלן אין דער קרענק וו. ה. ציוניזם, אין אָט דער פּריידאָ-נאַציאָנאַלער באַוועגונג, וואָס איז נישט מער ווי „אַן אויסגעצערטלט, שוואַך קינד פונם היינטיקן איירָאָפּעיזם, אַ ביין פון זיין ביין און פלייש פון זיין פלייש (269).

טאָלסטאָי איז טרויעריק גאָר נישט אַנטוישט, גאָט האָט נאָך ביי אים קרעדיט און ער גלויבט אין דער צוקונפט:

„ס'וואָלט געווען גוט, מען זאָל קענען מאַכן אַזוי, אַז ס'זאָל באַלד אויסוואַקסן אַ וואַלד. נאָר דאָס קען נישט זיין, מען מוז וואַרטן ביז די קערנדלעך וועלן אַרויסשפּראָצן, צעוואַקסן זיך, באַקליידן זיך מיט בלעטלעך און דערנאָך ערשט פאַרוואַנדלט ווערן אין בוימער (270)".

נאָר מען דאַרף האָבן אַ סך בוימער כדי צו שאַפן אַ וואַלד, און טאָלסטאָי איז געווען איינזאַם. באַרימט, דאָך איינזאַם. מען שרייבט צו אים פון דער גאַנצער וועלט: פון מאַהאָמעטאַנישע געגנטן, פון כינע, פון יאַפּאַן, פון אומעטום, וווּ נאָר עס איז איבערגעזעצט געוואָרן „תחית המתים" און ווי נאָר עס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן זיינע אידעען פון „אומקערן די ערד דעם פאָלק (271). אַמעריקאַנער זשורנאַליסטן אינטערוויוירן אים; פראַנצויזן עצהן זיך מיט אים אין פראַגן וואָס האָבן אַ שייכות צו קונסט אָדער אין דער פראַגע פון אָפּטיילן די קירכע פון דער מלוכה (272).

נאָר ער האָט אפילו נישט קיין דרייהונדערט נאָכפאָלגער, און ער איז זיך מודה אין דעם. איבריגנס, האָט ער זיך נישט געזאָרגט פאַר דעם, אז זיי זאָלן יאָ זיין, ער האָט אָפּגעוואָרפן די פּרווון פון זיינע פריינט צו שאַפן גרופּן טאָלסטאָיעווצעס:

„לאָמיר טון דאָס, וואָס פירט צו דער פאַראייניקונג, דער־בענטערן זיך צו גאָט, און וועגן דער פאַראייניקונג אַליין לאָמיר נישט זאָרגן... איר זאָגט, צוזאַמען איז לייכטער. וואָס איז לייכטער? אקערן, שניידן, פלעקער אריינשלאָגן — יאָ, נאָר דערנענטערן זיך צו גאָט קען מען נאָר איינציקווייז. איך שטעל מיר אָפּט פאָר די גאַנצע וועלט ווי אַ גרויסע קירכע, אין וועלכער דאָס ליכט פאַלט פון אויבן און פונקט אין דער מיטן, כדי צו פאַראייניקן זיך, מוז מען גיין צום ליכט. דאָרטן וועלן מיר אַלע, קומענדיק פון פאַרשידענע זייטן, זיך פלוצים דערזען מיט מענטשן, וועלכע מיר האָבן לגמרי נישט דער־וואַרט: און אין דעם וועט זיין אונדזער פרייד (273)".

וויפיל זשע געפינען זיך צוזאַמען אונטער דעם שטראַל, וואָס פאַלט פון אונטער דעם קופאָל? — דאָס איז נישט וויכ־טיק! גענוג איז נאָר דאָס איינע, וואָס מיט זיי איז גאָט.

„פונקט ווי איין ברענענדיקע זאַך קען אָנצינדן אַנדערע, אזוי אויך קען דער אמתער גלויבן איבערגיין פון איין מענטשן צו אַ סך אַנדערע און אזוי ארום פאַרשפרייטן און באַפעסטיקן דעם אמת (274)".

ס'קען זיין; נאָר ביז וואָס פאַר אַ מדרגה פון גליק האָט דען געקענט ברענגען טאָלסטאָיען אָט דער אָפּגעזונדערטער גלויבן? ווי ווייט איז ער אין זיינע לעצטע טעג פון דער רו צו וועלכער געטהע האָט פרייוויליק דערגרייכט! מען זאָגט, אז ער האָט די רו אויסגעמיטן, אז זי איז אים געוואָרן אַנטי־פּאַטיש.

מען דאַרף דאַנקען גאָט פאַר דער אומצופרידנהייט מיט זיך. וואָלט נאָר שטענדיק אַזוי געווען! דער געגנזאַץ וואָס בילדעט זיך אויס צווישן דעם לעבן און צווישן דעם, ווי דאָס לעבן וואָלט באַדאַרפט אויסזעען, איז אייגנטלעך דער בעסטער סימן פון לעבן, אַ באַוועגונג וואָס דערהויבט זיך פונם קלענסטן ביזן גרעסטן, פונם ערגסטן ביזן בעסטן. אָט דער געגנזאַץ איז דער באַדינג פונם גוטן, שלעכט איז אז דער מענטש איז רייך און צופרידן מיט זיך (275)".

און ער פאַרקלערט אַ סיזשעט אויף אַ ראָמאַן, וואָס ווייזט באַשיינפּערלעך אַז דער אומרו פון לעווינען אָדער פון פיער בעזוכאָוו זענען נאָך אין אים נישט אָפּגעטויט. „איך שטעל מיר אָפּ פאַר אַ מענטשן, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין אַ רעוואָלוציאָנערע ספערע און איז געווען צוערשט אַ רעוואָלוציאָנער, דערנאָך אַ פאָלקיסט, שפּעטער אַ סאָציאַליסט דערנאָך אַ גלויביקער, אַ מאַנאַך, אַן אַפּיקורס, אַ גוטער און איבערגעגעבענער פאָטער און צולעצט אַ דוכאָבאָר. ער הויבט אַלץ אָן און וואַרפט אַוועק; די מענטשן לאַכן פון אים, אין אַלגעמיין טוט ער גאָרנישט אויף און שטאַרבט אַ פאַרגעסענער ערגעץ אין אַ הקדש. שטאַרבנדיק קלערט ער, אַז זיין לעבן איז אַוועק מיט גאָרנישט. אין דער אמתן אָבער איז ער אַ הייליקער (276)".

האָט ער נאָך, הייסט עס, אַלץ געהאַט ספקות, ער, וואָס איז איבערפולט געווען מיט גלויבן? ווער ווייסט? ביי אַ מענטשן, וואָס איז געזונט קערפּערלעך און גייסטיק ביז אין דער טיפער עלטער, קען זיך דאָס לעבן נישט אָפּשטעלן אויף איין געדאַנקןפּונקט. דאָס לעבן מוז זיך באַוועגן.

„באַוועגונג — דאָס איז לעבן (277)".

אַ סך זאַכן האָבן זיך געביטן ביי טאָלסטאָיען אין לויף

פון די לעצטע יאָרן, צי האָט זיך דען נישט געענדערט זיין מיינונג וועגן די רעוואָלוציאָנערן? און ווער קען עס דען זאָגן צו זיין פעסטער גלויבן אין דעם נישט אנקעגנשטעלן זיך דעם שלעכטן האָט זיך נישט א וואקל געטין פאר דער צייט? שוין אין „תחית המתים" זעען מיר ווי נעכליודאָוו, קומענדיק אין באַרירונג מיט די פּאָליטישע פּאַרשױקטע, ענדערט אינגאנצן זיין מיינונג איבער דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי.

„עס האָבן אים צוערשט אָפּגעשטויסן פון זיי די מיטלען, מיט וועלכע זיי האָבן זיך באַנוצט אין קאַמפּף געגן דער רעגירונג, איבערהויפּט די אכזריות פון די דורכגעפירטע דורך זיי פּאָליטישע מאָרדן, און געעקלט האָט אים דאָס גרויסהאַלטן זיך זייערס און די היכע מיינונג איבער זיך אַליין, וואָס איז געווען אין אַלגעמיינער שטריך ביי זיי. נאָר דערקענענדיק זיי נאָנטער און דערוועגנדיק די אַלע צרות און ליידן, וואָס זיי האָבן, אָפּט אומשולדיק, אויסצושטיין פון דער רעגירונג, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז זיי קענען נישט זיין אַנדערש ווי זיי זענען".

און ער באַוואונדערט זייער גרויסע אידעע, וואָס האָט זיי געבראַכט ביז זעלבסטאויפאָפּפערונג.

נאָך אָנהייבנדיק פון יאָר 1900, האָט זיך די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע ברייט פונאַנדערגעגאָסן; באַשטייענדיק פריער פון א קליין הייפל אינטעליגענטן, פאַרכאַפּט זי איצט דאָס גאַנצע פאָלק און רודערט אויף אין דער פינצטער די טויזנטער אומגליקלעכע. איר אַוואַנגאַרד גייט דראָענדיק אַדורך אונטער טאָלסטאָיס פענצטער אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ.

דריי דערציילונגען, וועלכע זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין (278) Mercure de France און וועלכע רעכענען זיך פון טאָלסטאָיס לעצטע אָנגעשריבענע זאַכן, ווייזן דעם ווייטיק און

די אויפרעגונג, וואָס דאָס בילד אויפגעוועקט ביי טאָלסטאָיען, ווי איז די צייט, ווען איבער די דערפער פון טולא פלעגן אַדורכגיין פּיליגרימען, אָרימעלייט, גייסטיק-דערשלאָגענע און הייליקע?

איצט זעט עס שוין אויס ווי אַן אינוואַזיע פון הונגעריקע מענטשן. זיי קומען, טאָג טעגלעך, און טאָלסטאָי, רעדנדיק מיט זיי, איז פאַרוווּנדערט פון דעם האַס, וואָס זיי טראָגן אין זיך צו די רייכע; זיי זייען שוין נישט מער, ווי אין די אַמאָליקע צייטן, אין די רייכע „מענטשן. וואָס ראַטעווען זייערע נשמות דורך צדקה, נאָר מערדערס און רויבערס, וואָס טרינקען דאָס בלוט פון דעם אַרבעטנדיקן פאָלק".

פיל פון זיי זענען מענטשן געבילדעטע, נאָר אינגאַנצן רואינירטע, אַנטוישטע, דערפירטע ביז דער העכסטער שטופע פון פאַרצווייפלונג, וואָס מאַכט דעם מענטשן פעיק אויף אַלץ.

„נישט אין די מדבריות און אין די וועלדער, נאָר אין די שטאָטישע לעבער און אויף די ברייטע שליאַכן, דערציען זיך די וואָרגונגען, וועלכע וועלן מאַכן פון אונדזער ציוויליזאַציע דאָס, וואָס די הינדוסן און וואַנדאַלן האָבן געמאַכט פון דער אַלטער".

אַזוי דאָט געזאָגט העגרי דזאָרדזש און טאָלסטאָי גיט צו:

„די וואַנדאַלן זענען שוין ביי אונדז אין רוסלאַנד כּמעט ווי פאַראַן... און די וואַנדאַלן זענען באַזונדערס שרעקלעך ביי אונדז דערפאַר, ווייל מיר פאַרמאָגן נישט אָט די אייגנשאַפט פון קענען זיך איינהאַלטן, פון רעכענען זיך מיט דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג און האַנדלען לויט די אַלגעמיין אָנגענומענע כּללים, וואָס איז אַזוי אַנטוויקלט אין מערב-אייראָפּע".

טאָלסטאָי האָט אָפּט באַקומען בריוו פון די צעבונטעוועטע מענטשן, אין וועלכע זיי האָבן פּראָטעסטירט געגן זיין לערע.

פון נישט אנטקעגנשטעלן זיך, און ארויסגעזאָגט זייער מיינונג, אַז אויף די אַלע צרות און ליידן, וואָס די רייכע און הערשנדיקע קלאַסן טוען אָן דעם פאָלק קען מען אָפּענטפערן נאָר מיט „נקמה! נקמה! נקמה!" — צי פאַראורטיילט טאָלסטאָי נאָך אַלץ אָט די מענטשן? מען ווייסט נישט. נאָר ווען ער זעט עטלעכע טאָג שפּעטער אין זיין אייגן דאָרף, ווי מען נעמט צו ביי די ווייגענדיקע אָרימעלייט דאָס לעצטע שעפעלע און דעם לעצטן סאַמאָוואַר, אין די אויגן פון די גלייכגילטיקע באַאַמטע, קען ער שוין נישט איינהאַלטן אין זיך דעם געשריי פון נקמה געגן די תלינים, „געגן די מיניסטאָרן, געגן די וואָס פירן אָן מיטן האַנדל פון בראָנפן און געגן די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פאַרמשפּטן די מענטשן אויף טורמע, אויף קאַטאָרגע, צו אויף הענגען; געגן די אַלע, וואָס זענען אַזוי זיכער, אַז די סאַמאָוואַרן, שעפעלעך לייוונטן און קעלבלעך, וועלכע ווערן צוגענומען ביי די אָרימע לייט, ווערן אויפן בעסטן אופן פאַרנוצט, ווען פון זיי ווערט עס צוגעגרייט דער בראָנפן, וואָס סמט אָפּ דאָס פאָלק... ווערן אויפגעבויט די טורמעס, די אַרעסטאַנטישע פּולקן, און ד. ג. און איבערהויפּט, ווען פון זיי ווערן עס אויסגעצאָלט די פּענסיעס טאָקע פאַר זיי אַליין און פאַר זייערע מיטהעלפער".

ס'איז טרויעריק, ווען מען לעבט אָפּ דאָס גאַנצע לעבן אָנזאָגנדיק און ערוואַרטנדיק דאָס קעניגרייך פון ליבע, צו מוזן פאַרמאַכן די אויגן אויף די בילדער פון דערווירקלעכקייט. און דאָך זיך פילן פון זיי געטראָפן. ס'איז נאָך מער טרויעריקער, ווען מען באַזיצט אַזאַ אויפריכטיקן געפיל פון געוויסן, ווי טאָלסטאָי, זיך צו זאָגן, אַז דאָס לעבן איז נישט געגאַנגען האַנט ביי-האַנט מיט די אייגענע איבערצייגונגען.

דאָ רירן מיר אָן דעם סאַמע ווייטיקלעכסטן פּונקט פון זיינע לעצטע יאָרן, אָדער אפשר ריכטיקער געזאָגט פון זיינע

לעצטע דרייסיק יאָר. און אונדז איז דערלויבט זיך צו צורירן נאָר קוים-קוים און מיט אַ צערטלעכער, ציטערדיקער האַנט: ווייל דער ווייטיק, וועלכן טאָלסטאָי האָט זיך געפּלייסט צו פאַרבאָרגן, געהער נישט נאָר צו דעם, וואָס איז געשטאָרבן, נאָר אויך צו די אַלע, וואָס לעבן, וואָס האָבן ליב געהאַט טאָלסטאָיען און וואָס האָבן אים ליב.

אים איז נישט איינגעגאַנגען איבערצוגעבן זיין גלויבן אפילו די, וואָס זענען אים געווען אַממערסטן טייער, זיין ווייב און קינדער. מיר האָבן געזען, ווי זיין איבערגעגעבענע פרוי, וואָס האָט געטיילט מיט אים זיין לעבן און אַנטייל גענומען אין זיין קינסטלערשער אַרבעט, האָט געליטן דערפון, וואָס ער האָט אַוועקגעוואָרפן זיין גלויבן אין דער קונסט און איז איבערגעגאנגען צו אַן עטישן גלויבן, וועלכן זי האָט אינגאַנצן נישט פאַרשטאַנען. נישט ווייניקער האָט טאָלסטאָי אַליין געליטן דערפון, וואָס זיין בעסטער חבר אפילו פאַרשטייט אים נישט.

„מער ווי אַלעמאָל פיל איך איצט, ווען זי ליידט אַזוי, מיטן גאַנצן וועזן מיינעם, אַז דער מאַן און די פרוי זענען נישט קיין צעטיילבאַרע וועזנס, נאָר איינס... — שרייבט ער צו י. ב. פיינערמאַן — מיר ווילט זיך שרעקלעך איר איבערגעבן כאָטש איין קליינעם חלק פון דעם רעליגיעזן באַוווסטזיין, וואָס איך בעזיץ (כאָטש אין אַ שוואַכער מאָס, דאָך אין אַזאַ, וועלכע דערלויבט מיר אַמאָל זיך דערהויבן העכער פון די טאָג-טעגלעכע זאָרגן...) איך האָף, אַז זי וועט אים האָבן, נישט פון מיר פאַרשטענדלעך, נאָר פון גאָט. כאָטש די פרויען גיט זיך איבער דער באַוווסטזיין זייער שווער" (279).

ס'איז נישט ענלעך אויף דעם, אַז די תּפֿלה, זאָל האָבן פאַרווירקלעכט געוואָרן. די גרעפין טאָלסטאָי האָט ליב געהאַט און באַוווּנדערט די ריינקייט פון זיין האַרץ, זיין צניעותדיקן

העראָאיזם און די גוטסקייט פון זיין גרויסער נשמה, וועלכע איז געווען „איינס“ מיט איר; זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער „גייט פאָראויס פאַר דער מאַסע און ווייזט אָן דעם וועג, אויף וועלכן די מענטשן דאַרפן גיין“ (280). ווען דער הייליקער סינאָד האָט אים מחרים געווען האָט זי דרייסט זיך גענומען אים צו באַשיצן און שטאָלץ געפאָדערט אַ חלק אין דער סכנה, וואָס האָט אים געדראָט. נאָר זי האָט זיך נישט געקענט מאַכן גלויבן אין דעם, אין וואָס זי האָט נישט געגלויבט; און ער, טאָלסטוי, וואָס האָט געהאַסט די חניפה אין גלויבן און אין דער ליבע מער ווי די אָפּלייקענונג פון גלויבן און ליבע, איז געווען צו פיל אויפריכטיק, ער זאָל נויטן די פרוי זיך מאַכן פאַר אַ גלויביקע (281). וואָרום, ווי אַזוי האָט ער עס געקענט נויטן איר, דער נישט גלויביקער, איבערצואַנדערשן איר לעבן און אויפאָפּפרעגן איר ווילזיין און דאָס ווילזיין פון די קינדער?

די נישט אייגנשטימיקייט צווישן טאָלסטאָיען און די קינדער איז געווען נאָך גרעסער. לערוּאַ באָליע, וועלכער האָט געזען טאָלסטאָיען אין זיין פאַמיליע, אין יאסנאיא פאליאנא, דערציילט, אַז „ביי דעם טיש, ווען טאָלסטאָי האָט גערעדט, האָבן די זין שלעכט פאַרמאַסקירט זייער לאַנגווייליקייט און אומצוטרוי (282)“. טאָלסטאָיס גלויבן האָט קוים-קוים אפשר אָנגערירט צוויי, דריי פון זיינע טעכטער, פון וועלכע איינע, מאַריע, איז שוין געשטאָרבן. מאָראַליש האָט ער זיך געפילט פאָלקאָם איינזאַם צווישן זייניקע. „אויסער דער יינגסטער טאָכטער און דעם דאָקטאָר (283), איז כמעט נישט געווען קיינער“, וואָס זאָל אים פאַרשטיין.

ער האָט געליטן פון דער גייסטיקער אָפּגעזונדערטקייט פון די וועלטלעכע מנהגים, וואָס מען האָט אים אָנגעוואָרפן, פון זיינע שטענדיקע געסט, וואָס זענען זיך צונויפגעקומען פון דער

גאַנצער וועלט און פון די וויזיטן, וואָס די אַמעריקאַנער האָבן אים אָפּגעשטאַטן און וועלכע האָבן זיך אים שוין פּאָלקאָם צו־געגעסן; ער האָט געליטן פון דעם „לוקסוס" אין וועלכן אים איז אויסגעקומען צו לעבן אַ דאַנק זיין פאַמיליע. אַ באַשיי־דענער לוקסוס, אורטיילנדיק לויט די דערציילונגען פון די מענטשן, וועלכע האָבן אים געזען אין זיין פּשוטער שטוב, מיט דעם געוויינלעכן מעבל, אין זיין קליין צימער מיט דעם אייזערנעם בעטל, פּראָסטע שטולן און הוילע ווענט נאָר די באַקוועמלעכקייטן האָבן אים געקרענקט און ער האָט כסדר גע־האַט געוויסנבייסן. אין דער צווייטער דערציילונג פון די, וועלכע ער האָט פאַרעפנטלעכט אין Mercure de France שטעלט ער מיט ביטערניש אַנטקעגן דער ארומיקער אָרימקייט דעם לוק־סוס פון זיין אייגן הויז.

„מיין טעטיקייט, האָט ער געשריבן שוין אין יאָר 1913 פאַרלירט, כ'וויל גלויבן, נישט אינגאַנצן, נאָר אויף זיכער די גרעסטע טייל פון איר ווערט, צוליב דעם, וואָס מיין לעבן איז נישט אין איינקלאַנג מיט דעם, וואָס איך לערן די מענטשן (284)".

פאַרוואָס זשע האָט טאָלסטאָי נישט פאַרווירקלעכט אָט די האַרמאָניע צווישן דעם לעבן און זיין לערע? אויב ער האָט נישט געקענט בויטן די זייניקע זיך אָפּזונדערן פון דער וועלט, טאָ פאַרוואָס זשע האָט ער אַליין זיך נישט אָפּגעזונדערט פון זיי און פון זייער לעבן? ער וואָלט אַזוי אַרום אויסגעמיטן די באַשולדיגונגען אין חניפה, מיט וועלכע עס האָבן אים באַשיט זיינע און וועלכע, פאַררופנדיק זיך אויף זיין אייגענער אויפ־פירונג, אַלס אויף אַ ביישפּיל, האָבן געהאַט די מעגלעכקייט אָפּצולייקענען זיין לערע. טאָלסטאָי האָט ווירקלעך געקלערט וועגן דעם. פון אַ לאַנגער צייט האָט ער שוין אַפילו געהאַט אָנגענומען אַ באַשלוס. נאָך זיין טויט האָט מען אין זיינע

אַפּירן געפונען אַ מערקווירדיקן בריוו, וואָס ער האָט אָנגע-
שריבן צו זיין פרוי דעם 8 יוני 1897 (285).

מען דאַרף אומבאַדינגט געבן דעם בריוו אינגאַנצן, ווייל קיין שום זאַך וועט בעסער נישט אויסגעבן די סודות פון אָט דער ליבנדיקער און ליידנדיקער נשמה:

„טייערע סאָניע!

שוין לאַנג, אַז מיר פייניגט דאָס, וואָס איך לעב נישט לויט מיינע איבערצייגונגען און לויט מיין גלויבן. נויטן דיר, אַז דו זאָלסט בייטן דיין אַרט לעבן און דיינע געוווינהייטן, וועלכע איך אַליין האָב דיר געלערנט — האָב איך נישט גע-קענט. אוועקגיין פון דיר האָב איך אויך נישט געקענט, קלע-רנדיק, אַז דערמיט וועל איך צונעמען, זאָל זיין אַפילו די קליינע ווירקונג, דאָך אַ ווירקונג, וואָס איך קען האָבן אויף די קינדער כל-זמן זיי זענען קליין און אויסער דעם האָב איך נישט געוואָלט אייך ערגערן; ווייטער אָבער לעבן אַזוי, ווי איך האָב געלעבט די לעצטע זעכצן יאָר (286), דאָ קעמפנדיק מיט זיך אַליין און דאָ אַרונטערפאַלנדיק אונטער די ווירקונגען און געוווינהייטן, צו וועלכע איך בין צוגעוווינט און וועלכע רינגלען מיר אַרום, קען איך שוין נישט מער, איך האָב מיר דאַריבער באַשלאָסן צו טון דאָס, וואָס איך האָב שוין פון לאַנג געוואָלט טון: אַוועקגיין... ווי די הינדוסן, וועלכע צום זעכ-ציקסטן יאָר פון זייער לעבן גייען אַוועק אין די וועלדער, ווי יעדער רעליגיעזער מענטש, וואָס וויל אויף דער עלטער זיך איינגאַנצן איבערגעבן גאָט און נישט זיך פאַרנעמען מיט נאַריש-קייטן, לצנות און רכילות, אַזוי ווילט זיך מיר צום זיבעציקסטן יאָר פון מיין לעבן מיט אַלע פיבערן פון מיין נשמה זיך אָפּ-געבן דער רו און דער איינזאַמקייט און כאָטש די לעצטע יאָרן פון מיין לעבן נישט זיין אינם שטענדיקן קאַמף מיט זיך אַליין

אין דער שרייענדיקער נישט איינשטימיקייט פון מיין לעבן מיט מיינע איבערצייגונגען, מיט מיין געוויסן. ווען איך זאָל דאָס טון אָפן, וואָלט מען מיר זיכער געפרוווט אָפהאַלטן דערפון מיט געבעט, מיט באַשולדיקונגען, מיט קריגערייען און איך וואָלט אפשר אָפגעשוואַכט געוואָרן און נישט געקענט אויספירן מיין באַשלוס, און דער באַשלוס מוז אויסגעפירט ווערן. איך בעט אייך דעריבער, זייט מיר מוחל, אויב די האַנדלונג מיינע וועט אייך וויי טון, איבערהויפט דו, סאָניע, לאָז מיך אָפ פרייליך, זוך מיר נישט, האָב נישט קיין פאַריבל אויף מיר און באַשולדיק מיר נישט, דאָס, וואָס איך בין אַוועקגעגאַנגען פון דיר, דערוויזט לגמרי נישט, אַז איך בין נישט געווען צופרידן מיט דיר, איך ווייס, אַז דו האָסט נישט געקענט, בוכשטעבלעך נישט געקענט און דו קענסט נישט זען און פילן דאָס, וואָס איך און דעריבער האָסטו נישט געקענט און דו קענסט נישט ענדערן דיין אַרט לעבן און ברענגען א קרבן דעם, וואָס דו אנערקענסט נישט. און דאַריבער באַשולדיק איך דיר נישט, דאַגעגן, מיט ליבע און דאַנקבאַרקייט דערמאָן איך די 35 יאָר פון אונדזער צוזאַמענלעבן, באַזונדערס, די ערשטע העלפט פון דער צייט, ווען דו האָסט אַזוי ענערגיש און דרייסט מיט דער מוטערלעכער זעלבסטאויפאָפּפערונג, וואָס איז אייגן דיין נאַטור, געטראָגן דאָס, צו וואָס דו האָסט זיך גערעכנט באַרופן. דו האָסט געגעבן מיר און דער וועלט דאָס, וואָס איז געווען אין דיין מעגלעכקייט צו געבן, דו האָסט געגעבן אָן א שיעור מוטערליכע ליבע און זעלבסטאויפאָפּפערונג... נאָר אין דעם לעצטן פעריאָד פון אונדזער לעבן, די לעצטע 15 יאָר, זענען מיר זיך צעגאַנגען. איך קען נישט קלערן, אַז איך בין שולדיק, ווייל איך ווייס, אַז געענדערט האָב איך זיך נישט צוליב זיך און נישט צוליב די מענטשן, נאָר דערפאַר, ווייל איך האָב אַנדערש נישט געקענט.

איך קען אָבער אויך נישט דיר באַשולדיקן, וואָס דו האָסט מיר נישט נאָכגעפאָלגט, איך דאַנק דיר נאָר און דערמאָן מיט ליבע אַלץ, וואָס דו האָסט מיר געגעבן. אַדיע, מיין טייערע סאָניע. דיין דיך ליבנדיקער לעוו טאָלסטאָי".

„דאָס, וואָס איך בין אוועקגעגאַנגען פון דיר"... א נאָר ער איז נישט אוועקגעגאַנגען פון איר. — אָרימע בריוו! אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עס איז גענוג נאָר אָנצושרייבן די בריוו און דער באַשלוס וועט שוין זיין אויסגעפירט... נאָר אָנשרייבנדיק אים האָט ער שוין דערמיט אַליין אויסגעשעפט זיין גאַנצע ענערגיע. „ווען איך זאָל דאָס טון אָפן, וואָלט מען מיר געפרווט אָבהאַלטן דערפון מיט געבעט... און איך וואָלט אפשר אָפּגעשוואַכט געוואָרן"... מען האָט לחלוטין נישט באַדאַרפט קיין „געבעט" און „קריגערייען"; ס'איז געווען גענוג ער זאָל אין איין מינוט שפּעטער דערזעען די, וועלכע ער האָט געוואָלט אַוועקוואַרפן, כדי ער זאָל דערפילן, אַז „ער קען נישט, בוכשטעבלעך קען ער נישט" אַוועקגיין פון זי; די בריוו, וועלכע ער האָט געהאַט אין קעשענע, האָט ער אַרונטערגעלייגט אונטער זיינע פּאַפּירן מיט פאָלגנדיקן אויפשריפט: „אויב עס וועט נישט זיין פון מיר קיין ספּעציעלער באַשלוס וועגן דעם בריוו, טאָ זאָל מען אים איבערגעבן נאָך מיין טויט דער פרוי מיינער ס. א."

מיט דעם האָט זיך געענדיקט זיין פרווו צו אַנטלויפן.

איז דאָס געווען זיין קראַפט? און ער האָט אפילו די פעיקייט נישט געהאַט אויפצוזאָפּערן זיין ליבע דעם גאָט זיינעם? אָן ספק, צווישן די שטאָלצע קריסטן וועט מען נישט ווייניק געפונען מענטשן מיט מער פעסטערע כאַראַקטערן, וועלכע האָבן זיך קיינמאָל נישט געוואַקלט אפילו צו טרעטן אָן א ציטער דאָס, וואָס איז געווען טייער זיי און אַנדערע... נאָר וואָס קען מען

גער (288). א פאַרפייניקטער פון זיין אייגענער שוואַכקייט און נישט אַנטשלאָסנהייט, פון זיין ליבע צו די נאָענטע און צו גאָט — ביז אין סאַמע לעצטן טאָג, ווען אַן אויפברויז פון טי־פער פאַרצווייפלונג, אָדער גאָר א פיבערדיקער שטורם, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אין אים ביי דעם אָנבליק פון טויט, האָבן אים נישט ארויסגעוואָרפן פון שטוב אויפן שליאַך. און טאָלס־טאָי בלאָנדזשעט, לויפט, קלאַפּט אין די טירן פון די קלויס־טערס, גייט נאָרמאַל אַרויס אויפן וועג, ביז ער פאַלט אַוועק, ענדלעך, אויף זיין וועג, אין א קליין, זייטיק שטעטל אויף קיינ־מאָל זיך שוין נישט אויפצוהויבן (289). און אויף זיין טויטן בעט האָט ער געוויינט נישט פאַר זיך, נאָר פאַר די אומגליק־לעכע און ער זאָגט קלאָגנדיק:

„אויף דער וועלט איז דאָ א סך מענטשן, אויסער לעוו טאָלסטאָיען, און איר קוקט נאָר אויף איין לעוון".

דעמאָלט איז ער געקומען — דאָס איז געווען דעם 20־טן נאָוועמבער 1910 א זייגער זעקס אין דער פרי — איז ער גע־קומען דער „באַפרייער", ווי ער האָט אים גערופן „דער טויט, דער געבענטשטער טויט"...

די שלאַכט איז געווען פאַרענדיקט, די צוויי־און־אַכציק־יע־ריקע שלאַכט וועמענס פעלד ס'איז געווען דאָס לעבן. א טראַ־גישער און שענער קאַמף, אין וועלכן עס האָבן אנטייל גענומען אַלע כוחות פון לעבן, אַלע פעלערן און אַלע מעלות. אַלע פע־לערן אויסער איינעם — דעם ליגן, וועלכן טאָלסטאָי האָט פאַר־פאָלגט אָן אויפהער און פאַריאָגט אין זיין לעצטער רו אַריין.

צוערשט, פאַרשכורנדע פרייהייט, א צוזאַמענשטויס פון ליידנשאַפטן אין א שטורעמדיקער נאַכט, וועלכע איז נאָר פון צייט צו צייט באַלויכטן געוואָרן מיט בלענדנדיקע בליצן, אויס־ברוכן פון ליבע און עקסטאַז און מיט זעאונגען פון דעם אייביקן

און אליין פארקריכט ער גאר אין א בלאָטע. יאָ, נישט פרייען זיך זאָלט איר אויף דעם, נאָר מיר העלפן און אונטערהאלטן... מיין הארץ ווערט מיר צעריסן פון פארצווייפלונג, ווייל מיר אלע האָבן זיך פארבלאָנדזשעט, און, ווען איך רייס מיר מיט אלע כוחות צו געפינען דעם ריכטיקן וועג, שטייט איר פון דער ווייטנס און, אנשטאָט צו רחמנות האָבן אויף זיך און אויף מיר: עמט איר אויף מיט פרייד מיין יעדע וואקלעניש און שרייט זעט, זעט, ער איז אויך מיט אונדז אין דער בלאָטע (287)״!

גאָענט פארן טויט האָט ער איבערגעחזרט:

„איך בין נישט קיין הייליקער און האָב מיר קיינמאָל נישט אָנגעגעבן פאר א זעלכן. איך בין א מענטש, וואָס דערלויבט זיך אמאָל פארפירן און זאָגט נישט אלץ, וואָס ער קלערט און פילט; נישט דערפאר, ווייל ער וויל נישט, נאָר דערפאר, ווייל ער קען נישט, ווייל אָפט קומט אויס זיך טועה צו זיין. אין מיינע האנדלונגען זעט עס אויס נאָך ערגער. איך בין א מענטש איבנאנבן א שוואכער און מיט א סך פע־לערס, וואָס וויל אפילו דינען דעם גאָט פון אמת, נאָר וואָס ווערט יעדעס מאָל געשטרויכלט. אויב מיר האלטן פאר א מענ־טשן, וואָס קען זיך קיינמאָל נישט טועה זיין, קומט אויס, אז יעדער פעלער מיינער איז נישט מער ווי ליגן און חניפה, נאָר אויב מיר רעכענען פאר א מענטשן א שוואכן, דעמאָלט וועל איך ארויסקומען אזוי, ווי איך בין אין דער אמתן: א נע־בעכדיק, נאָר א אויפריכטיק וועזן, וואָס האָט שטענדיק מיט אלע ציטערן פון דער נשמה געוואָלט און וויל ווערן א גוטער מענטש און א געטרייער דינער פון גאָט״.

אזוי האָט טאָלסטאָי געליטן פון זיין אייגענעם געוויסן און איז געווען פארפאָלגט פון די שטומע פאָרווורפן פון ד׳ מער ענערגיש און ווייניקער מענטשלעכע, פון אים, נאָכפאָלי

נער (288). אַ פאַרפייניקטער פון זיין אייגענער שוואַכקייט און נישט אַנטשלאָסנהייט. פון זיין ליבע צו די נאָענטע און צו נאַט — ביז אין סאַמע לעצטן טאָג, ווען אַן אויפברויז פון טיפער פאַרצווייפלונג, אָדער גאָר אַ פיבערדיקער שטורם, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אין אים ביי דעם אָנבליק פון טויט, האָבן אים נישט אַרויסגעוואָרפן פון שטוב אויפן שליאַך. און טאָלסטאָי בלאָנדזשעט, לויפט, קלאַפּט אין די טירן פון די קלויסטערס, גייט נאָרמאַל אַרויס אויפן וועג, ביז ער פאַלט אַוועק, נבדלפך, אויף זיין וועג, אין אַ קליין, זייטיק שטעטל אויף קיינמאָל זיך שוין נישט אויפצוהויבן (289). און אויף זיין טויטן בעט האָט ער געוויינט נישט פאַר זיך, נאָר פאַר די אומגליקלעכע און ער זאָגט קלאָגנדיק:

„אויף דער וועלט איז דאָ אַ סך מענטשן, אויסער לעוו טאָלסטאָיען, און איר קוקט נאָר אויף איין לעוון".

דעמאָלט איז ער געקומען — דאָס איז געווען דעם 20-טן נאָוועמבער 1910 אַ זייגער זעקס אין דער פ״י — איז ער געקומען דער „באַפרייער", ווי ער האָט אים גערופן „דער טויט, דער געבענטשטער טויט"...

די שלאַכט איז געווען פאַרענדיקט, די צוויי-און-אַכציקיעריקע שלאַכט וועמענס פעלד ס'איז געווען דאָס לעבן. אַ טראַגישער און שענער קאַמף, אין וועלכן עס האָבן אַנטייל גענומען אַלע כוחות פון לעבן, אַלע פעלערן און אַלע מעלות. אַלע פעלערן אויסער איינעם — דעם ליגן, וועלכן טאָלסטאָי האָט פאַרפאָלגט אָן אויפהער און פאַריאָגט אין זיין לעצטער רו אַריין.

צוערשט, פאַרשכורנדע פרייהייט, אַ צוזאַמענשטויס פון ליידנשאַפטן אין אַ שטורעמדיקער נאַכט, וועלכע איז נאָר פון צייט צו צייט באַלויכטן געוואָרן מיט בלענדנדיקע בליצן, אויסבראָכן פון ליבע און עקסטאַז און מיט זעאונגען פון דעם אייביקן

די יאָרן פון קאווקאז און סאוואסטאָפּאָל, יאָרן פון שטורמדיקער אומרויִקער יוגנט. דערנאָך די גרויסע בארויקונג אין דער ערשטער צייט, וואָס נאָך דער חתונה, דאָס גליק פון ליבע, פון קונסט, נאַטור — „מלחמה און שלום". די פולע פונאַנדערבליאונג פון זיין געניע, וועלכע כאַפּט אַרום דעם גאַנצן מענטשלעכן האַריזאָנט און דאָס בילד פון די אייגענע קאַמפן, וועלכע זענען שוין פאַר זיין נשמה נישט מער ווי ערבירונגען פון דעם עבר. ער הערשט איבער זיי, ער איז זייער האַר און זיי אַליין קענען אים שוין נישט צופרידן שטעלן. ווי ביי דעם קניאַז אַנדריי, זענען זיינע אויגן געווענדעט צום גרענעצלאָזן הימל, וועלכער לויכט איבער אויסטערליץ. דער הימל ציט אים:

„... עס זענען דאָ מענטשן מיט גרויסע, שטאַרקע פליגל, נאָר וועלכע לאָזן זיך אַראָפּ צוליב פאַרגניגן צו דער מאַסע און צעברעכן די פליגל. אַזעלכער בין איך. דערנאָך פּרוווט ער מיט זיין צעבראָכענעם פליגל זיך צוריק אויפהייבן אין דער הויך און פאַלט אַראָפּ. ווי נאָר עס וועלן מיר זיך אויסהיילן די פליגל, אַזוי וועל איך אַ פלי טון זייער הויך. העלף מיר גאָט (290)".

די ווערטער זענען געשריבן געוואָרן אין איינעם פון זיינע שרעקלעכסטע און שטורעמדיקסטע מאָמענטן, וואָס די „ודוי" איז נאָר זיין ווידער־קול און עכאָ. נישט איינמאָל איז טאָלסטאָי געוואָרפן געוואָרן צו דער ערד מיט צעבראָכענע פליגל. נאָר ער האָט זיך שטענדיק איינגעשפּאַרט און צוריק געפלויגן. און אָט זעען מיר אים שוין פליען איבער גרענעצלאָזן, טיפן הימל אויף צווויי גרויסע פליגל, פון וועלכע איינער איז — זיין שכל, דער צווייטער — זיין גלויבן. נאָר ער געפינט נישט דאָרט די רו, וועלכע ער האָט געזוכט. דער הימל איז נישטאָ, אויסער אונדז.

ד׳ר ,ימל איז אין אונדז. טאָלסטאָי צעבלאָזט אין אים דעם שטורם פון זיינע ליידנשאַפטן. מיט דעם אונטערשיידעט ער זיך פון די אַפּאָסטאָלן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט פונם לעבן: אין זיין אָפּזאָגן זיך פונם לעבן טראָגט ער אַריין אַזוי פיל פלאַם, ווי אין זיין לעבן. און אַלץ האַלט ער אַרום דאָס לעבן, האַלט אַרום שטורעמדיק, ווי אַ פאַרליבטער. ער איז „משוגע פון לעבן. ער איז „שכּור פון לעבן״. ער קען נישט לעבן אָן דער „שכרות (291). ער איז פאַרשכּורט פון גליק און אומגליק איינצייטיק. פאַרשכּורט פונם טויט און פון דער אומשטערבלעכקייט צוזאַמען (292). זיין אָפּזאָג זיך פונם אינדיווידועלן לעבן איז נישט מער ווי אַ ליידנשאַפטלעכער אויסגעשריי פון בענקשאַפט נאָך דעם אייביקן לעבן. ניין, די רו, וועלכע ער דערגרייכט, די רו, נאָך וועלכער זיין נשמה לעכצט — דאָס איז נישט די רו פון טויט. עס איז די רו פון די אָנגעצונדענע וועלטן, וואָס באַוועגן זיך אינם אין סוף. ביי טאָלסטאָיען איז דער צאָרן רויק און די רו איז ברענענדיק (293) דער גלויבן גיט אים ביי געווער, ער זאָל זיך צוריקנעמען צום קאַמפף, וועלכן ער האָט אָנגעהויבן נאָך אין זיינע ערשטע ווערק, צום קאַמפף מיט דעם ליגן פון דער הייננטיקער געזעלשאַפט. ער באַגרענעצט זיך שוין נישט מער מיט עטלעכע טיפּן פון אַ ראָמאַן, נאָר ער פאַלט אָן אויף אַלע עבודה־זרית פון זיין צייט: אויף דער צביעות אין דער רעליגיע, אין דער רעגירונג, אין דער וויסנשאַפט, קונסט, אינם ליבעראַליזם, סאָציאַליזם, און דער פאָלקס־בילדונג, פילאַנטראָפּיע און אין דעם פאַציפיזם (294). ער וואַרפט זיך אויף זיי מיט צאָרן און שמייסט זיי איבערן פּנים.

פון צייט צו־צייט אַנטפּלעקן זיך אַזעלכע מענטשן מיט בונטאַרישע נשמות אין אונדזער וועלט. ענלעך צו יאָהאַן דעם

מבשר, טרעסן זיי אַרויס געגן דער פאַרקריפּלטע ציוויליזאַציע און זענען איר מחרים. דער לעצטער פון די אַנטפּלעקינגען איז געווען רוססאָ. לויט זיין הייסער צוגעבונדנקייט צו דער נאַטור, (295) שאַרקער שנאה צו דער היינטיקער געזעלשאַפט, אייפערדיקער אומאָפּהענגיקייט און טיפער אַכטונג פאַר דער עוואַנגעליע און פאַר דער קריסטלעכער מ־ראַל, איז רוססאָ דער פאָרגענגער און אָנזאָגער פון טאָלסטאָיען, וועלכע פאַררופט זיך ווידער אויף אים:

„עס זענען פאַראַן אַ זעלכע זייטלעך ביי אים, זאָגט טאָלסטאָי, וועלכע האָבן מיר טיף גערירט, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך האָב זיי אָנגעשריבן" (296).

נאָר וואָס פאַר אַן אונטערשיד איז צווישן אָט די ביידע נשמות און ווי ווייט איז די נשמה פון טאָלסטאָי׳ן מער קריסט־לעכער, ווי רוססאָ׳ס! ווי ווייניק באַשיידנקייט און ווי פיל חוצפה אַנהאַלט אין זיך דער פלוצימדיקער אויסגעשריי פון דעם גענפער אין זיין „קאָנפעסיאָן":

„אייביקעס וועזן! זאָל כאָטש איין מענטש דיר זאָגן, אויב ער האָט נאָר די דרייסטקייט: איך בין געווען בעסער פון דעם מענטשן."

אָדער אין דעם אַרויסרוף דער וועלט:

„איך דערקלער אָפן און אָן מורא: ווער עס האָט די העזה מיר צו האַלטן פאַר נישט קיין אָרנטלעכן מענטשן, איז אַליין ווערט דערשטיקט צו ווערן".

און טאָלסטאָי וויינט מיט בלוטיקע טרערן אויף די „פאַר־ברעכנס" פון זיין פאַרגאַנגען לעבן:

„איך פיל איצט די פיין פון גיהינום; איך דערמאָן מיר די נידריקייט פון אַמאָליק לעבן און די ערינערונגען לאָזן מיר נישט אָפּ און פאַרסמען מיך. מען באַדויערט, געוויינלעך, דאָס

וואָס דער מענטש געדענקט נישט גאָרנישט פון זיין פריערדיק לעבן נאָכן טויט. וואָס פאַר א גליק דאָס איז! וואָס פאַר א פיין וואָלט עס מיר פאַרשאַפט, ווען איך זאָל אין דעם לעבן געדענקן אַלדאָס בייז און שלעכטס, וואָס איך האָב אָפּגעטון אונטן פאַרגאַנגענעם לעבן!" (297)

טאָלסטאָי וואָלט שוין זיכער זיין ווידוי נישט אָנגעשריבן צוליב די זעלבע סבות, צוליב וועלכע רוססא האָט זי געשריבן, ווייל ווי זאָגט רוססא „דערפילנדיק, אַז דאָס גוטע וועגט ביי מיר איבער דאָס שלעכטע, האָב איך געפונען אין מיין אינטע-רעס אַלץ צו דערציילן" (298). טאָלסטאָי האָט אויך געפּרוווט שרייבן זיינע זכרונות און האָט זיך אָפּגעזאָגט; די פען איז אים פון האַנט ארויסגעפאַלן: ער האָט נישט געוואָלט זיין קיין פאַרפירעשער ביישפּיל פאַר די, וואָס וועלן אים לייענען:

„די מענטשן וועלן זאָגן: אָט איז ער דער מענטש וועמען אַלע האָבן געשטעלט אַזוי הויך און זעט וואָס פאַר אַן אוממענטש ער איז געווען, וואָס-זשע זאָלן מיר שוין, פּשוטע בשר ודם׳ס, זאָגן (299)"?

רוססא האָט קיינמאָל נישט געוווסט פון דעם שענעם קריסטלעכן געפיל פון מאָראַלישער שעמעוודיקייט און באַשיידנ-קייט, וואָס האָט דעם אַלטן טאָלסטאָי צוגעגעבן אַזוי פיל צניעות. אונטער רוססא זעט זיך רוים פון קאַלווינען, וואָס שאַפט א ראַם פאַר דער סטאַטוע אויפן שוואַנען-אינזל. אין טאָלסטאָיען אָבער דערקענסטו די פּיליגרימען און די האַלבע-משוגעים, וועמענס נאַיווע מידות און טרערן עס האָבן אים גערירט נאָך אין זיין קינדהייט.

- -

נאָר, אויסער דעם קאַמפּף מיט דער געזעלשאַפט, וועלכן טאָלסטאָי האָט געפירט, פּינקט ווי רוססאָ, האָט נאָך א צווייטער

קאַמפּף אויסגעפּועלט די לעצטע דרייסיק יאָר פון טאָלסטאָיס לעבן; דאָס איז געווען אַ שענער קאַמפּף צווישן די צוויי גרעסטע כּוחות פון זיין נשמה: צווישן דעם אמת און דער ליבע.

דער אמת — „דער בליק גלייך אין דער נשמה", אָט דאָס דורכדרינגלעכע ליכט פון זיינע גרויע אויגן, וועלכעס האָט אייך אַדורכגענומען... ער איז געווען דער עלטסטער גלויבן זיינער, די קעניגין פון זיין קונסט.

„דער העלד פון מיין דערציילונג, וועלכן איך האָב ליב מיט אַלע פיבערן פון מיין נשמה... און וועלכער איז שטענדיק געווען, איז און וועט זיין שען — איז דער אמת (300)".

דער אמת, דאָס איז די איינציקע זאַך, וואָס איז אַרויפגעשווומען נאָך דעם שיפבראָך, נאָכן טויט פון זיין ברודער (301 דער אמת, דאָס איז די אַקס פון זיין לעבן, דער פעלז אינמיטן ים...

אינגיכן אָבער הערט אים אויף דער „שרעקלעכער אמת" צופרידנשטעלן. אים שטופּט אַרויס די ליבע. זי איז געווען דער לעבעדיקער קוואַל פון זיין קינדהייט, „דער נאַטירלעכער צושטאַנד פון זיין נשמה (303)". דאָך ווען עס איז געקומען דער מאָראַלישער איבערבראָך פון יאָר 1890, האָט טאָלסטאָי זיך נישט אָפּגעזאָגט פונם אמת, ער האָט אים נאָר פאַראייניקט מיט דער ליבע (304).

די ליבע איז „דער יסוד פון דער ענערגיע (305)". די ליבע צוזאַמען מיט דער שענקייט איז דער איינציקער „יסוד פונם לעבן (306). די ליבע דאָס איז דער מהות פון טאָלסטאָיען, ווערמען דאָס לעבן האָט רייף געמאַכט, דער מהות פון דעם אויטאָר פון „מלחמה און שלום" און פון דעם ענטפער דעם הייליקן סינאָד (307).

אָט דאָס דורכדרינגען זיך פונם אמת מיט דער ליבע איז די איינציקע גרויסע ווערט פון אַלע זיינע הויפּט־ווערק, וועלכע ער האָט געשריבן אינם מיט פון זיין לעבן, — nel merzo del cammin*) — און אונטערשיידעט זיין רעאַליזם פון דעם רעאַליזם פון פלאָבערן, דער לעצטער שטרעבט זיך אָן אינגאַנצן נישט ליב צו האָבן זיינע העלדן. ווי גרויס ער זאָל נישט זיין פעלט אים דאָך דער ;Fiat lux!‏ (** דאָס ליכט פון דער זון איז קיינמאָל נישט גענוג, מען דאַרף נאָך האָבן דאָס ליכט פון האַרץ. דער רעאַליזם פון טאָלסטאָיען פאַרקערפּערט זיך אין יעדן ווערט. קוקנדיק אויף אַלע טאַקע מיט זייערע אויגן, גע־פינט טאָלסטאָי אַפילו אינם ערגסטן אַ סבה אים ליב צו האָבן און אונדז נויט ער צו דערפילן די ברידערלעכע פעדים, וואָס פאַרייניקן אונדז אַלע אין איין גאַנצעס (308). מיט דער הילף פון ליבע דרינגט ער אַדורך ביז אין די וואָרצלען פונם לעבן.

נאָר לאַנג אָנהאַלטן דעם בונד איז שווער, פאַראַן צייטן, ווען דאָס לעבן פולט אונדז אָן מיט אַזויפיל ליידן און ביטער־ניש, אַז עס זעט אויס נישט מער ווי אַן אַרויסרוף דער ליבע; דעמאָלט, כדי צו ראַטעווען די ליבע, כדי צו ראַטעווען זיין גלויבן, איז ער געניויט זיך צו דערהויבן אַזוי הויך איבער דער וועלט, אַז ער ריזיקירט אינגאַנצן צו פאַרליר'ן דעם קאָנטאַקט מיט איר. וואָס דען זאָל טון דער, וועמען דער גורל האָט באַשאָנקען מיט דער גרויסער און פאַטאַלער מתּנה צו זעען דעם אמת, קיינמאָל נישט קענען נישט זעען אים? ווער קען עס אונדז זאָגן די ליידן, וואָס טאָלסטאָי האָט געהאַט אין די לעצטע יאָרן פון דעם שטענדיקן תּהום צווישן די אומברחמנותדיקע אויגן, וועלכע האָבן געזעען די גאַנצע שרעק פון דער ווירק

*) אינמיטן וועג.
**) זאָל זיין ליכט.

לעכקייט, און דעם ליידנשאַפטלעכן האַרץ, וועלכעס האָט אַלץ געהאַלטן אין איין ערוואַרטן און באַשטעטיקן די ליבע!

עס איז אונדז אַלעמען באַקאַנט אָט דער טראַגישער קאַמפף. וויפיל מאָל געפינען מיר זיך אין אַ לאַגע, ווו אונדז קומט אויס נישט צו זען, אָדער צו האַסן! און וויפיל מאָל פילט זיך דער קינסטלער, וואָס איז ווערט צו טראָגן אַזאַ נאָמען, אָדער דער שרייבער, וואָס ווייסט די גרויסע און געפערלעכע מאַכט פון דעם אָנגעשריבענעם וואָרט — וויפיל מאָל פילט ער זיך דערשלאָגן פון אַן אומגעהויער, ווייטיקלעכער בענקשאַפט אין דעם מאָמענט, ווען ער שרייבט דעם אָדער יענעם אמת (309)! אין דער סביבה פון דעם מאָדערנעם ליגן, דעם ליגן פון דער ציוויליזאַציע, איז דער געזונטער, מענלעכער און לעבעדיקער אמת אַ נויטיקייט און איז, דאַכט זיך, ווי די לופט, מיט וועלכע מען אָטעמט... און דערנאָך זעסטו, אַז די לופט האָבן אַזוי פיל לונגען נישט געקענט אַריבערטראָגן, אַזוי פיל מענטשן, אָפּגעשוואַכטע דורך דער ציוויליזאַציע, אָדער דורך דער גוטסקייט פון זייער אייגן האַרץ! דאַרף מען, הייסט עס נישט רעכענען זיך מיט גאָרנישט און זיי אומברחמנותדיק צוּוואַרפן דעם אמת, וואָס טויט? איז נישטאָ ערגעץ ווו, אין דער הויך, אַ צווייטער אמת, וועלכער איז, ווי טאָלסטאָי זאָגט, „פאַרייניקט מיט דער ליבע”? נאָר וואָס! צי קען מען דען מסכים זיין צו פאַרוויגן די מענטשן מיט טרייסטנדיקע ליגנס, ווי פער גיונט פאַרוויגט מיט זיינע מעשהלעך זיין אַלטע שטאַרבנדיקע מאַמע?.. די געזעלשאַפט געפינט זיך שוין פון אייביק אָן פנים-אל-פנים מיט דער דילעמע: דער אמת, אָדער די ליבע. ווי געוועגלעך, לעזט זי די אויפגאַבע, אויפאָפּפערנדיק דעם אמת מיט דער ליבע צוגלייך.

טאָלסטאָי האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן קיין איינעם פון

די ביידע גלויבנס. אין די ווערק פון זיין רייפן פעריאָד איז די ליבע דער פלאַקער פון דעם אמת. אין די ווערק פון זיינע לעצטע יאָרן פאַלט שוין דאָס ליכט פון אויבן, ס'איז אַ שטראַל פון צערטלעכער ליבע, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ אויפן לעבן, נאָר וואָס פאַררייניקן, פאַררייניקט ער זיך שוין נישט מער מיט אים. מען זעט דאָס אין „תחית-המתים", ווו דער גלויבן הערשט איבער דער ווירקלעכקייט, נאָר דאָך בלייבט ער פאַר איר עטוואָס אויסערלעכעס. דאָס זעלבע פאָלק, וועלכעס טאָלס-טאָי שילדערט יעדעס מאָל, ווען ער נעמט נאָר אין באַטראַכט איינצעלנע איזאָלירטע פאַרשוינגען, ווי אַ פאָלק זעער אַ שוואַכס און באַגרענעצטס, באַקומט אַ געטלעכע הייליקייט, ווען ער הויבט נאָר אָן צו דענקען אבסטראקט (310). אין זיין טאָג-טעגלעכן לעבן האָט זיך די זעלבע נישט איינשטימיקייט אַרויסגעוויזן נאָך שאַרפער, ווי אין זיין קונסט. ער האָט גוט געוווסט וואָס די ליבע פאָדערט פון אים, דאָך האָט ער געהאַנדלט אַנדערש; ער האָט נישט געלעבט לויט די געטלעכע פאָרשריפטן, נאָר ווי אַלע איבריקע מענטשן. און די ליבע אַליין, ווי זאָל מען זי אויפכאַפן? ווי זאָל מען זי אונטערשיידן צווישן די פאַרשידענע געשטאַלטן וואָס זי נעמט אָן אין צווישן אירע געגנזעצלעכע באַפעלן? איז עס די ליבע צו דער פאַמיליע, אָדער די ליבע צו אַלע מענטשן?.. ביז אין לעצטן טאָג האָט זיך טאָלסטאָי געראַנגלט מיט די היפוכים.

ווו זשע איז די לעזונג? ער האָט זי נישט געפונען לאָמיר איבערלאָזן פאַר די שטאָלצע אינטעליגענטן דאָס רעכט צו משפטן וועגן דעם מיט פאַראכטונג. זיי האָבן שוין זיכער געפונען די לעזונג. זיי באַזיצן שוין דעם אמת און האַלטן זיך פאַר אים פעסט און מיט זיכערקייט. פאַר זיי איז טאָלסטאָי צו שוואַך און סענטימענטאַל, ער זאָל קענען דינען פאַר אַ ביי

שפיל, ווען זיי זאָלן נאָכפאָלגן: זיי זענען צו ווייניק לעבנספול דערויף. טאָלסטאָי געהערט נישט צו קיין שום קרייזל פון באַרימערס און צו קיין שום באַשטימטער קירכע — נישט צו די ביכער־מענטשן, ווי טאָלסטאָי רופט זיי, און נישט צו די פאַריסייער פון דעם אָדער יענעם גלויבן, ער איז דער העכסטער טיפ פון א פרייען קריסט, וואָס שטרעבט זיין גאַנץ לעבן צו אַן אידעאַל, וועלכער האַלט זיך אין איין דערווייטערן פון אים (311).

טאָלסטאָי רעדט קיינמאָל נישט צו די מענטשן, וואָס צייכנען זיך אויס מיט זייער טיפן פאַרשטאַנד, נאָר צו די געוויינלעכע און פשוטע, צו די*) hominibus bonae voluntayis — ער איז אונדזער געוויסן. ער זאָגט ארויס דאָס, וואָס מיר אַלע געוויינלעכע מענטשן, קלערן, דאָס, וואָס מיר האָבן מורא איבערצולייענען אין אונדז. און ער איז נישט פאַר אונדז דער שטאָלצער לערער, איינער פון די גרויסהאַלטנדיקע זיך זשעניען, וואָס זיצן אויפן טראָן פון זייער קונסט און פאַרשטאַנד, איבער דער מענטשהייט, ער איז דער, מיט וועמענס ליבן און שיינעם נאָמען ער אליין האָט זיך ליב אָנגערופן אין זיינע בריוו — „אונדזער ברודער".

*) מענטשן וואס האבן א גיטן ווי[illegible]

הוספה.

(די ווערק פון טאָלסטאָיען וועלכע זענען דערשינען נאָך זיין טויט.)

שטאַרבנדיק, האָט טאָלסטאָי איבערגעלאָזט אַ גרויסע צאָל פון נאָך נישט אַרויסגעגעבענע ווערק, די גרעסטע טייל פון זיי איז שוין פאַרעפנטלעכט געוואָרן, די ווערק געהערן צו פאַרשידענע פעריאָדן פון זיין לעבן, אייניקע פון זיי דערגייען נאָך ביז אין יאָר 1883 („דער טאָג בוך פון אַ משוגענעם"). אַנדערע ווידער זענען שוין פון די לעצטע יאָרן. זיי אַנטהאַלטן אין זיך נאָוועלן, ראָמאַנען, טעאַטער־שטיק און דיאַלאָגן. פיל פון זיי זענען געבליבן נישט פאַרענדיקט, איך וואָלט זיי גערן איינגעטיילט אין צוויי גרופּן: ווערק, וועלכע טאָלסטאָי האָט אָנגעשריבן אונטער אַ מאָראַלישן דרוק, און ווערק, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אונטערן דרוק פון זיין קינסטלערשן חוש, אין אַ קלייגער צאָל פון זיי גיסן זיך האַרמאָניש צונויף דיביידע ריכטונגען.

צום אומגליק, קומט אונדז אויס צו באַדויערן, וואָס די גלייכגילטיקייט פון טאָלסטאָיען צו זיין שרייבערשן כבוד — און, ס'קען זיין, אויך די פאַרבאָרגענע מחשבות זיינע וועגן נזירעשע סגופים — האָבן אים געשטערט פאַרטצוזעצן זיין אַרבעט איבער זעלכע ווערק, וועלכע האָבן צוגעזאָגט צו זיין די שענסטע,

אַזאַ איז „דער טאָג-בוך פון איוואַן קוזמיטש נאָך זיין טויט", דאָס איז די באַוווּסטע לעגענדע פונם צאַר אַלעקסאַנדר דעם ערשטן, אויף וועלכן ס'איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז ער איז געשטאָרבן, און אין דער אמתן איז ער גאָר אונטער אַפּאַלשן נאָמען אַוועקגעגאַנגען זיך צו באַזעצן אין סיביר, כדי אַזוי אַרום פרייוויליק אויסקויפן זיינע זינד. ס'פעלט זיך די ליידנשאַפט פון טאָלסטאָיען צו דער טעמע און די אידענטיפיצירונג פון אים מיטן העלד. מען קען זיך גאָרנישט באַרויקן ביי דעם געדאַנק, אַז פון דעם „טאָג-בוך" איז אונדז געבליבן נאָר די ערשטע קאַפּיטלעך: מיט דער קראַפט און פרישקייט פון זייער אַרט דערציילן, קען מען זיי אַנטקעגנשטעלן די בעסטע זייטלעך פון „תחית המתים". עס זענען דאָרט פאַראַן אומפאַרגעסלעכע בילדער (קאַטערינע די 2-טע אויף דער עלטער), איבערהויפּט שטאַרק געשילדערט איז די פיגור פונם צאַר, אַ מיסטישע און פייערדיקע נאַטור, וועמענס שטאָלץ עס פלאַקערט אָפט אויף אפילו אין די שטילע יאָרן פון זיין עלטער.

„דער פאָטער סערגיי" (1891—1904) פאַרמאָגט אויך דעם גרויסן קינסטלערשן פאַרנעם, מיט וועלכן עס צייכנען זיך אויס אַלע זיינע ווערק; נאָר די דערציילונג איז אַביסל פאַרקירצט. דער אינהאַלט דערפון איז אַ געשיכטע פון אַ מענטשן, וועלכער האָט, צוליב זיין באַליידיקטן שטאָלץ, אָנגעהויבן זוכן גאָט איינזאַמקייט און דורך נזירות, און ענדלעך, אים געפונען צווישן די מענטשן און אין דעם לעבן פאַר זיי. אייניקע זייטלעך אין די דערציילונג פאַרכאַפּן אונדז פשוט דעם אָטעם מיט זייער ווילדער שאַרפקייט. ס'איז נישט צו באַגעגענען אַזוי פיל ביטערקייט און טראַגיזם, ווייל אין דער סצענע, ווו דער העלד אנטזעקט די גאַנצע בידעריקייט פון דער, וועלכער ער האָט ליב: — (זיין כלה, די בתי, וועלכע ער האָט פאַרגעטערט, ווי אַ הייליק-

קייט, איז געווען די געליבטע פונם צאַר, וועמען ער האָט אַזוי ליידנשאַפטלעך געאַכטעט). נישט ווייניקער פאַרכאַפּט אונדז די נאַכט פונם נסיון, אין וועלכער דער נזיר, כּדי צו געפינען די רו פאַר זיין אויפגערעגטע נשמה, האַקט זיך אָפּ אַ פינגער מיט אַ האַק. אין געגנזאַץ צו די אכזריותדיקע עפּיזאָדן טרעט אַרויס צום סוף דער מעלאַנכאַלישער שמועס מיט דער אָרימע און קלייניטשקער זקנה. דער חברטע פון זיין יוגנט, אין די לעצטע זייטלעך זענען שוין לאַקאָניש־גלייכגילטיק און רויק.

„די מוטער" איז אויך אַ טעמע, וואָס פאַרכאַפּט: אַ קלוגע און גוטע מוטער פון אַ פאַמיליע נאָך פערציק יאָר זייענדיק איינגאַנצן אָפּגעגעבן צו די איריקע, דערפילט זיך פּלוצים איינזאַם, אָן אַ אַרבעט און אָן אַ ציל. זייענדיק פריידענקעריש געשטימט, גייט זי דאָך אַוועק אין אַ מאָנאַסטיר און שרייבט דאָרט איר טאָג־בוך. נאָר עס זענען פאַרבליבן נאָר די ערשטע זייטן פון דעם ווערק.

אַ פיל גרעסערע באַדייטונג אין קינסטלערשן זין האָט אַ גאַנצע רייע קליינע דערציילונגען:

„אַליאָשע — טאָפּ" געהער צו דער סעריע פון די שיינע פאָלקס־מעשהלעך. אַ געשיכטע פון אַ פּשוטן מענטשן, וואָס איז שטענדיק זיך מקריב, שטענדיק שטיל באַפרידיקט און וואָס שטאַרבט. „נאָכן באַל" (20 אויגוסט 1903): אַ זקן דערציילט, ווי ער האָט ליב געהאַט אַ מאָל אַ יונג מיידל און ווי ער האָט זי מיט אַמאָל אויפגעהערט ליב צו האָבן, באַלד, ווען ער האָט דערזעען ווי איר פאָטער, אַ פּאָלקאָווניק, האָט באַפוילן צו שמייסן אַ זעלנער. אַ פאָלקאָם ווערק; צוערשט אַ באַצויבערנדע צאַרטקייט פון יוגנטלעכע זכרונות, שפּעטער די פינקטלעכקייט פון די הלוצינאַציעס. „וואָס האָב איך געזען אין חלום" (13 נאָוועמבער 1906). אַ קניאַז קען נישט מוחל זיין זיין טאָכ־

טער, וועלכער ער אַכטעט און ליבט, וואָס זי איז אַנטלאָפן פון דער שטוב, נאָכדעם ווי זי האָט זיך געלאָזט פאַרפירן. נאָר ווי נאָר ער באַגעגנט זיך מיט איר, אַזוי בעט ער ביי איר פאַר־צייאונג אין דאָך (נישט די צאַרטקייט טאָלסטאָיס, נישט זיין אידעאליזם פירן אים אַריין אין אַ טעות) גיט זיך אים נישט איין, דעם פאָטער, צו דערשטיקן דאָס געפיל פון עקל, וואָס רופט אַרויס אין אים דער אָנבליק פון זיין טאָכטערס קינד.

„כאַדונקאַ" אַ קורצינקע דערציילונג; די אַקציע קומט פאָר אין יאָר 1893: אַ יינגע רוסישע קניאַזשן, וועלכע עס האָט זיך פאַרוואָלט אין איין פאָלקס־יום־טוב וואָס איז פאָרגעקו־מען אין מאָסקווע, אויסמישן זיך מיט דער מאַסע, איז געוואָרן פאַרכאַפּט פון דער אַלגעמיינער פּאַניק אין א פאַרחלשטע, כמעט נישט א צעטרעטענע האָט איר אויפגעהויבן אַן אַרבעטער, וועלכער איז אַליין אויך געוואָרן גוט צעשעדיקט, און זי קוים קוים אָפּ־געמונטערט. איין מינוט האָט זיי פאַראייניקט דאָס געפיל פון האַרציקער ברודערלעכקייט. דערנאָך צעשיידן זיי זיך כדי זיך שוין נישט צוזעען.

מיט אַ ברייטערן פאַרנעם און פאַרקלערט ווי אַ עפּישער ראָמאַן איז „כאַדזשי־מוראַד" (דעצעמבער 1902), ווו עס ווערט איבערגעגעבן אַן עפּיזאָד פון דער קאַווקאַזער מלחמה פון יאָר 1851 (312). שרייבנדיק אים, איז טאָלסטאָי געווען דער פּאָלקאָמער האַר איבער זיינע קינסטלערישע מיטלען. זיין קוק (דער פיזי־שער ווי דער גייסטיקער) איז פאָלקאָם, גאָר, אַ וווּנדערלעכע זאַך, די געשיכטע אַליין, דער ספּור־המעשה פון דער דערציילונג אינטערעסירט אונדז נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין: ס'איז דער־פאַר ווייל מיר פילן, אַז טאָלסטאָיען אַליין האָט עס אויך נישט אינטערעסירט. יעדער העלד, וואָס באַווייזט זיך אינם לויף פון דער דערציילונג, דערוועקט ביי אים די זעלבע מאָס פון סימ־

פּאַטיע; ער שילדערט דעריבער פאַרענדיקטע בילדער פון אַלע העלדן, מעג זיין אַזעלכע, וואָס לויפן נאָר אַדורך פאַר אונדזערע אויגן. ליבהאָבנדיק אַלע גלייך, ווייזט ער נישט ארויס קיין פאָרצוג קיין איינעם פון זיי. מיר האָבן דעם איינדרוק, אַז נישט קיין אינערלעכע אויפפאָדערונג האָט געבראַכט טאָלסטאָיען אָנצושרייבן די אויסגעצייכנטע נאָוועלע, נאָר אַ פיזישע נויטיקייט. פּונקט ווי די אַנדערע איבן איין די מוסקולן, אַזוי האָט טאָל-סטאָי געמוזט איבן זיין גייסטיקן, אינטעלעקטועלן אַפּאַראַט. ער האָט געמוזט שאַפן, און ער האָט געשאַפן.

* *

*

אין די אַנדערע ווערק הערן זיך פּערזענלעכע שטאַרקער אָפּטמאָל טיפע ליידן. פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס טראָגן אַן אויטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער, ווי צ. ב. „דער טאָג-בוך פון אַ משוגענעם" (20 אָקטאָבער 1883), אין וועלכן עס ווערן געשילדערט די ערשטע שרעקלעכע נעכט, וואָס טאָלסטאָי האָט איבערגעלעבט פאַרן קריזיס פון יאָר 1869 (313), אָדער ווי „דער טייוול" 19 נאָוועמבער 1889). אָט די לעצטע, זייער לאַנגע דערציילונג, פאַרטאָגט ערטער פון ערשטקלאַסיקער מייסטערשאַפט, איר סוף אָבער איז, ליידער, פשוט אַן אַבסורד. אַ גוטבאַזיצער, וועלכער האָט געהאַט באַציאונגען מיט אַ פויערטע פון זיין דאָרף, האָט חתונה געהאַט און, חתונה האָבנדיק, פלייסט ער זיך (ווייל ער איז אַן אָרנטלעכער מענטש און האָט ליב זיין יינגע פרוי) צו דערווייטערן פון די פויערטע, נאָר זי בלייבט איבער „אין זיין בלוט" און יעדעס מאָל ווען ער זעט זי, דערוועקט זיך צוריק זיין תאוה צו איר. זי אַליין זוכט אים. עס ענדיקט זיך דערמיט, וואָס ער קערט זיך צוריק אום צו איר: ער פילט אַז ער וועט זיך שוין מער נישט קענען אָפּרייסן פון איר און ער נעמט

זיך דאָס לעבן. די בילדער פונם גוטן, שוואכן, קורצזיכטיקן, אינטעליגענטן, אויפריכטיקן, אַרבעטנדיקן און ליידנדיקן גוט־באַזיצער, פון זיין ראָמאַנטישער, ליבנדער פרוי, וועלכע ער פאַראידעאַליזירט און פון דער שיינער, געזונטער, הייסער און פאַרשייטער פויערטע, זענען מייסטער־ווערק. ס׳איז נאָר צו באַדויערן, וואָס טאָלסטאָי האָט אַריינגעלייגט אין דעם סוף פון דער דערציילונג מער מאָראַל, ווי אין דער איבערגעלעבטער דורך אים געשיכטע: ווייל ער האָט ווירקלעך איבערגעלעבט אַ פאָרפאַל ענלעך צו דעם.

„דאָס ליכט אַפילו אין דער פינצטער לייכט עס", אַ דראַמע אין פינף אַקטן, פאַרמאָגט אַ סך שוואַכע ערטער אין קינסטלערישן זין. נאָר ווער עס ווייסט די פאַרבאָרגענע טראַגעדיע פון טאָלסטאָיס עלטער ווערט פאַרכאַפּט פון דעם ווערק, אין וועלכן אונטער פאַרשידענע נעמען, טרעט אויף טאָלסטאָי און זיינע נאָענטע. ניקאָליי איוואַנאָוויטש סאַרינצעוו איז געקומען צו דער זעלבער איבערצייגונג, וואָס דער אויטאָר פון „וואָס־זשע דאַרפן מיר טון"? און פרווט אַדורכפירן זיינע אַנשויאונגען אין לעבן. נאָר מען דערלויבט עס אים נישט. די טרערן פון זיין פרוי (אויפריכטיקע צי געמאַכטע?) שטערן אים אַוועקצוואַרפן די זייניקע, ער בלייבט איבער אין דער היים, ווו ער לעבט אָרעם און פאַרנעמט זיך מיט סטאָליעריי. זיין פרוי און זיינע קינדער זעצן פאָר ווייטער צו לעבן אויפן ברייטן שטייגער און אָרדנען איין אויפנאַמעס. און כאָטש ער נעמט אין דעם אַלעמען נישט קיין אַנטייל, דאָך באַשולדיקט מען אים אין צביעות.

דאָך האָט זיין מאָראַלישע ווירקונג און ליכטיקע פערזענלעכקייט צוגעצויגן צו זיך פיל אַנהענגער און סתם אומגליקלעכע אַ גייסטליכער איבערצייגנדיק זיך אין דעם אמת פון טאָלסטאָיס

ערע פאַרלאָזט די קירכע, אַ יינגער מענטש פון אַ ...לעבאַטי-
שער פאַמיליע זאָגט זיך אָפּ פון דינען אין מיליטער און לאָזט זיך פאַרשיקן אין אויסבעסערונגס-באַטאַליאָן. און דער אָרימער סאַרינצעוו-טאָלסטאָי ווערט צעריסן פון די פאַרשידענע צווייפלען און ספקותן. צי האָט ער נישט קיין טעות? צי שיקט ער נישט די אַנדערע מענטשן אָן אַ שום נוצן אויף ליידן און אויף ליידן און אויף טויט? ענדלעך זעט ער נישט קיין אַנדער אויסוועג פון די ליידן, ווי צו ערלויבן זיך צו טויטן דורך דער מוטער פון דעם יינגל, וועלכן ער האָט נישט ווילנדיק אומגעבראַכט.

די זעלבע ווייטיקלעכע וידוי פון אַ מענטשן, וואָס ליידט שרעקלעך און האָט נישט קיין אויסוועג פון זיין לאַגע, טרעפן מיר נאָך אין אַ קורצינקער דערציילונג, וועלכע טאָלסטאָי האָט אָנגעשריבן אין דער לעצטער צייט פון זיין לעבן: „ס'איז נישטאָ קיין שולדיקע אויף דער וועלט" (סעפּטעמבער 1910).
עס ווערן דאָרט אַנטקעגנגעשטעלט רייכע לײדיקגייערס מיט אמתע פאַרהאָרעוועטע אָרימעלייט און נישט די ערשטע נישט די צווייטע באַמערקן דעם אומגעהייערן אומזין פון אַזאַ סאָציאַ-לער אָרדנונג.

צוויי טעאַטער-שטיק באַזיצן אַווירקלעכן ווערט: איין זאַך איז אַ קלײנע פֿויערשע פּיעסע געגן שכרות:
„אַלע אייגנשאַפטן קומען פון איר" (זעט אויס, פון יאָר 1910) די העלדן זענען זייער אינדיווידועל; זייערע טיפּישע כאַראַקטער-שטריכן און דער קאָמיזם פון זייער שפּראַך זענען אויסגעכאַפּט אויף אַ זייער אַמוזירנדיקן אופן. דער פויער, וואָס איז מוחל דעם גנב, וועלכער האָט אים באַגנבעט, איז איינציקאַרטיק הויך מיט זיין אומבאַוווּסטזיניקער מאָראַלישער האַנד-לונג און קאָמיש מיט זיין נאַאיווער אייגנליבע. די צווייטע

פּיעסע איז גאָר פון אַ אַנדער באַדייטונג, דאָס איז אַ דראַמע אין צוועלף בילדער: „דער לעבעדיקער מת", די דראַמע שילדערט מענטשן שוואַכע און גוטע נאָר וועלכע זענען געוואָרן זערדריקט דורך דער אומזיניקער סאָציאַלער אָרדנונג.

דער העלד פעדיא, איז אַ מענטש וואָס האָט זיך, אומגליקלעך געמאַכט דורך זיין אייגענער גוטקייט און דורך דעם מאָראַלישן געפיל, וואָס ליגט פאַרבאָרגן אונטער דעם אויסגעלאָסענעם לעבן, וואָס ער פירט: ווייל ער ליידט אויף אַ שרעקלעכן אופן פון דער אַלגעמיינער נידריקייט און פון זיין אייגענער געפאַלנקייט; נאָר ער האָט נישט די קראַפט צו ווירקן. ער האָט אַ פרוי, וועלכער ער האָט ליב; זי איז אַ שענע, אַ רויקע, אַ קלוגע, נאָר „אָן דער ראָזינקע". ווייסט, זאָגט פעדיא די ראָזינקע, וואָס מען טוט אַריין אין עפּעל-קוואַס, ער זאָל אָנהייבן שפּילן? — אין אונדז דער לעבן איז דאָס שפּילן נישט געווען. איך האָב געדאַרפט זיך פאַרגעסן. און אָן דער שפּיל ווערסטו זיך נישט פאַרגעסן".

„מיר אַלע אין דעם קרייז, אין וועלכן איך בין געבוירען, האָבן דריי אויסוואַלן, נאָר דריי: דינען, אָנקלייבן געלט און פאַרגרעסערן די מיאוסקייט, אין וועלכער דו לעבסט... דאָס איז מיר געווען עקלהאַפט, מעגלעך, אַז איך האָב עס נישט געקענט, נאָר איבערהויפּט איז עס מיר געווען עקלהאַפּט. דער צווייטער אויסוועג איז צו צעשטערן די מיאוסקייט; כדי דאָס צו טון דאַרף מען זיין אַ העד, און קיין העלד בין איך נישט אָדער דער דריטער אויסגאַנג: פאַרגעסן זיך — טרינקן, פאַרברענגען, זינגען — און דאָס לעצטע האָב איך טאַקע געטון און אַט האָב איך מיר דערזינגען..." (314)

און אויף אַן אַנדער אָרט:

„ווי אַזוי איך בין דערגאַנגען צו מיין אומגליק? ערשטנס

חיין. און געטרינקען האָב איך דעם ווין, נישט דערפאַר, ווייל ער איז געשמאַק נאָר דערפאַר, ווייל וואָס איך זאָל נישט האָבן געטון, האָב איך אַלץ געהאַט, דאָס געפיל, אַז דאָס איז נישט דאָס ריכטיקע, וואָס מען דאַרף טון, און איך האָב זיך געשעמט, אָט רעדט איך איצט מיט אייך און, איך שעם זיך. שוין אָפגערעדט, אַז צו זיין אַ דירעקטאָר און זיצן אין באַנק, איז אַזאַ בושה.. אַזאַ בושה.. אין נאָר דעמאָלט, ווען די טרינקסט אויס, הערסטו זיך אויף צו שעמען. און די מוזיק — נישט די אָפּערעס און נישט בעטהאָווען — נאָר די ציגיינער. די מוזיק גיסט דאָך אַריין אין דער נשמה אַזוי פיל לעבן און אַזוי פיל ענערגיע! און דאָ נאָך שענע שוואַרצע אויגן און אַ ליבע שמייכל. און וואָס מער עס באַצויבערט אייך אַלץ גרעסער איז דערנאָך די בושה". (315)

ער פאַרלאָזט זיין פרוי, ווייל ער פילט, אַז ער טוט איר שלעכטס און אַז זי אים, אין דער זעלבער צייט, טוט קיין גוטס נישט. ער לאָזט זי איבער אויף זיינעם חבר, וואָס האָט איר ליב און וואָס זי האָט אים אויך ליב, נישט מודה זייענדיק זיך אין דעם, און וועלכער איז ענלעך אויף אים. ער אַליין ווערט ערגעץ פאַרשוווּנדן; און אַלץ אָרדנט זיך איין, ענלעך אויפן געזעצן אופן: די צוויי אַנדערע זענען גליקלעך, ער אויך – אויף וויפל עס איז נאָר פאַר אים מעגלעך. נאָר די געזעלשאַפט דערלאָזט נישט קיינמאָל, אַז מען זאָל זיך באַגיין אָן איר צושטימונג; זי נויט פעדיאַן אָן אַ זין זיך צונעמען דאָס לעבן, אויב ער וויל נאָר נישט, אַז זיינע צוויי פריינד זאָלן ווערן פאַרמשפּט פאַר צווייטמאָל חתונה האָבן. — דאָס איז אַ וווּנדערלעך ווערק, אַ טיף רוסישעס, וועלכעס שילדערט די אַנטוויקלונג פון די בעסטע, נאָכדעם ווי עס זענען געוואָרן צו נישט די גרויסע האָפנונגען פון דער רעוואָלוציע — דאָס ווערק איז געשריבן פשוט, באַשיידן און אָן אַ שום אויפגעבלאָזנקייט. די

באַראַקטערן זענען אמת און לעבעדיק געשילדערט, אפילו ביי די צווייטראַנגיקע פּאַרשוינען: (די יינגע, אומגעדולדיקע און ליידנשאַפטלעכע שוועסטער מיט איר מאָראַלן קוק אויף ליבע און חתונה; די גוטע און מיטפילנדיקע פיגור פון דעם אָרנט-לעכן קאַרענין און זיין אַלטע מוטער, וועלכע איז כמעט אינ-גאַנצן באַשטאַנען פון אַריסטאָקראַטישע אַבערגלויבנס, אַ קאָנסער-וואַטיווע, הערשנדיקע נאָר מיטן מויל און אַ פשרהדיק-נאָכגעביקע אין אירע האַנדלונגען); האַרט ביז אין די שנעל-פאַרביילויפנדיקע סילועטן פון די ציגיינערס און אַדוואָקאַטן.

* *

*

איך האָב איבערגעלאָזט אין אַ זייט אייניקע ווערק, ווו די דאָגמאַטישע און מאָראַלישע טענדענץ האָט די אויבערהאַנט — כאָטש אפילו דאָ ווערט נישט פאַרטונקלט דער קלאָרער בליק פון טאָלסטאָי דעם פּסיכאָלאָג.

„דער פאַלשער קופּאָן"; אַ לאַנגע דערציילונג, כמעט אַ ראָמאַן ווי ענג עס זענען צוזאַמענגעבונדן אין לעבן אַלע אינ-דיווידועלע האַנדלונגען, ווי די גוטע, אַזוי די שלעכטע. אַ פאַלש-קייט, וואָס עס טוען אָפּ צוויי שילער, איז די סיבה פון אַ גאַנ-צער רייע פאַרברעכנס, איינער שרעקלעכער פונם אַנדערן, — ביז, ענדלעך, די הייליקע באַשיידנקייט פון אַ אָרעמער פרוי, וועלכע איז מוחל איר מערדער, ווירקט אויף דעם פאַרברעכער, און פון אים דערגייט די ווירקונג ביז די ערשטע שולדיקע פון דעם גאַנצן שלעכטס, וואָס איז אָפּגעטון געוואָרן — ביז די שילער, וועמענס זינד עס איז שוין איצט אויסגעקויפט דורך זייערע קרבנות. די טעמע איז גראַנדיעז, און איז גאָענט פון

אַן עפּאָפּעיע וואָס געקענט דערגרייכן איר העכסטן פּונקט נאָר אין אַ אַלטער גריכישער טראַגעדיע. נאָר די דערציילונג איז צו לאַנג, צו צעבראָקלט. אַזוי, אַז עס פאַרלירט זיך די גאַנצקייט; און נישט קוקנדיק אויף דער פּינקטלעכקייט פון די כאַראַקטער־שילדערונגען, זעגען אונדז דאָך אַלע פאַרשוינען כמעט גלייכגילטיק.

„קינדערשע חכמה" איז אַ סעריע פון איינאונצוואַנציק דיאַלאָגן, וועלכע ווערן געפירט צווישן קינדער, איבער אַלע וויכטיקע פראַגן: רעליגיע, קונסט, וויסנשאַפט, בילדונג, פאָטערלאַנד און א. וו. זיי זענען נישט אָן התלהבות, נאָר דער אופן אין וועלכן זיי ווערן געפירט, וואָס חזרט זיך איבער אַזויפיל מאָל, פאַרמאַטערט.

דער „יונגער קעניג", וואָס זעט אין חלום די אַלע אומגליקן, פון וועלכע ער איז די סבה, אַליין נישט ווילנדיק דאָס־איז צווישן די אַלע ווערק דאָס שוואַכסטע.

ענדלעך, וועל איך דערמאָנען נאָך אייניקע אָנגעוואָרפענע פראַגמענטן;

„צוויי וואַנדערער, „דער פאטער וואַסילי", „ווער זענען די מערדער"? און אַנדערע —

* * *

אין גאַנצן געבומען פאַרכאַפּן אונדז די ווערק, וואָס זענען דערשינען נאָך זיין טויט, מיט דער וווּנדערלעכער אינטעלעקטועלער ניכטערקייט, מיט וועלכער טאָלסטאָי האָט זיך אויסגעצייכנט ביז אין לעצטן טאָג פון זיין לעבן (316). עס קען זיך אונדז אויסדאַכטן, אַז ער רעדט צופיל, נאָר דעמאָלט ווען ער זאָגט אַרויס זיינע סאָציאַלע אידעען; נאָר יעדעס מאָל ווען פאַר זיינע אויגן טויכט אויף דער טאַט, דער לעבעדיקער בער־

סאָנאַזש, אַזוי פאַרשווונדט באַלד דער טרוימער פונם אַלמענטשלעכן גליק און עס בלייבט איבער נאָר דער קינסטלער מיט דעם שאַרפן בליק פון אַ אָדלער, וואָס קוקט אייך גלייך אין האַרץ. אָט די אַלאַרמענדיקע קלאָרקייט פון בליק, האָט ער קיינמאָל נישט פאַרלוירן, די איינציקע שוואַכקייט זיינע, וואָס איך האָב יאָ באַמערקט, איז נאָר אין דער שילדערונג פון ליידנשאַפטן. מיט אויסנאַם פון איינציקע קורצע מאָמענטן, האָט מען דעם איינדרוק, אַז זיינע ווערק זענען שוין נישט מער פאַר אים דער עיקר פון זיין לעבן; זיי זענען אָדער אַ נויטיקער צייט-פאַרטרייב, אָדער אַ מיטל צו ווירקן. נאָר אָט דאָס ווירקן, וואָס איז געוואָרן זיין ציל, איז שוין נישט מער קיין קונסט, ווען ער ווערט אַמאָל פאַרכאַפּט פון אַ ליידנשאַפטלעכע אילוזיע, דאַכט זיך שוין אויס, אַז ער אַליין פאַרשעמט זיך דערפון, ער רייסט איבער די אילוזיע, אָדער גאָר ער הערט אויף אינגאַנצן צו שרייבן דאָס ווערק, וועלכעס דראָט איבערצוהאַקן די קייט, וואָס בינדט אים נאָך צו דער קונסט, ווי עס איז פאַרגעקומען מיטן „טאָג-בוך פונם אַלטן קוזמיטש". דער איינציקער ביישפּיל פון אַ גרויסן קינסטלער, אין דער פולער צעבליאונג פון זיין שאַפנדיקער קראַפט, וועלכער ווערט געפייניקט פון אָט דער קראַפט, קעמפט מיט איר און ברענגט זי ענדלעך אַ קרבן פאַר זיין גאָט.

ר. ר.

אפריל 1913

באמערקונגען

1) מיטן אויסנאַם פון אייניקע הפסקות, פון וועלכע איינע האָט זיך געצויגן באַזונדערס לאַנג, פון 1865 ביז 1878.

2) דורך זיין אויסגעצייכנטער ביאָגראַפיע פון ל. טאָלסטאָי „דאָס לעבן און שאַפן; מעמואַרן, זכרונות, בריוו, אויסצוגן פונם טאָג-בוך, באַמערקונגען און ביאָגראַפישע דאָקומענטן” געזאַמלט און צונויפגעשטעלט פון פ. בירוקאָוו און איבערגעקוקט דורך טאָלסטאָיען אַליין. דאָס איז די וויכטיקסטע זאַמלונג דאָקומענטן פון טאָלסטאָיס לעבן און שאַפן. איך האָב אַ סך פון זיי גענומען.

3) ער האָט אויך אַנטייל גענומען אין די נאַפּאָלעאָנישע שלאַכטן און איז געווען אין פראַנקרייך אַלס געפאַנגענער פון יאָר 1815—1814.

4) „מיין קינדהייט” קאַפּ. II

5) „מיין קינדהייט” קאַפּ. XXVII

7) יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ איז אַ קליין דערפל צו דרום זייט פון מאָסקווע, באָענט פון טולא „אין איינער פון די עכטסטע רוסישע גובערניעס. די צוויי גרויסע רייכטימער פון רוסלאַנד -- זאָגט ה. לערוא באָליע — די וועלדער און גרויסע שטחים באַארבעטע ערד קומען דאָרט אין באַרירונג און מישן זיך אויס מיטאיינאַנדער. אין דער געגנט איז נישט צו באַגעגענען נישט קיין פינלענדער, נישט קיין טאַטאַרן, נישט קיין פּאָליאַקן, נישט קיין

יידן און נישט קיין קליין-רוסן. די גאַנצע טולאַ געפינט זיך אין סאַמע האַרץ פון רוסלאַנד" (A. Leroy Beanlien: Leon Tolstoï Keoule de Deux Mondes, 15 déc. 1910)

8) טאָלסטאָי האָט איבּ געשילדערט אין „אננא קאַרעניגא" אין געשטאַלט פון לעווינס ברודער.

9) ער האָט אָנגעשריבן: „דער טאָג-בוך פון אַ יעגער".

10) אין דער אמתן איז זי געווען אַ ווייטע קרובה, האָט ליב געהאַט טאָלסטאָיס פאָטער און איז געווען דורך אים געליבט; נאָר פּונקט ווי סאָניע אין „מלחמה און שלום", האָט זי אויפגעאָפּפערט איר פּערזענלעך גליק.

11) „מיין קינדהייט" קאַפּ. XII

12) צי פאַרזיכערט ער דען נישט אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע באַמערקונגען (פון 1878) אַז ער געדענקט די איינדריקן, וואָס ער האָט געהאַט נאָך באַדנדיק זיך אין אַ מולטער, און די איינדריקן בשעת מען האָט אים געוויקלט! (זע „די ערשטע זכרונות").

13) „די ערשטע זכרונות".

14) פון 1842 ביז 1847.

15) ניקאָליי, וועלכער איז עלטער געווען פון טאָלסטאָיען מיט פינף יאָר, האָט פאַרענדיקט זיין שטודיום נאָך אין יאָר 1844.

16) „אינם מעטאַפיזישן דענקען האָב איך ליב געהאַט די מינוט, ווען די געדאַנקען, ווערנדיק אַלץ מער און מער אבסטראַקטער, דערגרייכן ביז אין דער שטופע פון פאַרנעפּלטקייט, אַז... ווילנדיק זאָגן דאָס, וואָס דו קלערסט, זאָגסטו גאָר עפּעס אַנדערש (בגרות קאַפּ. XXVII)

17) בגרות קאַפּ. XIX.

18) איבערהויפּט אין זיינע ערשטע ווערק, איז די סעוואַסטאָפּאָלער דערציילונגען.

19) ס'איז געווען די צייט, ווען ער האָט געלייענט וואלטערן און געפינען אין דעם א פארגעניגן (מיין ודוי I).

20) „מיין ודוי" I,

21) „די יוגנט" III.

22) אין מערץ-אַפּריל פון יאָר 1847.

23) „דאָס אַלץ, וואָס דער מענטש טוט, טוט ער צוליב אייגנ-ליבע" זאָגט נעכליודאָוו אין בגרות (קאפּ. XXVI), אין יאָר 1853 באַמערקט טאָלסטאָי אין זיין טאָג-בוך: איך פאַרמאָג נישט קיין באַשיידנקייט, און דאָס איז מיין גרעסטער פעלער... דאַגעגן פאַרמאָג איך אַזויפיל אייגנליבע אין זיך, אַז איך האָב מורא איך זאָל נישט אויסקלויבן צווישן כבוד און ערלעכקייט דאָס ערשטע אויב מיר וואָלט אויסגעקומען אויסצוקלייבן צווישן זיי. (בירוקאָוו באַנד I קאפּ. VII).

24) „איך וואָלט וועלן אַז אַלע זאָלן מיר קענען און אַלע זאָלן מיר ליבן. איך וואָלט וועלן, אַז ווי נאָר איך וועל אַרויס-זאָגן מיין נאָמען, — זאָלן אַלע בלייבן פאַרוואונדערט, מיר אַרומ-רינגלען און מיר דאַנקען פאַר עפּעס". (די יוגנט קאפּ. III).

25) לויט אַ בריוו פון יאָר 1848, ווען טאָלסטאָי איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר.

26) „איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, אַז פאַר אַ מענטשן מיט אַזאַ ברייטער נאָז, גראָבע ליפּן און קליינע גרויע אויגן, ווי מיינע, איז קיין גליק אויף דער וועלט נישטאָ" (מיין קינדהייט קאפּ. XVI). אויף אַ צווייט אָרט ערגערט ער זיך, וואָס „זיין פּנים איז אָן אַ שום אויסדרוק... אַלע שטריכן זענען ווייכע, פוילע, אומבאַשטימטע. אפילו קיין שום איידעלע אָפּשטאַמונג זעט זיך נישט אין דעם, דאַגעגן זעט עס שוין אויס פיל ענ-לעכער צו פּנימער פון די פּשוטע פויערים, אפילו די הענט און די פיס זיינע זענען אויך אַזוי גרויס און משונהדיק, ווי

בײַ זײ״ (די יוגנט קאַפּ. I).

27) •די מענטשן האָב איך אײַנגעטײלט דעמאָלט אין דרײַ קאַטעגאָריעס: אין מענטשן comme il fant ... אין מענטשן וואָס זענען נישט comme il fant און — המון. די ערשטע האָב איך געאַכטעט, די צווייטע האָב איך מיר געפּאַכט אַז איך פאַראַכטע זײ, נאָר אין דער אמתן האָב איך זײ אַפילו לײדן נישט געקענט... די דריטע האָבן פאַר מיר נישט עקזיסטירט״, (די יוגנט קאַפּ. XXXI).

28) באַזונדערס אין דער צײַט פון זײַן אויפהאַלטן זיך אין פעטערבורג, אין יאָר 1847-8.

29) בגרות קאַפּ. XXVII.

30) אַ שמועס מיט פּאָל בואיע (Le Temps 28 oront 1901)

31) נעכליודאָוו באַגעגנט זיך אויך אין „בגרות״, אין „יוגנט״, אין דער „באַגעגעניש אין קאַמפּאַניע״ (1856), אינם „טאָג-בוך פון מאַרקער״ (1856), אין „לוצערן״ (1857) און אין „תחית־המתים״ (1899). מען דאַרף באַמערקן, אַז דעם נאָמען טראָגן פאַרשידענע העלדן, טאָלסטאָי פלײסט זיך נישט אויסצו־האַלטן דעם זעלבן אויסערלעכן אויסזען פון נעכליודאָוון און נעכליודאָוו שיסט זיך אינם סוף פון דעם „טאָג-בוך פון מאַרקער״. נעכליודאָוו שטעלט מיט זיך פאָר פאַרשידענע פאַרקערפּערונגען פונם גוטן און שלעכטן, וואָס אין טאָלסטאָיען.

32) „אַ פרימאָרגן פון אַ גוטבאַזיצער״.

33) אָנגעשריבן אין דער זעלבער צײַט, וואָס „די קינדהײט״.

34) דעם 11 יולי 1851 אין דער פעסטונג כטאַרי-יורט אויף קאַווקאַז.

35) אַ בריוו צו דער מאַמע טאַטיאַנאַ פון יאַנואַר 1852.

37) אַ בילד פון יאָר 1851 ווײַזט אַרויס שוין אַ געוויסע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין זײַן נשמה, דער קאָפּ איז אויפגע־

הויבן; דאָס פּנים — שײַנענדיקער; די אויגן־לעכער נישט
אַזוי פינצטער; דער בליק פאַרמאָגט נאָך די זעלבע שטרענג־
קייט. דער אויסדרוק פון די האַלב־אָפענע ליפּן — אַ טרויעריקער.
עס באַמערקט זיך נאָך אַלץ אין אים דער שטאָלץ און אומצו־
טרוי, נאָר אויך אַ סך יוגנטלעכע פרישקייט.
38) די בריוו, וועלכע ער האָט געשריבן דעמאָלט צו דער מו־
מע טאַטיאַנאַ, זענען פול מיט לירישע אויסגיסונגען און טרערן־
ער רופט זיך אַליין דער וויינענדיקער לעוו.
39) „אַ פרימאָרגן פון א גוט־באַזיצער" איז אַ פראַגמענט פון
א פּראָיעקטירקן „ראָמאַן פון אַ רוסישן גוט־באַזיצער" „די קאָ־
זאַקן" זענען די ערשטע טייל פון אַ גרויסן קאַווקאַזער ראָמאַן'
און דער גרענעצלאָזער ראָמאַן „מלחמה און שלום" איז, לויטן
אויטאָר, נישט מער ווי אַן אַרײַנפיר אין אַ הײַנטיקער עפּאָפּייע׳
דער צענטער פון וועלכער עס זאָלן זיין די דעקאַבריסטן.
40) דער קריפּל גרישאַ, אָדער דער טויט פון דער מוטער.
41) אין אַ בריוו צו פּ. בירוקאָוו.
42) פאַרענדיקט ערשט אין יאָר 1856—1855.
43) „צוויי זקנים" (1855).
44) „דער אָנפאַל" קאַפּ. I
45) דאָרט, קאַפּ. X
46) דאָרט. קאַפּ. VI
47) כאָטש זיי זענען פאַרענדיקט געוואָרן פיל שפּעטער אין
יאָר 1860 אין היער (Hyères). דאָך געהער דער קערן פון דעם
ווערק צו דעם פּעריאָד. (געדרוקט זענען זיי געוואָרן ערשט
אין יאָר 1863).
48) „די קאָזאַקן" קאַפּ. II
49) „ס׳קען זיין" — זאָגט אָלענין, וועלכער איז פאַרליבט
אין אַ יינגער קאָזאַקין — אַז איך האָב ליב אין איר די נאַ־

טור... ליבנדיק זי, פיל איך זיך ווי א טייל פון דער גאַנצער וועלט" אַפט פאַרגלייכט ער די פרוי, וועלכע ער ליבט, מיט דער נאַטור: „זי איז ווי די נאַטור אַליין פשוט, רויק און שווייגנדיק". אויף אַן אַנדער אַרט שטעלט אַלענין אַנטקעגן דאָס אויסזעען פון די ווייטע בערג מיט אָט דער „שטאָלצער פרוי". (אין דעם בריוו פון אַלענינען קיין רוסלאַנד).

50) זע די בריוו פון אַלענינען צו זיינע פריינט אין רוסלאַנד.

51) דער טאָג-בוך.

52) דער אופן פון שרייבן באַגעגנט זיך אויך אין „דאָס האַקן אין וואַלד", וואָס איז פאַרענדיקט געוואָרן אין דער זעלבער צייט, צום ביישפיל: ס'זענען דאָ דריי סאָרטן פון ליבע 1) אַן עפּטעטישע, 2) אויפאָפּפערנדיקע און 3) אַקטיווע א. א. וו. (יוגנט קאַפּ. XXIV) אָדער: ס'זענען פאַראַן דריי טיפּן זעלנער: 1) הכנעהדיקע, 2) אַזעלכע, וואָס האָבן ליב צו הערשן און 3) אַזעלכע וואָס האָבן זיך ליב צו באַרימען. די ווידער קען מען איינטיילן אין הכנעהדיקע, וואָס זענען שטענדיק קאַלטבלוטיק און הכנעהדיקע, וואָס האָבן ליב צו טומלען" און א. וו. (דאָס האַקן אין וואַלד קאַפּ. II).

53) „די יוגנט" קאַפּ. XXXII.

54) וועלכע איז אַזעקגעשיקט געוואָרן אין זשורנאַל „סאָוורע-מעניק", ווו זי איז באַלד פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

55) צו דער פראַגע האָט זיך טאָלסטאָי אומגעקערט פיל שפּע-טער אין די שמועסן מיט זיין פריינט טענעראָמאָ. ער גיט אים איבער, ווי ער האָט אַמאָל אין אַ נאַכט, ליגנדיק אין דער קאָמפּאַניע, דורכגעלעבט אַ געוואַלדיקע שרעק.

56) אַ ביסל שפּעטער מאַכט אים דרוזשינין חדמש אויפמערק-זאַם אויף דער סכנה: „איר האָט אַן אויסערגעוויינלעכע ניי-גונג צו אַנאַליזירן, וואָס קען זיך נאָך צעוואַקסן אין אַ גרויסן

פעלער. איר דאַרפט זיך פלייסן איינציוצוימען אַט די נייגונג, נאָר דערשטיקן זי אינגאַנצן — קיינמאָל אין דער וועלט נישט״ (אַ בריוו פון יאָר 1856, ציטירט דורך פּ. בירוקאָוו).

57) סעוואַסטאָפּאָל אין מאַי 1855 קאַפּ. XII.

58) די צענזור האָט זיי אויסגעשטראָכן.

59) דעם 2 סעפטעמבער 1855 (בירוקאָוו, ב. I קאַפּ. VIII).

60) „ער האָט פאַרמאָגט איינע פון די אייגנליבעס, וואָס גיבן זיך אַזוי שטאַרק צונויף מיטן לעבן,... אַז ער האָט גאָר אַנדערש נישט געקענט פאַרשטיין: זיין דער ערשטער, אָדער אינגאַנצן נישט זיין... ער אַליין האָט ליב געהאַט אויסצוגעפינען זיך העכער פון די מענטשן, מיט וועלכע ער האָט זיך פאַרגלייכט״.

61) יאָר 1889, אין זיין פאָרוואָרט צו די „עראינערונגען פון אַן אַרטילעריע-אָפיציר וועגן סעוואַסטאָפּאָל״ פון א. ווערשאָוו קערט זיך אום טאָלסטאָי אין געדאַנק צוריק צו יענע בילדער. דאָס גאַנצע העלדישע, וואָס אין זיי, איז ווי פאַרשוווּנדן. ער געדענקט נאָר די געוואַלדיקע מאָראַלישע פיין און די שרעק, וואָס האָט זיך געצויגן זיבן חדשים, די דאָפּלטע שרעק: פאַרן טויט און פאַר דער בושה, דער זין פון אַלע נצחונות ווערט ביי אים צוגעפירט צו איינאונאיינציקער זאַך: צושטעלן פלייש פאַר די האַרמאַטן.

Suarés: Tolstoï, edit, de l'Union pour l.Action moral, 1899 (62 (צום צווייטן מאָל אַרויסגעגעבן אונטערן נאָמען: Tolstoï vivant

63) אין אַ שמועס קלאָגט זיך טורגעניעוו אויף דעם באַרישן שטאָלץ פון טאָלסטאָיען מיט זיין יחוס און אויף זיין פוסטער גאווה פון אַ יונקער.

64) ס'איז אייגנטלעך מיינער אַ כאַראַקטער-שטריך — צי ער איז אַ גוטער, צי אַ שלעכטער — וואָס איך האָב זיך שטענדיק

אנטקעגן געשטעלט די עפידעמישע השפעות פון דרויסן.

65) טירגעניעוו.

66) גריגאראוויטש: ליטעראַרישע זכרונות.

67) יעווגעניִן גאַרשין: „זכרונות וועגן טורגעניעוו 1883.

68) די שאַרפסטע סצענע איז פאָרגעקומען צווישן זיי אין יאָר 1861, און האָט דערפירט דערצו, אַז זיי האָבן זיך פּאָל־קאָם צוקריגט. טורגעניעוו האָט דערציילט פון דער פילאַנ־טראָפישער טעטיקייט פון זיין טאָכטער. און טאָלסטאָיען האָט קיין שום זאַך נישט אַזוי אויפגערעגט, ווי די סאַלאָן־פילאַנ־טראָפיע.

69) „און מיין מיינונג איז — האָט זיך אָנגערופן טאָלסטאָי — אַז אַן אויסגעפוצט מיידל, וואָס האַלט אויף איהר שויס בלאָטיקע און שטינקענדיקע שמאַטעס, שפילט זייער פאַלש איר ראָל" טורגעניעוו האָט זיך שוין מער נישט געקענט איינהאַלטן און געדראָט טאָלסטאָיען מיט פּאַטשן. טאָלסטאָי האָט געפאָדערט אַ באַפרידיקונג און פאָרגעלעגט זיך צו דועלירן מיט ביקסן. נאָר טורגעניעוו האָט באַלד חרטה באַקומען אויף זיין היציקייט און און האָט אַוועקגעשיקט טאָלסטאָיען אַ בריוו פון פאַרצייאונג. טאָלסטאָי אָבער האָט נישט געוואָלט מוחל זיין. ערשט אין צוואָנציק יאָר אַרום, אין יאָר 1878, ווי מיר וועלן זען שפּע־טער, בעט פאַרצייאונג שוין טאָלסטאָי אַליין, וועלכער פאַראור־טיילט זיין פריערדיק לעבן און בויגט איין מיט צופרידנהייט זיין שטאָלץ פאַר גאָט.

70) „מיין ודוי" קאַפּ. II

71) „... ס'איז נישט געווען קיין שום אונטערשיד צווישן אונדז און צווישן אַ משוגעים־הויז; צו יענער צייט האָב איך עס קוים־קוים חושד געווען און נאָר ווי אַלע משוגעים, האָב איך יעדן געהאַלטן פאַר משוגע, אויסער זיך אַליין" (דאָרט)

72) „מיין ודוי".

73) אין משך פון דער רייזע האָט זיך טאָלסטאָי באַקענט מיט אַאורבאַכן, וועלכער האָט אים דער ערשטער אַרויפגעפירט אויפן געדאַנק צו אַרבעטן פאַר דער פאָלקס־בילדונג; אין קעניגסבערג מיט פרעבעלן; אין לאָנדאָן מיט געצענען; אין ברױסעל מיט פּרודאָנען, וועלכער האָט אים, דאַכט זיך, שטאַרק פאַרווּנדערט.

74) די דערציאונג און בילדונג.

75) די טעאָריעס האָט טאָלסטאָי פאַרעפנטלעכט אין זשורנאַל „יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ", אין יאָר 1862.

76) באַנד IV פון אַלע זיינע ווערק.

77) באַנד V פון אַלע ווערק.

78) באַנד VI פון אַלע ווערק.

79) אין זיין רעדע האָט ער באַרירט די פראַגע וועגן דער גרעסערער וויכטיקייט פון דעם קינסטלערשן עלעמענט אין דער ליטעראַטור איבער די אַלע איצטיקע שטרעמונגען. (פ. בירקאָוו ב. I קאַפּ. XI).

80) ער האָט אַנטקעגנגעשטעלט טאָלסטאָיען זיין אייגענעם ביישפיל — דאָס בילד פונם אַלטן פורמאַן אין די „דריי טויטן".

81) מען דאַרף באַמערקן, אַז אויך דער צווייטער ברודער, דימיטרי, איז געשטאָרבן פון שווינדזוכט אין יאָר 1856. אין די יאָרן 1856, 1862, 1871 האָט טאָלסטאָי געקלערט, אַז אויך ער האָט שוין באַקומען די זעלבע שלאַפקייט. ער האָט געהאַט ווי ער שרייבט דעם 28 סעפּט. 1852, אַ פעסטן קערפּער־געבוי. נאָר אָפט זיך געפילט נישט געזונט: אַלעמאָל זיך צוגעקילט געליטן פון האַלדז, פון ציין־ווייטיק און פון רעוומאַטיזם. זייענדיק אין קאַווקאַז, איז ער געוועזן געצווינגט צומווייניקסטנס צוויי

טעג אין וואָך נישט אַרויסגיין פון שטוב. אין יאָר 1854 האָט אים די שלאַפקייט פאַרהאַלטן אַ פּאָר חדשים אויפן וועג פון סיליסטרי קיין סעוואַסטאָפּאָל. אין יאָר 1856 איז ער ערנסט קראַנק געוואָרן אויף די לונגען אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, אין יאָר 1862, שרעקנדיק זיך פאַר שווינדזוכט, פאָרט ער אויף קומיס צו די באַשקירן אין דער סאַמאַרער גובערניע און נאָך 1870 קומט ער אַהין כמעט יעדן יאָר. זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט פעטן איז פול מיט זאָרגן פאַרן געזונט. דער צושטאַנד דערפעטן דערקלערט אַ סך אין דעם אָפטן ווענדן זיך פון טאָלסטאָיס געדאַנק צום טויט. שפּעטער האָט ער גערעדט פונם טויט, ווי פון זיין בעסטן פריינט:

וועו מען איז שלאַף, דאַכט זיך, ווי מען האָלט זיך אַראָפּגעלאָזט פון נישט קיין גרויסן באַרג-אַראָפּ, וועלכער איז אויף אַ געוויס אָרט איבערגעצוימט מיט אַ פאָרהאַנג, מיט א דינינקען געוועב; אויף דער זייט — דאָס לעבן, אויף דער צווייטער — דער טויט, און מאָראַלישן זין שטייט דער צושטאַנד פון שלאָף זיין פיל העכער, פונם געזונט. רעדט מיר נישט פון מענטשן, וואָס זענען קיינמאָל נישט שלאָף געוועו, זיי זענען שרעקלעך, איבערהויפּט — די פרויען. אַ געזונטע פרוי — איז אַ אמתע חיה"; (די שמועסן מיט פ. בואַיע, le Temps פונם 27 אויגוסט 1901).

82) אַ בריוו צו פעטן פונם 17-טן אָקטאָבער 1860.

83) אָנגעשריבן אין בריסעל אין 1861.

74) אַ צווייטע באַוועלע פון דער צייט, איז אַ פּשוטע דערציילונג פונ'ם וועג, וועלכע איז פול מיט פערזענלעכע איבערלעבענישן, „דער שניי-שטורם" (1856), צייכנט זיך אויס מיט דער גרויסער צאָל פּאָעטישע, כמעט מוזיקאַלישע איינדריקן. שפּעטער

האָט טאָלסטאָי, טײלװײז, גענומען פֿון דער דערצײלונג די ראם פאַר זײַנע אַ צװײטער זאַך „דער באַלעבאָס און דער אַר־בעטער".

85) באַנד V פֿון אַלע זײַנע װערק.

86) זײַענדיק אַ קינד האָט ער אַ מאָל אין אַ מינוט פֿון שטאַרקער אײַפֿערזוכט אַראָפּגעװאָרפֿן פֿון באַלקאָן זײַן קלײנע בײַניעריקע חברטע, די שפּעטערדיקע מ. בערס; דאָס מײדעלע האָט לאַנג געהינקן צוליב דעם.

זע אין „פֿאַמיליען־גליק" די דערקלערונג פֿון סערגײ מי־כאַילאָװיטש: „שטעלט זיך פֿאָר אײנעם אַ הער A, לאָמיר זאָגן, אַ אַלטן, אָפּגעלעבטן, און אײנע אַ פֿרוי B, אַ ייִנגע, אַ גליקלעכע, װעלכע האָט נאָך נישט געזעען קײן מענטשן און קען נאָך נישט דאָס לעבן און צוליב פֿאַרשידענע פֿאַמיליען־אַנגעלעגנהײטן האָט ער זי ליב באַקומען װי אַ טאָכטער, און מורא געהאַט זי אַנדערש ליב צו האָבן..." ט. I, קאַפּ. IV

עס קען זײַן, אַז אין דעם װערק, זענען פֿאַראַן עריִנע־רונגען פֿון אַ ראָמאַן, װעלכן טאָלסטאָי האָט פֿאַרפֿירט אין יאָר 1856 אין מאָסקװע מיט אַ ייִנג, װעלטלעך מײדל, װעלכע איז געװען זײער אַ לײַכטזיניקע און אינגאַנצן נישט ענלעך צו אים; ענדלעך האָבן זײ זיך צעשײדט, כאָטש זײ האָבן זיך אויף אמת פֿאַרליבט אײנער אינם אַנדערן.

87) פֿון יאָר 1857 ביז אין יאָר 1861.

88) דער טאָג־בוך, אָקטאָבער 1857, (פּ. בירקאָװ ב. I קאַפּ. XI)

89) אַ בריװ צו פֿעטן פֿון יאָר 1863.

90) „מײַן ודוי" קאַפּ. III.

91) „דאָס פֿאַמיליען־גליק האָט מיר אינגאַנצן אײַנגעשלונגען, (5 יאַנואַר 1863) „מיר איז אַזױ גוט, אַזױ גוט, איך האָב איר

אזוי ליב". (8־טן פעברואַר 1863 פ. בירקאָוו ב. II קאַפּ. I).

92) זי האָט אָנגעשריבן עטלעכע דערציילונגען.

93) מען זאָגט, אַז זי האָט 7 מאָל איבערגעשריבן „מלחמה און שלום".

94) באַלד נאָך דער חתונה האָט טאָלסטאָי איבערגעריסן מיט די פּעדאַגאָגישע אַרבעטן, שול־טעטיקייט און מיטן זשורנאַל.

95) פּונקט ווי איר שוועסטער טאַטיאַנאַ, נישט קיין באַרישע און באַשאָנקע מיט אַ קינסטלערשן חוש. טאָלסטאָי האָט ליב געהאַט איר פאַרשטאַנד און איר מוזיקאַלישן טאַלענט. איך האָב גענומען טאַניען, זאָגט ער, „זי איבערגעמאָלט מיט סאָניען איז אַרויס נאַטאַשאַ". (פּ. בירקאָוו ב. II קאַפּ. II).

96) דאָס לעבן פון דאָלין אינם אַלטן דאָרפישן הויז; דאָלי און די קינדער; אַ סך איינצלהייטן, וואָס האָבן אַ שייכות צום טואַלעט; שוין נישט רעדנדיק וועגן אייניקע סודות פון דער פּרוואַישער נשמה, וועלכע כדי צו באַקענען זיך מיט זיי איז ווייניק אַפילו אַ גענינאַלע אינטויציע, אויב עס וועט זיי נישט אויפגעבן די פרוי אַליין.

97) אַ כאַראַקטעריסטישער סימן פון דעם דרוק וואָס האָט געהאַט אויף טאָלסטאָי'ס פאַרשטאַנד זיין אויפוואַכנדיקער געניע פון שאַפן, איז דאָס איבעררייסן פונם „טאָג־בוך" פונם 1־טן נאָוועמבער 1865, אין סאַמע ברען פון זיין שרייבן „מלחמה און שלום". דער עגאָאיזם פונם קינסטלער מאַכט שווייגן דאָס איינזאַמע קול פון געוויסן. האַנט־ביי־האַנט מיט דעם פעריאָד פון פיזישער אויפלעבונג. טאָלסטאָי איז משוגע געוואָרן פון יעגעריי „ווען איך בין אויף געיעג פאַרגעס איך"... (וועגן דיר — אַ בריוו פון יאָר 1864). אויף איינעם פון די געיעגן האָט ער זיך צעבראָכן אַ האַנט, אין די ערשטע טיילן פון „מלחמה און

שלום" האָט ער דיקטירט, קומענדיק צו זיך. „ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון דעם שכרות, האָב איך מיר געזאָגט, אַז איך בין אַ קינסטלער, נאָר אַ קינסטלער און אַ־ינזאַמער"... (אַ בריוו צו פעטן פונם 23 יאַנואַר 1865), אַלע בריוו צו פעטן פון דער צייט אָטעמען מיט שאַפנדיקער פרייד. „דאָס אַלץ וואָס איך האָב פריער געדרוקט — זאָגט ער — האַלט איך אַליין נאָר פאַר אַ פּרובע־פּרעווע, נישט מער" (פּ. בירקאָוו ב. II קאַפּ. II).

98) אין דער צאָל פון ווערק, וואָס האָבן געהאַט אויף אים אַן השפּעה אין דער עלטער פון 25 ביז 30 יאָר, פאַרצייכנט ער:

„געטהע: הערמאַן און דאָראָטעאַ — זייער אַ שטאַרקע ווירקונג". (פּ. בירוקאָוו ב. I קאַפּ. IX)

אין יוני 1863 פאַרשרייבט ער אין טאָג־בוך: „איך לייען געטהען און די געדאַנקען טוישען זיך" (ב. II קאַפּ. I) אין פרילונג 1875 לייענט טאָלסטאָי איבער געטהען און רופט אָן פאַאוסטן „די פּאָעזיע פון געדאַנק, די פּאָעזיע, וואָס דריקט אויס אַ זאַכעס, וואָס קיין שום אַנדערע קונסט וואָלט נישט געקענט אויסדריקן".

שפּעטער איז ער מקריב געטהען פונקט ווי שעקספּירן, אַלס אַ קרבן פאַר זיין גאָט. נאָר זיין פאַרווּנדערונג פאַר האָמערן בלייבט אַלץ די זעלבע. אין אויגוסט 1857 לייענט ער מיט דעם זעלבן ברען די עוואַנגעליע און האָמערן. אין איינעם פון זיינע לעצטע ביכער, אינם פּאַמפלעט געגן שעקספּירן (1903), שטעלט ער דעם לעצטן אַנטקעגן האָמערן, אַלס אַ מאָדעל פון אויפריכטיקייט אין אמתער קונסט.

99) די ערשטע צוויי טיילן פון „מלחמה און שלום" זענען דערשינען אין יאָר 1866—1875 אונטער דעם נאָמען „דאָס יאָר 1863".

100) טאָלסטאָי האָט אָנגעהויבן זיין ווערק אין יאָר 1863 פון די דעקאַבריסטן, פון וועלכע ער האָט אָנגעשריבן דריי פראַגמענטן. נאָר זעענדיק, אַז די יסודות פון דעם ווערק זענען נישט פעסט, האָט ער זיך אָנגעהויבן ווייטער צו פאַרטיפן און איז דערגאַנגען ביז דער עפּאָכע פון די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות און האָט אָנגעשריבן „מלחמה און שלום". דאָס דריקן פון דעם ווערק האָט זיך אָנגעהויבן אין יאַנואַר 1865, אין „רוסקי וויעסטניק". דער זעקסטער באַנד איז פאַרענדיקט געוואָרן אין הערבסט 1869. דערפאָלט האָט טאָלסטאָי זיך פון ס'ניי איבערגעגעבן דעם שטודיום פון געשיכטע און געקלערט אָנצושרייבן אַן עפּישן ראָמאַן פון פעטער דעם גרויסן; דערנאָך אַ צווייטן: מיראָוויטש, וועגן דער הערשאַפט פון די קעניגינס אין XXII יאָר הונדערט און זייערע פאַוואָריטן, ער האָט געאַרבעט אויף דעם פון יאָר 1870 ביז 1873, אַרומרינגלדיק זיך מיט דאָקומענטן און אָנוואַרפנדיק פאַרשידענע סצענעס. נאָר די הערלעכקייט פון אַ ראָמאַן־ליסט האָט אים געבייט זיך אָפּצוזאָגן פון דער אַרבעט: ער האָט אַנערקענט, אַז אים וועט זיך קיינמאָל נישט איינגעבן פינקטלעך איבערצוגעבן דעם גייסט פון יענער ווייטער עפּאָכע.

שפּעטער, אין יאַנואַר 1876, האָט זיך ווידער דערוועקט אין אים אַ געדאַנק וועגן אַ ראָמאַן, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען די עפּאָכע פון ניקאָליי דעם I; דערנאָך האָט ער זיך פון ס'ניי אַ נעם געטון מיט חשק פאַר די דעקאַבריסטן, אין יאָר 1877, ער האָט געזאַמלט זכרונות פון לעבעדיקע עדות און באַזוכט די ערטער, וווּ עס זענען פאָרגעקומען די אויפשטאַנדן. אין יאָר 1878 שרייבט ער צו זיין מומען, די גרעפין א. א. טאָלסטאָי: „די זאַך איז פאַר מיר אַזוי וויכטיק, אַז... איר קענט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן ווי ווייט וויכטיק דאָס איז: אַזוי וויכטיק, ווי וויכטיק עס איז פאַר אייך אייער גלויבן, נאָך וויכטיקער,

ווילט זיך מיר זאָגן". נאָר טאָלסטאָי; וואָס מער ער האָט
זיך פאַרטיפט אין סיוזשעט, אַלץ מער האָט ער זיך דערווייטערט
פון אים: זיין געדאַנק האָט שוין נישט אַנטייל גענומען אין
דער אַרבעט. שוין דעם 17 אַפּריל 1879 שרייבט ער צו פעטן:
„מיינע דעקאַבריסטן — גאָט ווייסט ווו זיי זענען איצט, איך
קלער אפילו נישט פון זיי, און ווען איך וואָלט פון זיי יאָ גע-
קלערט און געשריבן, חנפה איך מיר מיט דער האָפנונג, אַז
מיין גייסט וואָלט געווען אומערטרעגלעך פאַר די, וואָס האָבן
געשאָסן אין מענטשן, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַרן וווּל זיין
פון דער גאַנצער מענטשהייט" (פּ. בירוקאָוו ב. II קאַפּ. XII)
אין דער צייט פון זיין לעבן הויבט זיך אָן זיין גייסטיקער אי-
בערברוך: אינגיכן פאַרברענט טאָלסטאָי זיינע אַלע פריערדיקע
אָפּגעטער.

101) די ערשטע פראַנצויזישע איבערזעצונג פון „מלחמה און
שלום", וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין פעטערבורג, איז באַ-
צייכנט מיטן יאָר 1379. נאָר די ערשטע פראַנצויזישע אויסגאַ-
בע איז דערשינען ערשט אין יאָר 1885, אין דריי בענדער, ביי
Kachtte. ערשט נישט לאַנג איז דערשינען אַ נייע און פולע
איבערזעצונג אין זעקס בענדער.

102) פיער בעזוכאָוו, וועלכער האָט התונה געהאַט מיט נאַטאַשאַ
וועט זיין אַ דעקאַבריסט. ער האָט געגרינדעט אַ געהיימען
פאַרבאַנד, וועמענס ציל עס איז געווען צו פאַרטיידיקן דאָס
וווילזיין פון אַלעמען, אַ מין טוגענדבונד. נאַטאַשאַ נעמט אָנ-
טייל מיט אַנטציקונג אין אַלע זיינע פּראָיעקטן. דעניסאָוו פאַר-
שטייט נישט וואָס הייסט אַזוינס אַ שטילע רעוואָלוציע, דערפאַר
אָבער צו אַ בונט איז ער באַלד גרייט צוצוטרעטן. ניקאָלאַי
ראָסטאָוו האָט אָפּגעהיטן בלינד זיין זעלנערישע אַכטונג פאַרן
געזעץ. ער, וועלכער האָט געזאָגט נאָך אויסטערליץ: „אונ-

הזער זאַך איז איפצופועלן דאָס, וואָס מען הייסט. שלאָגן זיך און גאָרנישט קלערן, אָט דאָס איז עס אינגאַנצן״ ער ענטפערט מיט כעס פיערן: „דו זאָגסט, אַז אַ שבועה איז נישט מער ווי אַן אָנגעגומענע זאַך, וועל איך דיר ענטפערן אויף דעם... זאָל מיר איצט אַרקאַטשעוו באַפעלן איך זאָל גיין אויף אייך מיט אַן עסקאַדראָן און שניידן - איך וועל מיר אויף איין מינוט נישט אָפּשטעלן און גיין״. ראַסטאַוונס פרוי, די קניאַזשן מאַריע, באַרעכטיקט אים, דעם קניאַז אַנדריי'ס פופצניעריקער זון, דער אויסגעצערטלטער, שוואַכער און שענער ניקאָלענקא באַלקאַנסקי מיט די גרויסע אויגן און געלאָקטע בלאָנדע האָר— הערט זיך איין מיט אָנשטרענגונג אין דעם דיספּוט; זיין גאַנצע ליבע קאָנצענטרירט זיך אויף פיערן און גאַטאַשן; ניקאָלייען און מאַריען האָט ער כמעט נישט ליב; ער בעט פאַר זיין געשטאָרבענעם פאָטער, וועלכן ער געדענקט קוים, און חלומט צו זיין ענלעך אויף אים, זיין גרויס און אויפטון עפּעס גרויסעס — וואָס? ער ווייסט אַליין נישט... „וואָס ער זאָל נישט האָבן גערעדט — איך וועל טון דאָס, יאָ, איך וועל טון אַזוינס מיט וואָס אפילו — ער וועט זיין צופרידן״. און דאָס ווערק ענדיקט זיך מיט אַ פאַנטאַזיע פונם קינד, וועלכעס זעט זיך אין שלאָף אַלס איינעם פון די גרעסטע מענטשן, צוגלייך מיטן פע- טער פיער. פאַר זיי גייט די רום און הינטער זיי אַ גרויס חיל. ווען די דעקאַבריסטן וואָלטן דעמאָלט געווען אָנגעשריבן וואָלט דער קליינער באַלקאַנסקי זיכער אַרויסגעטרעטן אַלס איי- נער פון די העלדן פון דעם ראָמאַן.

103) איך האָב שוין געזאָגט, אַז דיביידע פאַמיליעס ראַסטאַוו און באַלקאַנסקי אין „מלחמה און שלום״, דערמאָנען אַ סך אין די פאַמיליעס פון טאָלסטאָיס פאָטער און מוטער. מיר האָבן אויך געזען, אַז אין די קאַווקאַזער און סעוואַסטאָפּאָלער דער-

ציילונגען. פירט אַרויס טאָלסטאָי פיל טיפן פון זעלנער און אָפיצירן, וואָס באַגעגענען זיך אין „מלחמה און שלום".

104) אַ בריוו פון 2-טן פעברואַר 1868 (פּ. בירוקאָוו ב. II קאַפּ. III).

105) באַזונדערס, האָט ער געזאָגט, מיטן כאַראַקטער פון קניאַז אַנדריי, אין דעם ערשטער טייל.

106) ס'איז צו באַדויערן, וואָס דער כשוף פון דער פּאָעטישער קאָנצעפּציע ווערט טיילווייז פאַרטונקלט מיט פילאָזאָפישע חקירות, מיט וועלכע טאָלסטאָי באַשווערט זיין ווערק, הויפּטזעכלעך, די לעצטע טיילן. אים ווילט זיך זייער פארעפנטלעכן זיין טעאָריע פונם היסטאָרישן פאַטאַליזם. דער גאַנצער אומגליק איז אין דעם, וואָס ער קערט זיך אַלעמאָל אום צו איר און חזרט זיך פיל מאָל איבער. פלאָבער, וואָס האָט „אויסגעשריגן פון אַנטציקונג", לייענדיק די ערשטע צוויי בענדער, אַז זיי זענען „די גרעסטע לויט זייער שענקייט" און פול מיט „שעקספּירס גייסט", האָט פון לאַנגווייליקייט אוועקגעוואָרפן דעם דריטן באַנד: „ער האָט זיך שרעקלעך אַ קייקל געטון באַרג-אַראָפּ, חזרט זיך איבער און פילאָזאָפירט. אָנשטאָט וואָס ביז אַהער האָט מען געזעען די נאַטור און די גאַנצע מענטשהייט, זעט מען איצט אים אַליין, דעם רוסישן אויטאָר" (אַ בריוו צו טורגעניעוון, יאַנואַר 1880 פּ. בירוקאָוו ב. II קאַפּ. XVIII).

106) די ערשטע פראַנצויזישע איבערזעצונג פון „אַננאַ קאַרעּנינאַ" איז דערשינען אין יאָר 1836 אין צוויי בענדער ביי Hachette

107) אין אַ בריוו צו זיין פרוי פון סעפּטעמבער 1869 (אין אַרכיוו פון גרעפין טאָלסטאָי), ציטירט דורך בירוקאָוו.

108) די עראינערונג פון דער שרעקלעכער נאַכט, געפינט זיך אינם „טאָג-בוך פון אַ משוגענעם" 1883.

109) פאַרענדיקנדיק „מלחמה און שלום" אין זומער 1869, באַקענט זיך טאָלסטאָי מיט דער פילאָזאָפיע פון שאָפּענהויער און איז פון איר אַנטציקט: „איך בין זיכער, אַז שאָפּענהויער איז געווען דער גרעניאַלסטער צווישן די מענטשן". (אין אַ בריוו צו פעטן פונם 30-טן אויגוסט 1869)

110) ס'איז דאָ, זאָגט ער אין צוזאַמענהאַנג מיט די איבערזעצונגען פון האָמערן, אַ אונטערשיד צווישן דער איבערגעזאַצטער און דיסטילירטער וואַסער און דאָס וואַסער, וואָס שלאָגט פון קוואַל, דער קאַלטער, געפרווירענער, שיינענדיקער, פול מיט זון און זעמדעלעך, פון וואָס זי איז נאָך ריינער און פרישער" (אין אַ בריוו צו פעטן פון דעצעמבער 1870).

111) אין אַ בריוו צו פעטן.

112) יוני 1871 (פ. בירוקאָוו ב. II קאַפּ. VIII).

113) דער ראָמאַן איז געווען פאַרענדיקט אין יאָר 1877, געדרוקט האָט ער זיך, אויסער דעם עפּילאָג, אין „רוסקי וויעסטניק".

114) דער טויט פון די דריי קינדער (דעם 18-טן נאָוועמבער 1873, פעברואַר 1875 און סוף נאָוועמבער 1875), פון דער מומע טאַטיאַנע, די שטיף-מוטער פון טאָלסטאָיען (20-טן יוני 1874) און פון דער מומע פעלאַגעאַי (דעם 22 דעצעמבער 1875)

115) אין אַ בריוו צו פעטן, פון 1-טן מערץ 1876.

116) „די פרויען זעגען דער גרעסטער אבן-נגף אויפן וועג פון מאַן, ס'איז שווער ליב צו האָבן אַ פרוי און גלייכצייטיק עפּעס אויפטון. צו דעם איז נאָך דאָ איין באַקוועם מיטל, פדי ליב צו האָבן אָן שטערונג, דאַרף מען חתונה האָבן" („אננא קאַרענינאַ" ט. III קאַפּ. XXI).

117) באַנד I ז. 86.

118) באַנד I ז. 149.

119) דער דעווייז איז אָנהויב בוך.

120) אויסער דעם, באַמערקט זיך אויך אין עפּילאָג אַ פאָלקאָם פיינטלעכע באַציאונג צו מלחמה, נאַציאָנאַליזם און פּאַנסלאַוויזם.

121) דאָס שלעפּטע — דאָס איז דאָס קלוגע אויף דער וועלט, אויפּאָפּערן זיך פאַר יענעם, ליב האָבן, דאָס איז דאָך אַ שגעון.

122) „אננא קארעניגאַ״ ט. V קאַפּ. I.

123) „אננאַ קארעניגאַ״ ט. VIII קאַפּ. XIII.

124) „אננאַ קארעניגאַ״ ט. VIII קאַפּ. XIX.

125) „איצט נעם איך מיר ווידער צו דער לאַנגווייליקער און ווילגאַרער „אננאַ קאָרענינאַ״ מיט איינאוּנאיינציקן ווילן: וואָס גיכער צו פאַרענדיקן און זיך מאַכן פרייע צייט פאַר אַנדעדער אַרבעט״ (אין אַ בריוו צו פעטן פונם 26-טן יאַנואַר 1875)

126) „מען דאַרף שוין פאַרענדיקן מיט דעם ראָמאַן, וואָס האָט זיך מיר צוגעגעסן!״ (אין אַ בריוו צו פעטן פונם 1-טען מערץ 1876)

127) אין „מיין ודוי״ (1879)

128) איך וועל דאָ ברענגען דעם אינהאַלט פון איניקע זייט לעך „מיין ודוי„ אָפּהיטנדיק די אויסדרוקן פון טאָלסטאָיען.

129) זע אין „אננאַ קאָרענינאַ״: „און דער גליקלעכער מאַן אין זיין פאַמיליע, דער געזונטער מענטש, לעווין, איז געווען אַזוי נאָענט פון זעלבסטמאָרד, אַז ער האָט באַהאַלטן דעם שטריק מורא האָבנדיק, אַז ער זאָל זיך נישט אויפהענגען אויף אים, און האָט אויפגעהערט גיין מיט דער ביקס, כדי זיך נישט צו דערשיסן״ (ט. VIII קאַפּ. IX). אָט דער גייסטיקער צושטאַנד איז אייגן נישט נאָר טאָלסטאָיען, נאָר אויך זיינע העלדן, טאָלס־טאָי איז געווען פאַרווונדערט מיט דער אַלץ מער און מער וואַקסנדיקער צאָל פון זעלבסטמאָרדן צווישן די פאַרמעגלעכע קלאַסן אין אייראָפּע און באַזונדערס אין רוסלאַנד. אין די ווערק פון דער צייט מערקט ער נישט איינמאָל אָן אויף דער

לאגע. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַ גרויסע כוואַליע פון בעוואַסטזיניע האָט זיך אַ דורכגעטראָגן איבער איראָפּע און איינגעשלינגען טויזנטער מענטשן. די, וועלכע זענען געווען צו יענער צייט קינדער, געדענקן דאָס: פאַר זיי האָט די שילדערונג פון טאָלסטאָיען פון דעם מענטשלעכן קריזיס אַ היסטאָרישע ווערט. ער האָט אָנגעשריבן די פאַרבאָרגענע טראַגעדיע פון דעם גאַנצן דור.

130) „מיין ודוי" קאַפּ. XIII.

131) זיינע בילדער פון דער צייט טראָגן אַ פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער. אַ פּאָרטרעט פון קראַמסקין (1873), שטעלט פאָר טאָלסטאָיען אין אַ פויערשער בלוזע, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן און דערמאָנט אין אַ דייטשן כריסטוס, דער שטערן צעאַקערט, די באַקן איינגעפאַלן און באַוואַקסן.

132) אויף אַ צווייטן בילד פון יאָר 1881, האָט ער שוין אַן אויסזען פון אַ צוגעפּוצטן פּאַדרייטשיק: די האָר זענען אונטערגעשוירן די באָרד — פאַרקערצט; דער הינטערשטער טייל פון פנים זעט אויס פיל ברייטער פון דעם אויבערשטן; די ברעמען זענען אָנגעכמורעט, די אויגן שטרענג, די נאָז מיט ברייטע, ווי ביי אַ הינט נאָזלעכער און גרויסע אויערן.

133) „מיין ודוי" קאַפּ. IX.

134) אין דער אמתן האָט זיך עס געטראָפן נישט צום ערשטן מאָל, ביי דעם יונגען, פרייוויליקן קאַווקאַזער ביי דעם סעוואַסטאָפּאָלער אָפיציר, ביי אָלענינען און די „קאָזאַקן", ביי דעם קניאַז אַנדריי און פּעטער בעזוכאָוו און „מלחמה און שלום" האָבן זיך אויך געטראָפן ענלעכע וויזיעס. באַר טאָלסטאָי איז געווען אַזוי ליידנשאַפטלעך, אַז יעדעס מאָל, ווען ער האָט אויסגעפונען גאָט, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז צום ערשטן מאָל, און אַז פריער האָט געהערשט באַר אַ פינצטערניש און אַ לער-

קייט, מיר וואָס מיר פאַרשטייען, אַ דאַנק דעם „טאָג-בוך, בע-
סער ווי טאָלסטאָי אַליין, די געשיכטע פון זיין הארץ — מיר
ווייסן, אויף וויפעל דאָס הארץ, אפילו אין זיין בלאָנדזשעניש,
איז געווען רעליגיעז. איבריגנס, ער אַליין איז זיך מודה אין
דעם אין זיין פאָרוואָרט צו דער „קריטיק פון דאָגמאַטישן
גלויבן”: גאָט דאָס איז דער אומדערגרייכבארער, א דאַנק זיין
ווילן לעב איך!... איך האָב זיך פארבלאָנדזשעט, איך האָב
נישט דאָרט געזוכט דעם אמת, ווו מען האָט באַדאַרפט. איך
האָב געוווסט, אַז איך האָב פאַרבלאָנדזשעט. איך האָב געחנפה'ט
מיינע שלעכטע תאוות, ווייסנדיק, אַז זיי זענען שלעכט, נאָר איך
האָב קיינמאָל נישט פאַרגעסן אין דיר; איך האָב דיך געפילט,
אפילו אין די מינוטן פון מיין בלאָנדזשן” (פּ. בירוקאָוו ב. II
קאַפּ. XVI). דער איבערבראָך פון 1878—9 איז נאָר געווען
שטאַרקער פון די אַנדערע, אַ דאַנק; אפשר, די פארלוסטן,
וועלכע ער האָט געהאַט אין משך פון דער צייט, און אַ דאַנק
דער עלטער, וואָס האָט זיך אָנגערוקט. דאָס נייע איז באַשטאַ-
נען נאָר אין דעם, וואָס דאָס זענען גאָט איז נישט פאַר-
שוונדן געוואָרן, ווי באַלד נאָר עס איז (אויסגעלאָשן געוואָרן
דער פלאַם, וועלכער האָט אים אויפגעוועקט, אדרבה, דאָס מאָל
האָט שוין טאָלסטאָי, אָן אָנגעלערנטער מיט דער דערפאַרונג פון
דער פאַרגאַנגענהייט, געאיילט צו גיין „אין דעם ליכט, כל-זמן
עס איז ליכט” און אַרויסציען פון זיין גלויבן אַ גאַנצע לעבנס-
אָנשויאונג. ס'הייסט נישט, אַז פריער האָט ער זיך נישט גע-
פרווט דאָס טאָן (מען דאַרף געדענקן די „געזעצן פון לעבן”,
וועלכע ער האָט פאַרקלערט נאָך אין זיינע סטודענטישע יאָרן).
נאָר אין פופצען יאָר איז עס געווען גרינגער נישט אָראָפּצוגיין
פון ווענ דורך דיליידנשאַפטן.

135) דער אונטערשריבס אונטערן טיטל פון „די ודוי” איז

געהעצן אזעלכער: אן אריינפיר אין דער קריטיק פון דעם דאגמאטישן גלויבן און די אויספארשונג פון דער קריסטלעכער לערע.

136) און מיר, וועלכער האט געזעען דעם אמת נאר אין דער פאראייניקונג און ליבע, האט זיך צוממערסטן געווארפן אין די אויגן דער פאקט, אז די רעליגיע צעשטערט נאך דאס, וואס אייגנטלעך וואלט זי באדארפט בויען.

137) און איך האב מיר איבערצייגט אז די לערע פון דער קירכע איז טעארעטיש א פאלשער און שעדלעכער געדאנק און פראקטיש א זאמלונג פון די פארגרעבטסטע אבערגלויבנס, וואס דעקט צו אינגאנצן דעם אמתן געדאנק פון דער קריסטלעכער לערע. (אן ענטפער דעם סינאד פון יאר 1901 זע אויך „די קירכע און דער שטאט (1883)". די גרעסטע זינד, וועלכע טאלסטאי ווארפט פאר דער קירכע, איז דער „צביעותדיקער בונד" מיט דער וועלטלעכער מאכט. איר איז אויסגעקומען אזוי ארום צו באשטעטיקן די „הייליקייט" פון דעם שטאט, פונם געוואלט, דאס איז א בונד פון „שווינדלער" מיט „מערדער".

138) וואס עלטער טאלסטאי איז געווארן, אלץ מער האט ער אנגעהויבן פילן די אייניקייט פונם רעליגיעזן אמת אויף דער גאנצער לענג פון דער מענטשלעכער געשיכטע און די קרובהשאפט פון כריסטוסן מיט די גרויסע מענטשן פון אלע צייטן, אנהייבנדיק פון בודדאין און ענדיקנדיק מיט קאנטן און עמערסאנען, אזוי, אז אין די לעצטע יארן האט טאלסטאי געזאגט, אז ער גיט נישט „קיין שום איבערגעוויכט דעם קריסטנטום". זעער וויכטיק אין דער הינזיכט איז די בריוו פונם 27 יולי 1909, וועלכע ער האט געשריבן צום קינסטלער יאן סטוק, און וועלכע איז פארעפנטלעכט געווארן אין „טעאסאף" פונם 16־טן יאנואר 1911. לויט זיין געווינשאפט, פלייסט זיך טאלסטאי,

וועלכער איז פול מיט דער נייער איבערצייגונג, איננאַנצן צו פאַרגעסן זיין אלטן גייסטיקן צושטאַנד און דעם פונקט, פונוואַנען דער רעליגיעזער איבערברוך האָט זיך אָנגעהויבן, און וועלכער איז אַ ריין קריסטלעכער;

139) „די לערע פון קריסטוסן, שרייבט ער, איז פאַר מיר בלויז איינע פון די שענע רעליגיעזע לערעס, וועלכע זענען דערגאַנגען צו אונדז פון דעם עגיפּטישן, יידישן, אינדישן, כינעזישן און גריכישן אַלטערטום. די צוויי גרויסע געבאָטן פון קריסטוסן — די ליבע צו גאָט ד. ה. צו דער אַבסאָלוטער פאָלקאָמענהייט און די ליבע צום נאָענטן, ד. ה. צו אַלע מענטשן אָן אונטערשיד. זענען געווען די געבאָטן פון אַלע גרויסע מענטשן צו יעדער צייט: פון קרישנע, בודדא, לאַאָ־טסע, קאָנפוציוס, סאָקראַט, פּלאַטאָן, עפּיקטעט, מאַרק אויבעליוס און פון צווישן די נייע — פּאַסקאַל, רוססאָ, קאַנט, עמערסאָן, טשאַנינג און פיל אַנדערע. דער רעליגיעזער און מאָראַלישער אמת איז אומעטום און צו יעדער צייט איינער און דער זעלבער... איך גיב קיין שום איבערגעוויכט נישט דעם קריסטנטום. אויב איך האָב מיר באַזונדערס פאַראינטערעסירט מיטן קריסטנטום, איז עס, ערשטנס, דערפאַר, וואָס איך בין געבוירן געוואָרן און געלעבט צווישן קריסטן, און, צווייטנס, דערפאַר ווייל איך האָב געפונען אַ גרויסן גייסטיקן פאַרגעניגן אין דעם אָפּרייניקן די אמתע לערע פון די פאַלשע קאָפּיעס, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן דורך די קירכעס".

140) טאָלסטאָי פאַרענטפערט זיך, אַז ער פאַלט נישט אָן אויף דער „אמתער און באַשיידענער קונסט וואָס וויסט זיך איר אָרט"...

„וועגן לעבן" קאַפּ. X.

141) אין דער צייט פונם איבערברוך, וואָס פאַר „מיין ודוי", לייענט טאָלסטאָי נישט איין מאָל אַדורך די „געדאַנקען" פון

פּאַסקאַלן. ער רעדט וועגן זיי אין זיינע בריוו צו פעטן (דעם 14־טן אַפּריל 1877, 3־טן אויגוסט 1879) און עצהט אים זיי אויך צו לייענען.

142) אין אַ בריוו „וועגן דעם פאַרשטאַנד" פונם 26־טן נאָ־וועמבער 1894 צו דער באַראָנעסע X, דריקט זיך אויך אויס טאָלסטאָי: „דעם מענטשן איז געגעבן פון גאָט נאָר איין מיטל צו דערקענען זיך און דאָס אַלץ, וואָס רינגלט אים אַרום; און דאָס מיטל הייסט פאַרשטאַנד... דער פאַרשטאַנד איז באמת פון גאָט, דער פאַרשטאַנד איז נישט נאָר די איינציקע געטלעכע אייגנשאַפט אינם מענטשן, נאָר דאָס איינציקע מיטל צו דערקע־נען דעם אמת".

143) „וועגן דעם לעבן".

144) „וועגן דעם לעבן".

145) שפּעטער, ווען עס וועלן דערשיינען אַלע ווערק פון טאָלס־טאָיען, האָף איך אויסצושטודירן אַלע ביוגראַפן אין זיין רעלי־גיעזן געדאַנק, אין וועלכן געוויסע פראַגן זענען זיכער דערגאַנ־גען ביז אַ הויכער שטופע פון אַנטוויקלונג, באַזונדערס די, וואָס האָבן אַ שייכות מיט עולם־הבא און השארת־הנפש.

146) איך האָב מיין לעבן אויסגעלעבט נישט אין שטאָט... („וואָס זשע דאַרפן מיר טון"?)

147) „וואָס זשע דאַרפן מיר טון"? קאַפּ. III

148) טאָלסטאָי האָט נישט איינמאָל אויסגעדריקט זיין אַנטיפּאַט־יע צו „די רעליגיעזע אַסקעטן, וואָס אַרבעטן נישט לטובת אַנ־דערע און צוזאַמען מיט אַנדערע". ער מישט זיי צונויף מיט די עם־הארצישע רעוואָלוציאָנערן וועלכע האָבן פּרעטענציעס צו טון גוטס די מענטשן, אַליין נישט ווייסנדיק וואָס אָנהייבן צו טון... איך האָב ליב די מענטשן פון דיביידע קאַטעגאָריעס מיט דער זעלבער ליבע, איך האַס אָבער אויך זייערע ביידעס לערע

מיט דעם זעלבן האַס. נאָר די ליבע איז אמת, וועלכע ווייזט זיך אויף אַ טעטיקייט, וואָס באַפרידיקט די באַדערפענישן פון דער נשמה און וועלכע איז צוזאַמען מיט דעם אַ שטענדיקע טעטי־ווילזיין פון אַנדערע. אַזאַ איז די פון כריסטוסן, וועלכע איז אין דער זעלבער מאָס ווייט פונם רעליגיעזן קוויעטיזם, פון זאָרגן זיך נאָר פאַר דער אייגענער נשמה און פון די גרויסע פרעטענציעס פון די רעוואָלוציאָנערן... וואָס ווילן גליקלעך מאַכן די גאַנצע וועלט, אַליין נישט וויסנדיק אין וואָס דאָס אמתע גליק באַשטייט. (אין אַ בריוו צו מ. א. ענגעלגאַרטן).

149) פון יאָר 1885.

150) „וואָס־זשע דאַרפן מיר טון" קאַפיטל XXII.

די גאַנצע ערשטע טייל (פופצין קאַפ.), וועלכע ווימלט פשוט פון דער שפּע טיפן, איז פאַרניכטעט געוואָרן דורך דער רוסישער צענזור, ערשט אין 18 יאָר שפּעטער איז דאָס ווערק ארויס איבגאַבצן אין טשערקאָווס פערלאַג.

151) פאַר דער אמתע סבה פון אָרעמקייט האַלט טאָלסטאָי „דאָס וואָס די רייכטימער גייען איבער פון די פראָדוצירער אין די הענט פון די נישט פראָדוצירער און זייער אָנלויפן זיך אין די שטעט. די רייכע נעמען זיך צונויף אין שטאָט און אונטער דער שוץ פון דער מאַכט שלינגען זיי איין אַלץ, וואָס דאָס דאָרף ברענגט צופירן. דעם דאָרפישן איינוווינער קומט פשוט אויס אָפטמאָל צוגיין אין שטאָט אַריין... כדי צו שפּייזן זיך מיט דעם וואָס פאַלט אַראָפּ פון דעם טיש פון די רייכע... ס'איז נאָך צו באַוווּנדערן, וואָס פון די מענטשן (פויערן) ווערן נאָך אַרבעטער און נישט זיי נעמען זיך אַלע פאַר גרינגערע פרנסות: האַנדל, מעקלעריי, בעטלען, שווינדל און אפילו גנבה" (וואָס־זשע דאַרף מען טון?" קאַפ. XIII)

152) דאָס פּריוואַט־אייגנטום איז דער שורש פון אַלדאָס בייז..

פּריוואַט-אייגנטום איז נאָך אַ מיטל אויסצוניצן פרעמדע אַרבעט״. דאָס אייגנטום, זאָגט נאָך טאָלסטאָי, איז דאָס, וואָס געהערט נישט אונדז, נאָר אַנדערע, „דער מענטש רופט אָן פּריוואַט-אייגנטום זיין פרוי, זיינע קינדער, זיינע זאַכן, נאָר דיווירקלעכקייט מאַכט אים כּסדר אויפמערקזאַם אויף דעם טעות און ער מוז זיך אָדער אָפּזאָגן פון דעם אַבער גלויבן, אָדער אַליין ליידן און פאַרשאַפן אַנדערע ליידן״. טאָלסטאָי זעט שוין פאַר די רוסישע רעוואָלוציע. „אונדזער פאָלק האָט זיך אין די לעצטע דריי, פיר יאָר אָנגעהויבן באַנוצן מיט אַ ניי, נאָר זייער באַדייטנדיק וואָרט: מיט דעם וואָרט, וועלכעס איך האָב קיינמאָל פריער נישט געהערט, זידלט מען זיך שוין היינט אין די גאַסן און מען באַצייכנט אונדז – „פּאַראַזיטן״ דער האַס און די פאַראַכטונג פון דעם דערדריקטן המון וואַקסט פון טאָג צו טאָג״ (וואָס-זשע דאַרף מען טון?)

153) דער פאָר-רעוואָלוציאָנער באַנדאַרעוו וואָלט געוואָלט אַז דאָס געזעץ זאָל אַנערקענט ווערן אַלס אַ חוב פאַר אַלעמען, טאָלסטאָי איז דעמאָלט געווען אונטער זיין השפּעה און אונטער דער ווירקונג פון נאָך איין פויער, סיוטאַיעוו. „פאַר מיין גאַנץ לעבן האָבן צוויי דענקנדיקע רוסישע מענטשן געהאַט אויף מיר די גרעסטע מאָראַלישע השפּעה, באַרייכערט מיין געדאַנק און מיר קלאָר געמאַכט מיין וועלטבאַנעמען. דאָס געווען די פויערן: סיוטאַיעוו און באַנדאַרעוו״ („וואָס-זשע דאַרף מען טון?״ קאַפּ. XXXVIII) אין דעם זעלבן בוך באַשרייבט טאָלסטאָי די אויסערלעכקייט פון סיוטאַיעוו׳ן און ברענגט אַ געשפּרעך מיט אים.

154) „פאַרוואָס שכורן זיך די מענטשן אָן״ (1895).

155) „די ערשטע מדרגה״, דאָס VI קאַפּיטל פון „גאָטס קעניגרייך איז אין אונדז״ און אַ.

157) מערקווירדיק איז, וואָס טאָלסטאָיען האט געקאָסט אַזוי פיל מי זיך צו באַפרייען פון אָט דער ליידנשאַפט. דאָס איז געווען אַ ליידנשאַפט, וואָס איז אים איבערגעגאַנגען בירושה פונם טאַטן טאָלסטאָי איז נישט געווען סענטימענטאַל און האָט, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן קיין רחמנות צו די חיות. זיינע דורכדרינגלעכע בליקן האָבן זיך קוים אָפּגעשטעלט אויף די אויגן פון אונדזערע באַשיידענע ברודער, וואָס האָבן אָפּט אַזאַ שאַרפן און בולטן אויסדרוק, מיטן אויסנאַם פון פערד, צו וועלכע טאָלסטאָי, ווי יעדער גרויסער גוטבאַזיצער, האָט געהאַט אַ באַזונדערע ליידנשאַפט. וואָס אָנבעלאַנג דעם איבעריקן, איז „אַלץ וואָס ער (דער מענטש) זעט אויף דער וועלט לעגט זיך אויס פאַר אים אין דער פערספּעקטיוו פון דריי אָפּגעזונדערטע איינער פונם אַנדערן פּלאַנען: 1) די וועזנס, וואָס זענען באַשאַנקען מיט פאַרשטאַנד, 2) די חיות און געוויקסן און 3) די נישט לעבעדיקע וועלט" („וועגן דעם לעבן" קאַפּ. XIII). טאָלסטאָי האָט פאַרמאָגט אַפילו אַ געוויסע דאָזע פון אכזריותדיקייט. דערציילנדיק אַ פאַל, ווי אַזוי ער האָט אַמאָל געטויט אַ וואָלף, שלאָגנדיק אים מיט אַ האָלץ איבערן מות, גיט ער צו: "דערמאָנענדיק זיך אין די ליידן פון דער גוססדיקער חיה, האָב איך געפילט אַן אמתדיקן פאַרגניגן. דאָס געפיל פון געוויסנביסן איז געקומען פיל שפּעטער".

158) אין זומער 1878 (בירוקאָוו קאַפּ. XV).

159) דעם 18=טן נאָוועמבער 1878 (בירוקאָוו ט. II קאַפּ. XVI).

160) נאָוועמבער 1879.

161) 5=טן אָקטאָבער 1881 (בירוקאָוו XVIII).

162) 14=טן אָקטאָבער 1881.

163) מערץ 1882 (בירוקאָוו קאַפּ. XIX).

164) 1882.

165) 23-טן אָקטאָבער 1884 (בירוקאָוו קאַפּ. XXI).

166) די אַזוי-גערופענע פרויען-פראַגע האָט נאָר געקענט געבוירן ווערן און איז געבוירן געוואָרן אין אַ סביבה פון מענער, וואָס זענען אָפּגעשטרעטן פונם געזעץ פון אמתער אַרבעט. קיין איין פרוי פון אַן אמת אַרבעטנדיקן מענטשן וועט נישט פאָדערן קיין אָנטייל אין דער אַרבעט פון איר מאַן: אין די שאַכטן צי אויפן פעלד. די פרוי האָט געקענט אַרויסשטעלן אַזאַ פאָדערונג נאָר אין דער סביבה פון די פאַרמעגלעכע קלאַסן, וווּ מען אַרבעט לגמרי נישט („וואָס זשע דאַרפן מיר טון" קאַפּ. XI)

167) דאָס זענען די לעצטע שורות פון „וואָס זשע דאַרפן מיר טון"?, דאַטירט עונם 14-טן פעברואַר 1886.

168) אין אַ בריוו צו עפּלגאַרדטן (בירוקאָוו ט. II קאַפּ. XX).

169) דאָס איבערבעטן זיך איז פאָרגעקומען אין פרילינג 1878. טאָלסטאָי האָט אין אַ בריוו געבעטן פאַרצייאונג ביי טורגעניעוון. אין אויגוסט 1878 האָט טורגעניעוו אים באַזוכט אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ. אין יולי 1881 האָט טאָלסטאָי צוריק אים אָפּגעשטאַט אַ וויזיט. אַלעמען האָט פאַרווונדערט די ענדערונג אין זיינע באַציאונגען, זיין ווייכקייט און פּראָסטקייט. ער איז געווען ווי אַ „ניי-געבוירענער". (בירוקאָוו קאַפּ. XVIII).

170) אין אַ בריוו צו פּאָלאָנסקין (בירוקאָוו ט. II קאַפּ. XVIII)

171) אין אַ בריוו פון בוזשיוואַל פונם 28-טן יוני 1883.

172) קאַפּ. XII.

173) אין זיין פאָרוואורף, וואָס מי דע וואָגיוע מאַכט טאָלסטאָיען באַנוצט ער זיך, נישט באַמערקנדיק דאָס, מיט די אויסדריקן פון טאָלסטאָיען: „מיט רעכט, צי נישט — שרייבט וואָגיוע — ס'קען גאָר זיין אַלס אַ שטראָף פאַר אונדז, נאָר מיר האָבן באַקומען פונם הימל אָט דאָס נויטיקע און שענע שלעכטס; דעם געדאַנק... פאַרוואַרפן אָט דעם קרייך — וואָלט געווען

נישט קיין פיינער בונט" („דער רוסישער ראָמאַן" קאַפּ. V) און טאָלסטאָי האָט געשריבן זיין מומען א. א. טאָלסטאָי אין יאָר 1883; „מיין קרייז — די אַרבעט פון מיין געדאַנק — איז אַ שלעכטער, שטאָלצער און פאַרפירערישער".

174) „וואָס־זשע דאַרפן מיר טון"?

175) עס דערגייט אַזוי ווייט, אַז טאָלסטאָי באַרעכטיקט אַפילו די ליידן, נישט נאָר זיינע פּערזענלעכע ליידן, נאָר אויך די ליידן פון אַנדערע. „דאָס פאַרשטיין די ליידן פון יעדן איינצלנעם מענטשן, די סבות פון די פאַרשידענע טעותים, וואָס די מענטשן מאַכן און דאָס פליסן זיך זיי צו פאַרקלענערן — דאָס איז דאָך דער גאַנצער זין פונם מענטשלעכן לעבן און זיין גאַנצע אַרבעט... טאָ ווי זשע קען דינען דער מאַטעריאַל פון זיין אַרבעט אַלס דער קוואַל פון זיינע ליידן? ס'איז גלייך, ווי דער ערד־אַרבעטער זאָל זאָגן, אַז די נישט־באַאַרבעטע ערד — איז זיין פּיין" („וועגן דעם לעבן" קאַפּ. XXXV).

176) דעם 23-טן פעברואַר 1860. אָט פאַרוואָס אים איז נישט געפעלן די „מעלאַנכאָלישע און דיספּאָטישע קונסט" פון טורגעניעוון.

177) די בריוו פונם 4-טן אָקטאָבער 1887 איז געווען אָפּגעדרוקט אין Cahiers de la quinzaine אין יאָר 1902, און אין Correspondance inedite אין יאָר 1907. „וואָס אַזוינס איז קונסט"? איז דערשינען אין יאָר 8—1897, נאָר טאָלסטאָי האָט שוין געקלערט וועגן דער פראַגע אַ יאָר פופצן, ס'הייסט — פון יאָר 1882.

178) צו דער פראַגע וועל איך מיר צוריקקערן אין באַצוג צו „קרייצער סאָנאַטאַ".

179) זיין אומטאָלעראַנץ הויבט אָן וואַקסן פון 1886. אין „וואָס־זשע דאַרפן מיר טון"? דערלויבט ער זיך נאָך נישט

צו באַרירן בעטהאָווענען (און שעקספּירן), נאָך מער: ער וואַרפט פאָר די הייַנטיקע קינסטלער, וואָס זיי פאַררופן זיך אויף בעטהאָווענען: „די אַרבעט פון די גאַליליייען, שעקספּירן, בעטהאָווענען האָט קיין שום געמיינזאַמעס נישט מיט דער טעטיקייט פון די טינדאַלן, גיוגאָ׳ס און וואַגנערס. ווי די אַמאָליקע הייליקע וואָלטן זיך אָפּגעזאָגט פון די הייַנטיקע פּאָפּעס, אַזוי וואָלטן זיך די אַמאָליקע טוערס אויפן געביט פון וויסנשאַפט און קונסט אָפּגעזאָגט פון קרובהשאַפט מיט די הייַנטיקע" (קאַפּ. XXXVIII).

180) ער האָט נאָך געוואָלט אָוועקגיין איידער עס האָט זיך פאַרענדיקט דער ערשטער: „די פראַגע, צוליב וועלכער איך בין געקומען אין טעאַטער, איז געווען פאַר מיר געלעזט אָן אַ שום צווייפל... פון אַ אויטאָר, וואָס האָט אָנגעשריבן אַזעלכע... סצענעס, איז שוין נישטאָ גאָרנישט וואָס צו ערוואַרטן; מען קען דרייסט זאָגן, אַז אַלץ, וואָס אַזאַ אויטאָר וועט אָנשרייבן, וועט זיין שלעכט" („וואָס אַזוינס איז קונסט" קאַפּ. XIII).

181) ס'איז באַוווּסט, אַז כדי אויסצוקלייבן פון די פראַנצויזישע פּאָעטען פון די נייעסטע ריכטונגען, איז טאָלסטאָי געקומען צו דעם משונהדיקן געדאַנק: „אויסשרייבן פון יעדן בוך דאָס ליד, וואָס געפינט זיך אויף דער אַכטאונצוואַנציקסטער זייט" („וואָס אַזוינס איז קונסט" קאַפּ. X).

182) „וועגן שעקספּירן און וועגן דער דראַמע" קאַפּ. V, 1803. דאָס אַרטיקל איז אָנגעשריבן געוואָרן צוליב אַן אַרטיקל פון ערנעסט גראָסבי — „שעקספּיר און דער אַרבעטער קלאַס".

183) בוכשטעבלעך: „די נייַנטע סימפאָניע פאַראייניקט נישט אַלע מענטשן אין איין גאַנצעס, זי פאַראייניקט נאָר אַ קליינעם טייל, וועלכן זי טיילט אויס פון אַלע איבעריקע" („וואָס אַזוינס איז קונסט" קאַפּ. XVI).

184) „דאָס איז איינע פון די געשעענישן, וואָס קומען סאָר גאַנץ אָפט, נישט אַרויסרופנדיק קיינעמס אויפמערקזאַמקייט. אַזאַ געשעעניש איז נישט אינטערעסאַנט, נישט נאָר פאַר דער גאַנצער וועלט, נאָר אפילו אויך נישט פאַר די פּראָווינציישע מיליטער־לייט"...

און ווייטער: „און ערשט נאָך עטלעכע יאָר האָבן זיך די מענטשן אָנגעהויבן אַרומקוקן און פאַרשטיין, אַז זיי האָבן בשום אופן נישט געקענט וויסן, צי ער איז שולדיק, צי ניין און, אַז יעדער האָט זיך זיינע טויזנטער ענינים מער נעענטערע פאַר אים און אינטערעסאַנטערע, ווי דער ענין דרייפוס".

185) „די דראַמע איז זייער אַ שלעכט און פויל צוזאַמענגעשטעלט ווערק, וועלכעס, אויסער לאַנגווייליקייט און עקל, קען עס גאָרנישט אַרויסרופן" („וועגן שעקספּירן" קאַפּ. III).

„אָטעלאָ", — פאַר וועלכער טאָלסטאָי האָט שוין געהאַט מער סימפּאַטיע, אָן ספק, דערפאַר, וואָס די דראַמע האָט זיך שוין מער צוגעפּאַסט צו זיינע דעמאָלטיקע געדאַנקען וועגן איי־פערזוכט און חתונה האָבן — איז ביי אים די שענסטע, די אַמווייניקסטן אויפגעבלאָזענע דראַמע" (קאַפּ. IV). האַמלעט פאַרמאָגט נישט קיין שום כאַראַקטער: „די געשטאַלט וואָס זאָגט אַרויס די אַלע געדאַנקען איז נישט מער ווי שעקספּירס אַ פאָנאָגראַף" און „דער שטורעם", „צימבעלין", „טראָיל", „קרעסידאַ" און אנדערע ווערן אויף אַזוי פיל דערמאָנט דורך טאָלסטאָיען, אויף וויפיל ער באַרירט זייערע שלעכטע זייטן. די איינציקע אמתע געשטאַלט, וועלכער ער געפינט ביי שעקספּירן, אַלס אַ נאַטירלעכע, איז פאַלסטאַף, „ווייל ער רעדט מיט דער שעקספּירעשער שפּראַך, וואָס איז פול מיט נישט קיין געלונגענע ווערטלעך און נישט אינטערעסאַנטע קאַלאַמבורן וואָס פּאַסט זיך זייער גוט צו צו דעם באַרימערשן, צעבראָכענעם און אויס־

געלאַסענעם כאַראַקטער פון דעם שכורן פּאַסטאַלט״.

נישט שטענדיק האָט טאָלסטאָי אַזוי געקלערט. אין די יאָרן צווישן 1870—1860 האָט ער געהאַט פאַרגעניגן צו לייענען שעקספּירן, באַוונדערס דעמאָלט, ווען ער האָט געקלערט אָנצושרייבן אַ היסטאָרישע דראַמע פון די צייטן פון פעטער דעם גרויסן. לויט די באַמערקונגען פון יאָר 1869, קען מען אפילו זען, אַז האַמלעטן האָט ער געהאַלטן פאַר אַ מאָדעל. דערמאָנענדיק זיינע פאַרענדיקטע אַרבעטן „מלחמה און שלום״, וועלכע ער האָט געהאַלטן נאָענט צום אידעאַל פונם האָמערישן אַרט שאַפן, שרייבט טאָלסטאָי: „האַמלעט און מיינע שפּעטערדיקע אַרבעטן: איז די פּאָעזיע פון אַ ראָמאַניסט אין דער שילדערונג פון כאַראַקטערן״ (פּ. בירױקאָוו, ב. I קאַפּ. IV).

186) זיינע פאַררעכנט ער „צו דער שלעכטער קונסט״ („וואָס אַזוינס איז קונסט״ קאַפּ. XVI) פאַראורטיילנדיק די נייע קונסט שליסט ער נישט אויס זיינע אייגענע פּיעסן, וועלכע פאַרמאָגן נישט אין זיך דעם רעליגיעזן ווערט, וואָס דאַרף זיין דער יסוד פון דער צוקונפט — דראַמע (וועגן שעקספּירן קאַפּ. VIII).

187) אין יאָר 1873 האָט טאָלסטאָי געשריבן:

איר קענט אייך לערנען די מענטשן, וואָס איר ווילט, נאָר לערנט עס אַזוי, אַז יעדער וואָרט זאָל זיין פאַרשטענדלעך אַלעמען... מיט אַ פּשוטער און פאַרשטענדלעכער שפּראַך וועט מען קיין שלעכטס קיינמאָל נישט אָנשרייבן. אַלץ, וואָס איז נאָר נישט מאָראַליש שטעלט זיך פאַר אַזוי מיאוס, אַז עס וועט באַלד אָפּגעוואָרפן ווערן... אויב אַ פאָלקס-זשורנאַל וויל באמת זיין אַזעלכער, טאָ דאַרף ער זיך פלייסן קודם כל זיין פאַרשטענדלעך... ס'לוינט נאָר אַדורכצולאָזן אַלע אַרטיקלען דורך דער צענזור פון די הויז-וועכטער, פורמאַנעס און שוואַרצע קעכינס, אויב קיין איין וואָרט וועט פאַר זיי נישט זיין אומ-

פֿאַרשטענדלעך, איז אַ סימן, אַז דאָס אַרטיקל איז אַ גוטס. אויב ווידער, איבערלייענדיק די זאַך, וועט קיין אייגער פֿון זיי נישט קענען נאָכדערציילן, וועגן וואָס ער האָט געלייענט, טויג דאָס אַרטיקל צו גאָרנישט".

188) טאָלסטאָי אַליין האָט געגעבן דעם בייַשפּיל. זיינע פֿיר „ביכלעך צום לייענען" פֿאַר די דאָרפֿישע קינדער, זענען אָנגענומען געוואָרן אין אַלע שולן פֿון רוסלאַנד. מיט זיינע „ערשטע פּאָפּולערע מעשהלעך" האָבן זיך געשפּייזט טויזנטער נשמות. ביי דעם המון — שרייבט סטעפּאַן אַניקין, אַן אַלטער דעפּוטאַט אין דער דומע, איז דער נאָמען טאָלסטאָי געווען צוזאַמענגעגאָסן אין דער אידעע פֿון אַ „בוך".

„מען האָט געקענט גאַנץ אָפֿט הערן, ווי אַ דאָרפֿס-ייִנגל בעט זיך נאַיוו אין ביבליאָטעק: „גיט מיר אַ גוט בוך, אַ טאָלסטאָיש!" (ער האָט געוואָלט זאָגן אַ דיקס).

189) אָט דער אידעאַל פֿון ברידערלעכער פֿאַראייניקונג שטעלט זיך לגמרי נישט פֿאָר טאָלסטאָיען דער ענדע-ציל פֿון דער מענטשהייט; זיין קיינמאָל נישט געזעטיקטע נשמה האָט דערגרייכט צו אומבאַוווסטע אידעאַלן אויף יענער זייט ליבע: „עס קען זיין, אַז אין דער צוקונפֿט, וועט די וויסנשאַפֿט עפֿענען פֿאַר דער קונסט ביי'ע, העכערע אידעאַלן און די קונסט וועט זיי פֿאַרווירקלעכן". (וואָס אַזוינס איז קונסט, קאַפּ. XX)

190) צו דעם פּעריאָד געהער אויך, לויטן דערשיינען און פֿאַרענדיקן, די אויסגעצייכנטע דערציילונג וועגן „כאָלסטאָמיער" (1861–1886), וועלכע ער האָט אייגנטלעך אָנגעשריבן נאָך אין דער גליקלעכער צייט פֿון די ערשטע יאָרן נאָך דער חתונה. טאָלסטאָי דערמאָנט די דערציילונג אין אַ בריוו צו פֿעטן, פֿון אַפּריל 1863, דער אָנהייב פֿון דער דערציילונג מיט זיינע אויסגעצייכנטע פּייזאַזשן, האַרציקייט, הומאָר און יוגנטלעכע פֿריש-

קייט דערמאָנט אין די ווערק פון זיין רייפן פעריאָד. („פאַמיל־יען־גליק", „מלחמה און שלום") פון דעם פינצטערן און טרוקע־נעם סוף אָבער, פון די לעצטע זייטלעך, ווו ער שטעלט אַנט־קעגן דעם פגר פונם אַלטן פערד אין דעם באַלעבאָס, טוט עס שוין אַ ווײ אויף אונדז מיט דעם האַרטן רעאַליזם, מיט וועלכן עס צייכנט זיך אויס טאָלסטאָיס שאַפן גאָך 1880.

192) „קרייצער סאָנאַטאַ", „דער כוח פון פינצטערניש".

193) Le Temps פון 20־טן אויגוסט 1919.

194) „איר זענט אונוויסנד — שרייבט אים אין יאָר 1856 דרוזשינין — אַמאָל ווי אַ נאָוואַטאָר און שטאַרקער פּאָעט און אַ מאָל ווי אַן אָפיציר, וועלכער שרייבט צו זיין חבר... אַלץ וואָס איז געשריבן ביי אייך מיט ליבע איז אויסגעצייכנט, נאָר קוים־קוים ווערט איר אָפּגעקילט, אַזוי פּלאָנטערט איר שוין מיטן סטיל און עס באַקומען זיך שרעקלעכע זאַץ־פאַרבינדונגען. (פּ. בירוקאָוו באַנד I קאַפּ. XI)

195 פּ. בירוקאָוו ב. II קאַפּ. VII. — אין זומער פון 1879 איז טאָלסטאָי באַזונדער נאָענט געווען מיט די פויערן, און סטראַכאָוו שרייט אַז „טאָלסטאָיען פאַראינטערעסירט אויסער די רעליגיע אויך די שפּראַך. ער האָט אָנגעהויבן צו פילן די שיינ־קייט פון דער פאָלקסטימלעכער שפּראַך און האָט יעדן טאָג גע־מאַכט ניי אַנטדעקונגען פון ווערטער און רעדע־אַרטן, יעדן טאָג מער געזילדט די ליטעראַרישע שפּראַך".

196) אין די באַמערקונגען פון די יאָרן 1860–70 האָט טאָל־סטאָי געשריבן: „די בילינעס — אַ געוואַלדיקן איינדרוק פּ. בירו־קאָוו ט. I קאַפּ. V).

197) „צוויי זקנים" (1885).

198) „ווי די ליבע, דאָרט איז גאָט" (1885).

199) „פון וואָס לעבן די מענטשן" 1881); „דריי זקנים" (1884);

200) די דערציילונג טראָגט אויך דעם נאָמען: „דאַרף דען דער מענטש האָבן אַ סך ערד" (1886).

201) „וועסטו גאָר אָפּלאָזן דאָס פייער, אַזוי וועסטו עס שוין מער נישט פאַרלעשן" (1885).

202) „אַ מעשהלע פון איוואַן-נאַר" „אַ ליכטל" (1885).

203) די פּאָפּולערע דערציילונגען זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אינעם ניינצטן באַנד פון אַלע זיינע געזאַמלטע ווערק.

204) אַ דראַנג צום טעאַטער האָט טאָלסטאָי דערפילט גענוג שפּעט. די אַנטדעקונג האָט ער געמאַכט אין ווינטער 1869—1870, און ווי זיין שטייגער איז געווען, זיך באַלד אָפּגעגעבן דערצו מיטן גאַנצן ברען. „דעם גאַנצן ווינטער היינטיקן בין איך פאַרנומען מיט דער דראַמע אין אַלגעמיין. און ווי עס טרעפט זיך אָפט מיט מענטשן, וועלכע האָבן זיך ביזן פערציקסטן יאָר פון זייער לעבן נישט פאַרנומען מיט אַ געוויסן ענין און האָבן נישט געהאַט אין אים קיין שום ידיעה, באַמערקן פּלוצים מיט דער גאַנצער פערציק-יאָריקער קלאָרקייט אָט די זאַך און זיי דאַכט זיך אויס אַז זיי זעען אין איר אַסך נייעס... איך האָב אַסך געליינט פון שעקספּירן, געטהען, פּושקינען, גאָגאָלן, מאָליערן... איך וואָלט נאָך געוואָלט לייענען סאָפאָקלען און עאוריפּידן... איך ליג אין בעט (אַ שלאָפער), און די העלדן פון די דראַמעס און קאָמעדיעס הייבן זיך אָן פאָרשטעלן פאַר מיינע אויגן אין אַלע זייערע האַנדלונגען און דאָס זייער גוט"... (אין בריוו צו פעטן פונם 14-טן און 17-טן פעברואַר 1870).

205) אַ וואַריאַנט פונם IV אַקט.

206) ווי עס זעט אויס, איז דאָס שאַפן פון אָט דער שרעקלעכער דראַמע טאָלסטאָיען אָנגעקומען נישט שווער. ער שרייבט צו י. ב. פיינערמאַן: „איך לעב מיר גוט, פריילעך. שוין פאַרענדיקט די דראַמע („דער כוח פון פינצטערניש") נאָך נישט דער-

שינען. אין דער צענזור. (יאַנואַר 1887).

(307 אין עפּילאָג — מען דאַרף באַמערקן, אַז טאָלסטאָי איז קיינמאָל נישט געווען אויף אַזויפיל נאַאיוו, ער זאָל גלויבן אין דער פאַרווירקלעכונג פון דעם אידעאַל פון נישט חתונה האָבן און פון אַבסאָלוטער צניעות דורך דער הייניטיקער מענטש-הייט. לויט זיין מיינונג, איז דעם אידעאַל נישט מעגלעך צו פאַרווירקלעכן שוין לויט זיין אייגענער דעפינאַציע; דאָס איז אַ ווענדונג צו די העראָאישע כוחות פון דער נשמה:

„דער אידעאַל פון כריסטוסן — דאָס אויפשטעלן דאָס הימלישע קעניגרייך אויף דער ערד... ווען אַלע מענטשן וועלן זיין פאַראייניגט דורך דער ליבע... אַן אידעאַל בלייבט נאָר דעמאָלט אידעאַל, ווען זיין פאַרווירקלעכונג איז מעגלעך נאָר אין געדאַנק, ווען ער שטעלט זיך פאַר דערגרייכבאַר נאָר אין דער אומענדלעכקייט און ווען די מעגלעכקייט צו דערגרייכן אים איז דערפאַר אויך אומענדלעך".

(208 אין סוף פון „אַ פרימאָרגן פון אַ גוטבאַזיצער".

(209 „מלחמה און שלום" — איך רעד נישט וועגן „אַלבערטן" (1857) — אַ דערציילונג פון אַ געניאַלן מוזיקער, די זאַך אַליין איז זייער אַ שוואַכע.

(210 זע אין „יוגנט" די הומאָריסטישע באַשרייבונג, ווי אַזוי ער האָט אָנגעווענדט אַלע כוחות אויסצולערנען זיך שפּילן אויף פּיאַנינאָ: „פאַר מיר איז די מוזיק, אָדער בעסער געזאָגט, דאָס שפּילן אויף פּיאַנינע, געווען אַ מיטל צו פאַראינטערעסירן די מיידלעך מיט מיינע געפילן".

(211 דאָ רעדט זיך פון די יאָרן 1876—1877.

(212 ס. א. בערס, „זכרונות וועגן טאָלסטאָיען".

(213 „מלחמה און שלום" באַנד II ט. I קאַפּ. XV.

(214 נאָר ער האָט זי קיינמאָל נישט אויפגעהערט ליב צו

האָבן. איינער פון די לעצטע פריינט זיינע איז געווען דער מוזיקאַנט, גאָלדענווייזער, וועלכער האָט פאַרבראַכט דעם זומער פון 1910 נישט ווייט פון יאַסנאַיאַ פאָליאַנאַ ער איז כמעט יעדן טאָג געקומען שפּילן פאַר טאָלסטאָיען, אין דער צייט פון זיין לעצטער שלאַפקייט. (Journal de Debats פונם 18=טן נאָוועמבער 1910).

215) אַ בריוו פונם 21=טן אַפּריל 1861.

216) Camille Bellaique, Tolstey et la musique (פונם פירטן יאַנואַר 1911 le gantois).

218) זאָל מען נישט אָפּענטפערן, אַז דאָ רעדט זיך אויסשליסלעך פון בעטהאָווענס לעצטע ווערק. אַפילו זיינע ערשטע ווערק, וועלכע טאָלסטאָי אָנערקענט שוין פאַר „קינסטלערישע", וואַרפט ער אויך פאָר די „געקינסטלקייט פון פאָרם" און אַ בריוו צו טשאַיקאָווסקין שטעלט ער אַנטקעגן מאָצאַרטן און היידאַנען „די אמתע קונסט פון בעטהאָווענען, שומאַנען און בערליאָזן".

220) פּאַל בואַיע גיט איבער פאָלגנדיקע סצענע: „טאָלסטאָי האָט געבעטן מען זאָל שפּילן שאָפּענען. אין סוף פון דער פירטער באַלאַדע האָבן זיך זיינע אויגן אָנגעפילט מיט טרערן — האָ, ס'אַ חיה! האָט ער אויסגעשריגן און איז פּלוצים אויפגעשטאַנען און אַרויס" Le Temps, דעם 2=טן נאָוועמבער 1902.

221) „דער באַלעבאָס און דער ארבעטר" (1895) דינט אַלס אַן איבערגאַנג פון די פריערדיקע, פינצטערע דערציילונגען צו „תחית המתים", וועלכע איז באַגאָסן מיטן ליכט פונם געטלעכן חסד. נאָר דאָך פילט זיך אין דעם ראָמאַן מער נאָענטקייט צום „טויט פון איוואַן איליטש" און צו „די פאָלקסטימלעכע מעשהלעך", ווי צו „תחית המתים", אַ נאָענטקייט וועלכע עס זאָגט פאָראויס נאָר דער סוף פון דער דערציילונג, — דאָס ביי=

געבוירען ווערן פון א פחדן און עגאאיסט אונטער דער ווירקונג פון זעלבסטאויפאָפּפערונג, א גרויסע טייל פון דער דערציילונג איז געווידמעט א זייער ריכטיקער שילדערונג פון דעם קולאַק -- דעם באַלעבאָס און דעם אונטערטעניקן אַרבעטער, וועלכע עס האָט געטראָפן א שטורם אין מיטן פעלד און זיי אַראָפּגעשלאָגן פונם פעלד. דער באַלעבאָס פרווט צודרשט אַוועקצייןאון לאָזט איבער דעם אַרבעטער אין די הענט פונם גורל, נאָר ער קערט זיך צוריק אום און געפונענדיק אים א האַלב-דערפרוירענעם, לייגט ער זיך אויף אים, דעקט אים איין מיט זיין קערפּער, אינסטינקטיוו אויפאָפּפערנדיק מיט זיך; ער ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס, נאָר זיינע אויגן פולן זיך אָן מיט טרערן: אים דאַכט זיך, אַז ער איז געוואָרן דער, וועמען ער ראַטעוועט, אַז ער איז געוואָרן ניקיטע, און אַז זיין לעבן איז שוין נישט אין אים, נאָר אין ניקיטן. — „לעבט ניקיטע, הייסט עס אַז איך לעב אויך״ ער פאַרגעסט כמעט, אַז ער איז וואַסילי, און קלערט:

„וואַסילי האָט נישט געוווסט וואָס מען דאַרף טון... ער האָט נישט געוווסט, און איך, איך ווייס איצט...״ און ער הערט דאָס קול פון דעם, אויף וועלכען ער האָט געוואַרט (דאָס דערמאָנט אין איינס פון די פאָלקס-מעשהלעך), פון דעם, וואָס האָט אים באַפוילן צו לייגן זיך אויף ניקיטען — „איך גיי!״ — שרייט ער אויס פריילעך. און ער פילט, אַז ער איז פריי און אַז גאָרנישט האַלט אים שוין נישט אָפּ... ער שטאַרבט...

224) טאָלסטאָי האָט פאַראויסגעזעען נאָך א פירטע טייל, נאָר ער האָט זי נישט אָנגעשריבן.

225) פאַרקערט, ער איז געווען סוביעקטיוו צו אַלע שיכטן, וועלכע ער האָט געשילדערט אין „מלחמה און שלום״, „אַננאַ קאַרענינאַ״, „קאָזאַקן״ און „סעוואַסטאָפּאָלשע דערציילונגען״, צו

די אַריסטאָקראַטישע סאַלאָנען, אַרמיי און צום דאָרפישן לעבן ער האָט פאַרמאָגט נאָר זײַנע אייגענע ערינערונגען.

227) „יעדער מענטש טראָגט אין זיך קערנדלעך פון אַלע מענטשלעכע אייגנשאַפטן און ווײַזט אַרויס אַמאָל די, אַמאָל יענע, אָפטמאָל איז ער אינגאַנצן נישט ענלעך אויף זיך, כאָטש ער בלײַבט אַלץ דער זעלבער און מיט זיך. בײַ אייניקע מענטשן זענען די ענדערונגען באַזונדערס שאַרף. און צו אַ זעלכע מענטשן געהער נעכליודאָוו. די ענדערונגען זענען פאָרגעקומען אין אים צוליב פיזישע און גייסטיקע סבות" (ט. I קאַפּ. XII) טאָלסטאָי, קען זײַן, האָט זיך דערמאָנט אין זײַן ברודער דימיטרי, וועלכער האָט אויך חתונה געהאַט מיט אַ פרוי אַ ענלעכע צו מאַסלאָווע. נאָר די שטאַרקע און נישט גלײַכע נאַטור פון דימיטרין איז אינגאַנצן נישט געווען ענלעך צו דער נאַטור פון נעכליודאָוון.

228) מיט נעכליודאָוון האָט זיך שוין נישט איינמאָל אין לעבן געטראָפן דאָס, וואָס ער רופט אָן אַ רייניקונג פון דער נשמה. אַ רייניקונג פון דער נשמה האָט ער גערופן אַזאַ גייסטיקן צושטאַנד, ווען פלוצים נאָך אַ לענגערע צײַט האָט ער באַמערקט אַ געוויסע פאַרשפּעטיקונג, אָדער אַן אָפּשטעל פון זײַן אינערלעכן לעבן און ער האָט זיך גענומען אָפּרייניקן דאָס גאַנצע מיסט, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן דאָרט און וואָס איז געווען די סבה פון אָט דעם אָפּשטעלן זיך. שטענדיק נאָך אַ זעלכע דערוואַכונגען האָט זיך נעכליודאָוו צונויפגעשטעלט געזעצן, לויט וועלכע ער זאָל לעבן שוין שטענדיק: ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן אַ טאָג-בוך און זיך פאַרנומען צו פירן גאָר אַ ניי לעבן, וועלכעס ער האָט געהאָפט שוין קיינמאָל נישט צו ענדערן. נאָר יעדעס מאָל האָט אים דאָס לעבן צוריק אַרײַנגעצויגן אין זײַן נעץ, און ער, נישט באַמערקנדיק דאָס, איז צו-

ריק געזונקן, אָפּטמאָל נאָך טיפער ווי פריער. (ס. I קאַפּ. XXVIII).

229) דערוויסנדיק זיך, אז מאַסלאָווע טוט נאָך ווייטער דאָס אירוקע מיט אַ פעלדשער, באַשליסט שוין נעכליודאָוו מער ענער־גישער ווי אַלעמאָל „צו אָפּפּטרן מיט זיין פרייהייט, כדי אויסצוקויפן די זינד וואָס ער האָט געטון" (ס. II קאַפּ. XXIX)

230) קיין איין העלד פון טאָלסטאָיס העלדן זענען נישט גע־שילדערט אַזוי שטאַרק און רעפלעך, ווי נעכליודאָוו אין אָנהויב ראָמאַן. לייענט איבער די פּרעכטיקע שילדערונג פון דעם אויפוואַכן אין דעם פרימאָרגן פון נעכליודאָוון פאַר דער זיצונג פונם קרייז־געריכט.

231) אין אַ בריוו פון די גרעפין טאָלסטאָי.

232) Le Temps פונם 2־טן נאָוועמבער 1902.

233) טאָלסטאָי האָט עס געהאַלטן פאַר איינס פון זיינע הויפּט־ווערק: „דער ציקל לעקטורעס" — איז איינס פון די ביכער, וועלכן מיר איז אַנגענעם צוצושרייבן אַ גרויסע ווערט". (אין אַ בריוו צו יאַן סטיק פונם 27־טן יולי 1909).

234) די ווערק זענען מערסטנטייל פאַרעפנטלעכט געוואָרן נאָכן טויט פון טאָלסטאָי־ען, אַ דאַנק דער אָנשטרענגונג פון טאָלסטאָיס טאָכטער, דער גרעפין אַלעקסאַנדרע ליעוואָנע. זיי זענען אַ גרויסע צאָל. נאָר מיר וועלן אויסרעכענען פון זיי די וויכטיקסטע „דער טאָג־בוך פון פעדאָר קוזמיטש, נאָך זיין טויט", „דער פאָ־טער סערגיי", „כאַדזשי מוראַט", „דער טייוול", „דער לעבעדי־קער מת" — אַ דראַמע אין צוועלף בילדער, „דער פאַלשער קופּאָן", אַליאָשאַ־טאָפּ", „דער טאָג־בוך פון אַ משוגענעם", דאָס ליכט שיינט אַפילו אין דער פינצטער", אַ דראַמע אין פינף אַקטן, „פון איר קומען אַלע אייגנשאַפטן", אַ קליינע פאָפּולערע פּיעסע אין אַ סעריע פון אויסגעצייכנטע נאָוועלן: „נאָכן באַל",

„וואָס איך האָב געזעצן אין חלום", „קאַנדיליאַק" און אַנדערע נאָר דאָס הויפּט־ווערק, וואָס בלייבט באַך איבער צו דרוקן, איז דער טאָג־בוך פון טאָלסטאָיען. ער נעמט אַרום פערציק יאָר פון זיין לעבן, אָנהויבנדיק פון זיין קאַווקאַזער פּעריאָד ביז כמעט אין די לעצטע יאָרן זיינע און, ווי מען גיט איבער, דרייסיק געדרוקטע בענדער. דאָס איז די אכזריותדיקסטע ודוי, וועלכע אַ גרויסער מענטש האָט ווען עס איז נישט אָנגעשריבן.

235) דאָס דערווייטערן טאָלסטאָיען פון דער קירכע דורכן היילקן סינאָד איז פאָרגעקומען דעם 22 פעברואַר 1901. די סבה דערפון איז געווען אַ קאַפּיטל פון „תחית־המתים", וועלכעס עס שילדערט געוויסע רעליגיעזע געהיימע צערעמאָניעס. ליידער איז דאָס קאַפּיטל אין דער פראַנצויזישער איבערזעצונג פון „תחית־המתים" נישט אַריין.

236) „וועגן נאַציאָנאַליזירן די ערד".

237) „אַ ריין רוסישער פון דער אַלטער מאָסקאָווער — זאָגט לערוּאַ בואַליע — אַ גרויס־רוס פון סלאַוויש בלוט, מיט אַ קליינעם צומיש פון פינעש, אויסערלעך מער ענלעך אויף אַ טיפּ פון דער מאַסע, ווי אויף איינעם פון דער אַריסטאָקראַטיע". (Revue de Deux Mondes פונם 15־טן דעצעמבער 1910).

238) 1857, טאָג־בוך, (בירוקאָוו ב. I קאַפּ. XI).

239) 1862.

240) „דער סוף פון אַ יאָרהונדערט" (1905—יאַנואַר 1906), קאַפּ. V, זע אינם אַרטיקל „וועגן דער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג אין רוסלאַנד" (1905) די טעלעגראַמע, וועלכע טאָלסטאָי האָט געשיקט אין איין אַמעריקאַנישער צייטונג: די אַגיטאַציע פון דער „זעמסטוואָ" האָט דעם ציל צו באַגרענעצן דעם דעספּאָטיזם און אויפשטעלן אַ רעפּרעזענטאַטיווע רעגירונג. צי די

פירער פון דעם אַגיטאַציע וועלן דערגרייכן זייער ציל, צי יי
וועלן נאָר אויפּעגן די מאַסע, אין ביידע פאַלן איז דער רע-
זולטאַט אַ זיבערער: דאָס דערוויטערן די אמתע סאָציאַלע
פאַרבעסערונג... די פּאָליטישע אַגיטאַציע, פּאָרטעלנדיק פאַר
איינצעלנע מענטשן די שעדלעכע אילוזיע פון סאָציאַלער פאַר-
בעסערונג דורכן ענדערן די אויסערלעכע פאָרמען, פירן אײַן,
ווי געוועבלעך, דעם אמתען פראָגרעס, ווי מען קען עס באַמערקן
אין אַלע קאָנסטיטוציאָנעלע לענדער, פראַנקרייך, ענגלאַנד און
אַמעריקע.

אין אַ לאַנגן און אינטערעסאַנטן „בריוו צו די ליבעראַלן"
וואָס ער האָט געשריבן צוליב דעם פאַרמאַכן פונם בילדונגס-
קאָמיטעט, גייט איבער טאָלסטאָי נאָך אַנדערע סבות, וועלכע
האָבן געווירקט, ער זאָל זיך באַציען צו זיי מיט אַנטיפּאַטיע:
די ליבעראַלן זענען שטענדיק באַשווינדלט פון דער רעגירונג;
אויס מורא ווערן זיי שותפים צו געוואַלדטאַטן; זייער אנטייל
אין די רייען פון דער רעגירונג גיט צו דער לעצטער אַ מאָ-
ראַלישע קראַפט; זיי געוווינען זיך צו מאַכן געשעפט מיטן
געוויסן און ווערן אַ דאַנק דעם גיך פאַרוואַנדלט אין אַ אינס-
טרומענט אין דער האַנט פון דער מאַכט. „אַלעקסאַנדער דער
II האָט געזאָגט, אַז אַלע ליבעראַלן קען מען איבערקויפן אויב
נישט מיט געלט, איז מיט כבודים" אַלעקסאַנדער דער III האָט
פאָלקאָם צעשטערט די גאַנצע ליבעראַלע טעטיקייט פון זיין
פאָטער, „די ליבעראַלן האָבן, כלומרשט, שטילערהייט געזאָגט
אַז עס געפעלט זיי נישט, נאָר דאָך האָבן זיי ווייטער אנטייל
גענומען אין די געריכטן, אין דער זעמסטווע, אין אוניווערזי-
טעט אין דינסט און אין דרוק. און דאָך האָבן זיי אויפמערק-
זאַם געמאַכט אויף דעם, אויף וואָס עס איז דערלויבט געווען
זו מאַכן אויפמערקזאַם, געשוויגן פון דעם, פון וועלכן מען

האָט געהייסן שווייגן; נאָר געדרוקט האָט מען אַלץ, וואָס נאָר מען האָט באַפוילן צו דרוקן... דאָס קומט פאָר אויך ווייטער אונטער דער רעגירונג פון ניקאָליי דעם II"... „ווען אָט דער יינגער מענטש, וועלכער פאַרשטייט נאָך גאָרנישט, ענטפערט אָט אַזוי חוצפּהדיק און אומטאַקטיש די פאָרשטייער פון פאָלק— צי האָבן די ליבעראַלן פּראָטעסטירט? ס'הייבט זיך נישט אָן! פון אַלע זייטן שיקן זיי אים צו פּחדנותדיקע און חניפהדיקע באַגריסונגען.

241) „דאָס אייגציקע וואָס איז נויטיק".

אין „תחית המתים", ווען מען באַטראַכט אין סענאַט די קאַסאַציע איבער משפט פון מאַסלאָווע, איז מער פון אַלע געגן דער איבערקוקן די זאַך אַ מאַטעריאַליסט-דאַרוויניסט (סענאַטאָר סקאַווראָדניקאָוו), ווייל אים איז נישט אַנגענעם דאָס, וואָס בעפּליודאָוו וויל חתונה האָבן מיט דעם מיידל, נאָר דערפאַר, ווייל ער פילט זיך שולדיק פאַר איר: יעדער אויסדרוק פון מאָראַלישן חוב, און נאָכמער, פון רעליגיעזן געפיל, מאַכט אויף דעם סענאַטאָר דעם איינדרוק, ווי אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג (ט. II קאַפּ. XXI).

242) זע די טיפּן וואָס ווערן אַרויסגעפירט אין „תחית המתים": באָגאָדוכאָוו, אַ רעוואָלוציאָנער פירער, וועמענס גרויסער פאַרשטאַנד איז אויסגעטרוקנט פון עגאָיזם און זוכן דעם כבוד. ער פאַרמאָגט נישט קיין שום פאַרשטעלונג „אים פעלן פאָלקאָם די מאָראַלישע און עסטעטישע אייגנשאַפטן, וועלכע רופן אַרויס צווייפלען און וואַקלעניש" (ט. III קאַפּ. XV); אין דער סוויטע פון באָגאָדוכאָוון געפינט זיך דער אַרבעטער מאַרקעל, וועלכער פאָלגט אים נאָך יעדן טריט און וועלכער איז געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער צוליב די אַלע דערנידעריגונגען, וואָס ער האָט אויסגעליטן און צוליב דעם דורשט נאָך נקמה; ער איז אַ הייסער

אָנהענגער פון דער לערע, וועלכער ער פאַרשטייט נישט, איז אַ פאַנאַטישער אַנטיקלעריקאַל און אַסקעט

אינם „געטלעכן און מענטשלעכן" געפונען מיר אויך אוני־ניקע פאַרשטייער פון דעם נייעם דור רעוואָלוציאָנערן; דאָס איז ראָמאַן און זיינע פריינט, וועלכע פאַראַכטן די פריערדיקע טעראָריסטן און גלייבן פעסט אין דער מעגלעכקייט פון צו דערגרייכן זייערע צילן אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן, פאַרזאַמלענ־דיק די ערד אַרבעטער און פּראָלעטאַריער.

243) אין אַ בריוו צום יאַפּאַנער יזאָ־אַבע אין סוף יאָר 1904.

244) טענעראָמאָ, „די לעבעדיקע ווערטער פון טאָלסטאָיען" אַרויס־געגעבן אין יאָר 1912, קאַפּ. סאָציאַליזם, זייט 83.

245) אויך דאָרט, זייט 86.

246) אין אַ שמועס מיט פּאַל בואַיע (Le Temps פונם 14־טן נאָוועמבער 1902).

247) „דער סוף פון אַ יאָרהונדערט".

248) „דאָס... וואָס די מענטשן טוען איצט, צונעמענדיק איבער ביי דעם אַנדערן די מעגלעכקייט זיך צו באַנוצן מיט דער ערד איז די שרעקלעכסטע און אַבזורדיקסטע פאַרקנעכטשאַפט. אַ פערזענלעכער קנעכט, איז אַ קנעכט נאָר פון איינעם. אַ מענטש אָבער וואָס האָט נישט די רעכט זיך צו באַנוצן מיט דער ערד — איז אַ קנעכט פון אַלעמען („דער סוף פון אַ יאָרהונ־דערט") קאַפּ. XII).

249) די לאַגע פון רוסלאַנד איז געווען, ווירקלעך אַן אויסנאַם לאַגע. מען קען עס לייכט פאַרוואַרפן טאָלסטאָיען, וואָס לויט רוסלאַנד האָט ער געמשפט וועגן אַלע איבעריקע אייראָפּעישע מלוכות; נאָר עס איז נישט וווּנדערלעך, וואָס ער איז באַזונ־דערס פיינד געווען אויף די לײדן, וועלכע האָבן אים צוטמער־

סטען אָנגעפירט. זע אין זיין „גרויסע זינד" דעם שמועס, וועלכן ער האָט געפירט מיט פויערן אויף זיין וועג קיין טולא: קיינעם סטאַיעט נישט קיין ברויט, דערפאַר ווייל קיין ערד איז נישטאָ וויפיל מען באַדאַרף, און אין דער טיף פון זייער נשמה זאָגען זיי געוועזן איבערצייגט, אַז סוף־כּל־סוף וועט די ערד איבערגיין צו זיי. די פויערן שטעלן מיט זיך פאָר אין רוסלאַנד 80% פון דעם גאַנצן פאָלק.

הונדערט מיליאָן מענטשן שטאַרבן פאַר הונגער, זאָגט טאָלסטאָי, אַ דאַנק דעם, וואָס די פריצים האָבן פאַרכאַפּט די ערד. זאָגן די פויערן, אַז די פרייהייט פון דרוק, דאָס אָפּטיילן די קירכע פון דער רעגירונג, פאָרשטייער פון פאָלק, און אפילו אַן אַכט־שעהדיקער אַרבעטס־טאָג — וועט זיי אַרויסהעלפען פון זייער אומגליק, הייסט חוצפּהדיק זיך אויסלאַכן פון זיי:

„אַט דאָס זוכן אומעטום, נאָר נישט דאָרטן ווי מען דאַרף, דאָס מיטל צו פאַרבעסערן די לאַגע פון פאָלק, דערמאָנט אין דעם, וואָס קומט פאָר אויף דער סצענע, ווען אַלע מענטשן־צו־שויער זעען גוט דעם. וואָס האָט זיך באַהאַלטן, און די אַקטיאָרן וואָלטן אים אויך באַדאַרפט זעען, נאָר זיי מאַכן זיך גלייך ווי זיי זעען אים נישט און זוכן אים אומעטום, נאָר נישט דאָרטן, וווּ מען דאַרף".

נישטאָ קיין אַנדער מיטל, ווי אָפּצוגעבן די ערד דער אַרבעטנדיקער מאַסע. און כּדי צו לעזן די דאָזיקע אַגראַר־פראַגע לייגט פאָר טאָלסטאָי די לערע פון הענרי דזשאָרדזש. דאָס איז די עקאָנאָמישע עוואַנגעליע פון טאָלסטאָיען, ער קערט זיך צו איר אום אָן אַ אויפהער און נעמט זיך אַזוי אַדורך מיט איר, אַז אין זיינע ווערק ברענגט ער גאַנצע פראַזן פון הענרי דזשאָרדזש.

250) די אָנפירער פון דער קריסטלעכער וועלט האָבן

געקלערט אַז מען קען אָננעמען די לערע פון זיך בייהילפיק זיין איינער דעם צווייטן אָן דער לערע פון נישט שטעלן זיך אַנטקעגן קיינעם, וועלכע איז, אייגנטלעך, דער שלאָס, אַזוי צו זאָגן, אין דער גאַנצער לערע פונם צוזאַמענלעבן זיך פון מענטשן. אָננעמען ערשטע אָן דער צווייטער, וואָלט געווען פונקט, ווי מען זאָל צומאַכן אַ שלאָס און נישט אַ דרוק צו טון דאָרט, וואו ער שליסט זיך צו" (דער סוף פון אַ יאָרהונדערט" קאַפּ IV).

251) אין אַ בריוו צו ק. (1900), קלאָגט זיך טאָלסטאָי אויף דער פאַלשער אויסטייטשונג דאָס געזעץ פון נישט אַנקעגנשטעלן זיך:

„אַנשטאָט דעם, וואָס מען זאָל עס פאַרשטיין אַזוי, ווי עס איז געזאָגט: שטעל זיך נישט אַנטקעגן דעם שלעכטס און געוואַלט, פאַרשטייט מען עס הייבט אַזוי: נישט גלייכגילטיק דערפּסטו בלייבן צום געוואַלט, נאָר קעמפּפן מיט אים, ווייל דאָס איז די איינציקע אויסעסלעכע אויפגאַבע פון דעם קריסטנטום".

252) „דער סוף פון אַ יאָרהונדערט".

253) טאָלסטאָי האָט געשילדערט צוויי טיפּן פון די „סעקטאַנטן": איינעם אין סוף „תחית-המתים", דעם צווייטן אינם „געטלעכן און מענטשלעכן".

254) נאָך דעם, ווי טאָלסטאָי האָט פּאַראַזיטיילט די באַוועגונג פון דער „זעמסטוואָ", האָט גאָרקי, אויסדריקנדיק די אומצופרידנהייט פון זיינע פריינט, געשריבן:

„דער מענטש איז געוואָרן אַ קנעכט פון זיין אידעע. ער האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעשיידט פונם רוסישן לעבן און הערט נישט מער דאָס קול פון רוסישן פאָלק. ער שוועבט צו הויך איבער רוסלאַנד".

255) דאָס, וואָס ער האָט זיך נישט געקענט אונטערוואַרפֿן קיין פֿאַרפֿאָלגונגען, איז געווען פֿאַר איב אַ קוואַל פֿון ליידן; ער האָט פֿאַרמאָגט דעם דורשט פֿון אַ מאַרטירער; נאָר ד' רעגירונג האָט זיך קלוג אָפּגעהיטן צו באַפֿרידיקן אים.

אַרום מיר פֿאַרפֿאָלגט מען מײַנע פֿרײַנט און מיך לאָזט מען צורו, כאָטש אויב עמעצער איז שעדלעך, איז עס איך, עס ווײַזט אויס, אַז איך בין נישט ווערט קיין פֿאַרפֿאָלגונגען, און איך שעם זיך דערײַבער" (אין אַ בריוו צו י. ב. פֿעינערמאַן (1892).

„עס ווײַזט אויס, אַז איך בין נישט דאָס ווערט, און אַזוי וועט מיר שוין אויסקומען צו שטאַרבן... און עס וועט נישט אויסקומען כאָטש מיט אַ וועלכער ס'איז נישט איז פּײַן פֿון קערפּער צו פֿאַרזיכערן דעם אמת. (אין אַ בריוו צו פֿעינערמאַן פֿונעם 16־טן מאַי 1892).

„מיר איז שווער צו זײַן אויף דער פֿרײַהייט"... (אויך אינעם 1894) דאָך איז עס גאָט באַוווּסט, אַז ער האָט גאָרנישט נישט געטון, כּדי צו פֿאַרזיכערן זיך די פֿרײַהייט, ער באַליי־דיקט די צאַרן, פֿאַלט אָן אויף דעם פֿאָטערלאַנד „דאָס איז אַ שרעקלעכער אָפּגאָט, פֿאַר וועמען די מענטשן אָפּפֿערן נישט נאָר מיט זייער לעבן, נאָר אויך מיט דער פֿרײַהייט" („דער סוף פֿון אַ יאָרהונדערט" קאַט. VIII).

256) אין אַ בריוו צו גאַנטשאַרענקאַ (יאַנואַר 1905).

257) „צו די קאַווקאַזער דוכאָבאָרן" ; (1897)

259) אין אַ בריוו צו גאַנטשאַרענקאַ פֿונעם 19־טן יאַנואַר 1905.

62) צו אַ פֿרײַנט, נאָוועמבער 1901.

263) „דער פֿאַרגלײַך איז ענלעך צו אַ קליין שפּעלטעלע אין אַ פּנעאומאַטישן גלאָק... די גאַנצע גרויס פֿון דער מאָראַל איז אין דעם, אַז מען זאָל אויסזויגן פֿון דער מענטשלעכער

נשמה, ווי פון אונטער אַ גלאָק פון אַ פּנעוומאַטישער מאַשין, די גאַנצע לופט פון זיין אייגנליבע. און דאָ פּלוצים, אין זעלבן געבאָט איז דאָ אַ שפּעלטעלע, דורך וועלכן עס גייט אַריין צוריק די גאַנצע לופט" און טאָלסטאָי פּלייסט זיך דערווייזן, אַז דער אמתער טעקסט איז געווען שלעכט אויסגעטייטשט און אַז דער צווייטער געבאָט באַדייט בוכשטעבלעך: „האָב ליב דיין חבר, ווי אים אַליין, ד. ה. ווי גאָט" (טענעראָמאָ, „די לעבעדיקע ווערטער פון טאָלסטאָיען", אַרויסגעגעבן 1912, זייט 2–3).

264) אויך דאָרט.

265) אין אַ בריוו צו אַ כינעזער פון אָקטאָבער 1906.

266) זיין מורא וועגן דעם דריקט טאָלסטאָי אויס שוין אין אַ בריוו פון 1906.

267) „איר האָט נישט געהאַט פּאַרוואָס זיך אָפּצוזאָגן פון מיליטער און פון דער פּאָליציי, ווען איר אַנערקענט פּריוואַט־אייגנטום, וואָס ווערט אונטערשטיצט נאָר דורכן מיליטער און דורך דער פּאָליציי. די וואָס דינען יאָ אין מיליטער און אין דער פּאָליציי, און אַנערקענען פּריוואַט־אייגנטום האַנדלען בעסער פון די יעניקע, וואָס זאָגן זיך אָפּ פון צו דינען אין מיליטער און אין דער פּאָליציי און אַנערקענען אויך פּריוואַט־אייגנטום" (אין אַ בריוו צו די דוכאָבאָרן פון קאַנאַדע, אין יאָר 1899).

268) ליידן אין „די לעבעדיקע ווערטער פון טאָלסטאָיען", טענעראָמאָ, די פּרעכטיקע שורות וועגן דעם יידישן פאָלק: „זייענדיק פאַרזונקען אין דעם „בוך איבער אַלע ביכער", האָט ער גאָרנישט באַמערקט, ווי איבער זיין קאָפּ זענען אַדורכגעגאַנגען יאָרהונדערטער און עס האָבן זיך אָפּגעווישט גאַנצע פעלקער פון דער ערד" (קו. פ. ציוניזם, זייט 197).

269) אויך דאָרט זייט 19 — די ציוניסטן „האָט זיך פאַר־

גלויסט צו שאפן אַ יידנשטאַט, גלויבנדיק, אַז די קראַפט פון אייראָפע איז, מכלומרשט, אין איר מלוכהשאַפט, ד. ה. אין דער קראַפט פון אירע האַרמאַטן מיט אַלע אכזריותן, וואָס באַגלייטן איר מיליטאַריזם... זיי ווילן אויפלעבן אַ זאַך, וואָס הויבט שוין אָן צו פוילן, און זיי רופן נאָך אָן אַזאַ ווילדע שטרעבונג מיטן נאָמען פּראָגרעס" (אויך דאָרט זייט 200).

270) „אַן אויפרוף צו די פּאָליטישע טוער" קאַפּ. VII 1905.

271) אין דער הוספה צו דער בראָשורע „צום אַרבעטנדיקן פאָלק", געפינט זיך „אַן אויפרוף צו דער גאַנצער מענטשהייט וועגן באַפעסטיקן די פרייהייט אויף דער ערד" — פון דער יאַפּאַנישער געזעלשאַפט אָפּצוגעבן די ערד פאַר די אַרבעטער.

272) אין אַ בריוו צו פּאָל סאַבאַטיע פון 7-טן נאָוועמבער 1906

273) אין אַ בריוו צו אַ פריינט, יוני 1892 ביז נאָוועמבער 1901.

274) „דאָס איינציקע וואָס איז נויטיק".

275) אין אַ בריוו צו אַ פריינט.

276) אויך דאָרט, ס'קען זיין, אַז דאָ רעדט זיך וועגן דער „געשיכטע פון איין דוכאָבאָר", דער טיטל פון וועלכער עס פיגורירט אין דעם רייסטר פון די נאָך נישט דערשינענע ביכער.

277) „שטעלט אייך פאָר, אַז אַלע מענטשן, וואָס האָבן אַנערקענט דעם אמת נעמען זיך צונויף אינאיינעם און באַזעצן זיך אויף אַ אינדזל. ווען דאָס זיין אַ לעבן"? אין אַ בריוו צו אַ פריינט פון מערץ 1901).

278) דעם 1-טן דעצעמבער 1910.

279) דעם 16 מאַי 1892. טאָלסטאָי האָט צוגעזען דעמאָלט די ליידן פון זיין פרוי צוליב דעם טויט פון אַ יינגל און האָט איר מיט גאָרנישט נישט געקענט טרייסטן.

180) אין אַ בריוו פון יאַנואַר 1883.

(281 איך חאַרף קיינעם נישט פאַר פאַרוואָס ער גלויבט נישט. שלעכט איז נאָר, ווען די מענטשן זאָגן ליגן און מאַכן זיך פאַר גלויביקע" און ווייטער: „זאָל אונדז גאָט אָפּהיטן פון פאַלשקייט אין ליבע, דאָס איז נאָך ערגער פון שנאה".

(282 Revue des Deux Mondes פונם 15־טער דעצעמבער 1910.

(283 אויך דאָרט.

(284 צו א פריינט, דעם 10־טן דעצעמבער 1903.

(285 „פיגארא", דעם 27־טן דעצעמבער 1910. די בריוו איז נאָכן טויט פון טאָלסטאָיען איבערגעגעבן געוואָרן דער גרעפין טאָלסטאָי דורכן איידעם, דעם גראַף אָבאָלינסקי, וועמען טאָלסטאָי האָט די בריוו געגעבן מיט עטלעכע יאָר פריער.

(286 דער אָנהייב פון די ליידן געהער צום יאָר 1881 ד. ה. צו דעם ווינטער, ווען ער האָט פאַרבראַכט אין מאָסקווע און פאַר זיינע אויגן האָט זיך געעפנט דאָס גאַנצע שרעקלעכע בילד פון דער אָרעמקייט, וואָס האָט געהערשט צווישן דעם פאָלק.

(287 אַ בריוו צו א פריינט.

(288 אין די לעצטע יאָרן און באַזונדערס אין די לעצטע חדשים געפינט זיך, זעט אויס, טאָלסטאָי אונטער דער ווירקונג פון זיין איבערגעגעבענעם פריינט ב. ג. טשערטקאָוו, וועלכער שויך פון אַ לאַנגע צייט וווינענדיק אין ענגלאַנד, האָט אָפּגעגעבן זיין גאַנץ פאַרמעגן אויף צו דרוקן און פאַרשפּרייטן די ווערק פון טאָלסטאָיען אין דעם אויסזעען, וועלכן זיי האָבן געהאַט פאַר דער צענזור. אויף טשערטקאָוון פאַלט שטאַרק אָן טאָלסטאָיס עלטערער זון, לעוו. נאָר אויב מען קען באַשולדיקן טשערטקאָוון פאַר זיין נישט פשרהדיקייט, וועט אָבער קיינעם נישט איינפאַלן צו צווייפלען אין זיין אַבסאָלוטער טרייהייט, נישט בעטענדיק אויף זיך צו רעכטפערטיקן די אכזריותדיקייט, ס'קען אפילו זיין,

די אומזיכערקייט פון אייניקע האנדלונגען מצד י. ב. טאָל־סטאָיען, אין וועלכע עס פילט זיך, אָן ספק, די ווירקונג פון טשערטקאָוון (צ. ב. די צוואה, לויט וועלכער טאָלסטאָי נעמט צו פון זיין פרוי אַלע רעכט אויף זיינע ווערק, נישט אוי שליסנדיק אפילו די פריוואטע בריוו), איז דאָך פונדעסטוועגן ערלויבט צו קלערן, אַז טשערטקאָוו האָט מעהר אָפּגעהיט דעם כבוד פון זיין חבר, ווי טאָלסטאָי אַליין.

289) אין Corespondence de l'Union pour la verite, פונם 1־טן יאַנואַר 1911 איז געווען אָפּגעדרוקט אַן אינטערעסאַנטע ידיעה פון דעם אַנטלויפן:

טאָלסטאָי איז אָפּגעפאָרן פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנא פּלוצים, דעם 10־טן נאָוועמבער 1910, אַזייגער פינף פרי, אים האָט באַגלייט דער ד"ר מאַקאָוויצקי; די טאָכטער אַלעקסאַנדרע, וועלכער טשערטקאָוו רופט טאָלסטאָיס „נאָענטע געהילפין", האָט געוווּסט דעם גאַנצן סוד פונם אַנטלויפן. אין דעם זעלבן טאָג, אַזייגער זעקס אין אָוונט, איז טאָלסטאָי אָנגעקומען קיין אָפּטין פּוסטין, איינס פון די באַרימטסטע הייליקע ערטער אין רוסלאַנד, וווּ ער איז שוין עטלעכע מאָל געווען צו מתפּלל זיין. דאָ האָט ער פאַרבראַכט די נאַכט און צומאָרגנס האָט ער אָנגעשריבן אַ לאַנג אַרטיקל וועגן טויט־שטראָף. דעם 11־טן נאָוועמבער אין אָוונט האָט זיך טאָלסטאָי געלאָזט אינם שאַמאָראָדינער מאָנאַסטיר, וווּ זיין שוועסטער מאַריע האָט געלעבט אַלס אַ מאָנאַשקע. טאָלסטאָי האָט געגעסן מיט איר צוזאַמען מיטאָג און האָט איר דערציילט, אַז ער וויל שוין די לעצטע עטלעכע יאָר פאַרברענגען אין אָפּטין, פאַרנעמענדיק זיך מיט דער גרעסטער אַרבעט, נאָר מיט איין באַדינג: מען זאָל איהם נישט נויטן צו גיין אין קלויסטער. אין שאַמאָראָדין האָט טאָלסטאָי געטעלעגראַפירט... אין שאַמאָראָדין האָט טאָלסטאָי גענעכטיקט און אויפן צווייטן טאָג האָט ער זיך געלאָזט אין אַ דערפל, וואו ער האָט געקלערט

צו דינגען אַ שטיבל, נאָכן מיטאָג האָט ער זיך ווידער געזען מיט דער שוועסטער. אַזייגער פינף איז פּלוצים געקומען צו־פאָרן די טאָכטער אַלעקסאַנדרע. זי האָט אים, אָן ספק, איבער־געגעבן אַז זיין באַהעלטעניש איז אַנטדעקט און אַז מען זוכט אים. אין דערזעלבער נאַכט זענען זיי אַוועקגעפאָרן „טאָלסטאָי, אַלעקסאַנדרע און מאַקאָוויצקי האָבן זיך געלאָזט קיין קאָזעלסק, האָבנדיק ווייזט אויס, בדעה אַוועקצופאָרן אין דרום־גובערניעס אָדער אין דער קאָלאָניע פון די דו־כאָבאָרן אויף קאַווקאַז". אינמיטן וועג, אויף דער סטאַנציע אַסטאַפּאָוואָ, איז טאָלסטאָי פאַרשלאָפט געוואָרן און האָט זיך געמוזט אַנידערלייגן. דאָ איז ער אויך געשטאָרבן.

290) טאָג־בוך פונעם 28־טן אָקטאָבער 1879. (בירוקאָוו ב. I קאַפּ XV). דאָס איז זי די פּרעכטיקע באַמערקונג אינגאַנצן:

ס'איז פאַראַן מענטשן אויף דער וועלט, שווערע, אָן פליגל זיי קריכן אַרום אונטן. צווישן זיי איז דאָ אויך שטאַרקע, ווי נאַפּאָלעאָן למשל, זיי שלאָגן זיך שוין אַדורך צווישן די מענטשן מיט שרעקלעכע טריט, מאַכן אָן א תהו ובהו, נאָר אַלץ אויף דער ערד, פאַראַן מענטשן וואָס לאָזן זיך גלייכמעסיק אָנוואַקסן פליגל, הויבן זיך פּאַמעלעך אויף און פליען, דאָס זענען ד מאָנאַכן. פאַראַן אויך גרינגע מענטשן, באַפליגלטע, וואָס הויב זיך לייכט אויף פון דער ענגשאַפט און לאָזן זיך צוריק אַראָפּ— דאָס זענען גוטע אידעאַליסטן. פאַראַן מיט גרויסע פליגל... פאַראַן מיט הימלישע פליגל, וואָס לאָזן זיך ספּעציעל אַראָפּ מחמת ליבע צו די מענטשן און לערנען זיי פליען, און ווען זיי זענען שוין מער נישט נויטיק, פליען זיי אַוועק. כריסטוס"

291) „מען קען לעבן נאָר ביז דעמאָלט, ביז וואַנען מען אי. שכור פונעם לעבן" (ודוי, 1879, קאַפּ. IV) „איצט איז זומער און אַ פּרעכטיקער זומער און איך, ווי געוועגלעך, ווער משוגע

פון לעבן... היינטיקס יאָר האָב איך לאַנג געקעמפפט, נאָר די שענקייט פון דער וועלט האָט מיר באַזיגט און איך פריי זיך מיטן לעבן" (אין א בריוו צו פעטן, יולי 1879, פ. בירוקאָוו ב. II קאַפּ. XVHI) די שורות זענען אָנגעשריבן געוואָרן אין סאַמע ברען פון רעליגיעזן איבערברוך.

292) אין זיין טאָג-בוך, דאַטירט פון אָקטאָבער 1865; „דער געדאַנק וועגן טויט"... „איך וויל און האָב ליב די אומשטערב-לעכקייט".

293) „איך האָב זיך אינגאַנצן אָנגעצונדן מיט דעם פאַרבי-טערטן כעס, וועלכן איך האָב אפילו ליב געהאַט און געזוען אונטערצוהאלטן יעדעס מאָל, ווען ער איז נאָר אָנגעקומען, ווייל ער האָט געווירקט אויף מיר באַרויקנדיק און שענקט מיר כאָטש אויף א קליינער ווײַלע אַן אויפערגעוועגלעכע ווייכקייט, ענער-גיע און קראַפט פון אַלע מיינע פיזישע און מאָראַלישע פעי-קייטן" („לוצערן", 1857).

294) דאָס זעקסטע קאַפּיטל פון „גאָטס קעניגרייך צווישן אונדז" וועלכעס איז געווידמעט דעם שלום-קאָנגרעס פון 1891, איז א שאַרפע סאַטירע אויף די פּאַציפיסטן, וואָס גלויבן אין א אַר-ביטראַזש צווישן די פעלקער: „אויב עס איז מעגלעך צו שיטן זאַלץ אויפן עק פון א פויגל, הייסט עס, אז דער פויגל קען נישט פליען און עס איז נישטאָ, אַזוי ארום, וואָס צו כאַפּן... די געלערנטע יוריסטן אָפּנאַרנדיק זיך און אַנדערע, פאַרזיכערן אין זייערע ביכער, אַז די רעגירונגען וועלן מסכים זיין זיך אויפצוגלייכן דורך אַן אַרביטראַזש און וועלן דעריבער צעלאָזן דאָס מיליטער... און די רעגירונגען מאַכן, פאַרשטענדלעך דעם אָנשטעל, אַז זיי שטיצן דאָס אונטער, זיי וויסן גאַנץ גוט, אַז די שמועסן וועגן שלום, וועט זיי גאָרנישט שטערן... אוועקצו-שיקן, ווען זיי וועט זיך נאָר פאַרגלוסטן, אין שעכט-הויז מיל-

יאָגעון מענטשן".

295) די נאַטור איז שטענדיק געווען, ווי טאָלסטאָי פלעגט זיך ליב האָבן אויסצודריקן זיין „בעסטער פריינט" „אַ פריינט — איז גוט; נאָר ער שטאַרבט, אָדער ער גייט סתם אַוועק פון דיר, ווערסט אים נישט נאָכיאָגן; נאָר די נאַטור, מיט וועלכער דו האָסט חתונה געהאַט דורך אַ שטר-קנין, אָדער וועלכע דו האָסט באַקומען בירושה איז נאָך בעסער. אמת, זי איז קאַלט, שווייגנדיק, ערגסט און פאָדערט. דערפאַר אָבער איז זי אַזאַ פריינט, וועלכן דו ווערסט שוין נישט פאַרלירן ביז אין טויט, און אפילו אַז דו וועסט שטאַרבן, וועסטו זיך אויך אומקערן צו איר" (אין אַ בריוו צו פעטן פונם 19-טן מאַי 1861).

ער האָט אנטייל גענומען אינם לעבן פון דער נאַטור, יעדן פרילינג ווי פון ס'ניי געבוירן געוואָרן; („מערץ און אַפּריל זענען מיינע בעסטע אַרבעט-חדשים" אין אַ בריוו צו פעטן פונם 23-טן מערץ 1877) — און געפילט זיך שוואַכער אין סוף פרילינג. („פאַר מיר איז איצט אַלץ ווי אָפּגעשטאָרבן, איך קלער נישט גאָרנישט און שרייב נישט און פיל זיך אָנגעטעם נאַריש" (אין אַ בריוו צו פעטן פונם 21-טן אָקטאָבער 1869).

נאָר די נאַטור, וועלכע האָט אַזוי געריידט צו טאָלסטאָיס נשמה, איז געווען נאָר די היימישע נאַטור פון יאַסנאַיאַ פאָליאַנאַ, כאָטש די באַמערקונגען זיינע וועגן דער זשענעווער אָזערע, וועלכע ער האָט געמאַכט אין משך פון זיין רייזע איבער שווייצאַריען, באַוונדערס די באַמערקונגען וועגן די געגנטן פון קלאַראַן, ווו עס האָט אים געצויגן די עראינערונגען וועגן רוססאָ, זענען זייער שען דאָך האָט ער זיך געפילט ווי אַ פרעמדער אין שויס פון דער שווייצארישער נאַטור. און דער בונד מיט דער היים האָט אים אויסגעזעען דעמאָלט נאָך מער ענגער און אנגענעמער: „איך האָב ליב, ווען פון אַלע זייטן רינגלט מיר

אַרום אַ הייפע לופט, וועלכע קנוילארטיק הויבט זיך אויף אַלץ העכער און ווערט פאַרשווונדן אין דער אומענדלעכער ווייטקייט, ווען די זעלבע זאַפטיקע גראָזן, וועלכע איך צעדריק, זיצנדיק אויף זיי, שאַפן די גרינ קייט פון די אומענדלעכע פעלדער, ווען די זעלבע בלעטער, וועלכע, באַוועגנדיק זיך פונם ווינט, מאַכן דורכלויפן דורך מיין פנים די טונקעלע שאָטנס, שאַפן די בלאָ־לעכקייט פונם ווייטן וואַלד, ווען די זעלבע לופט, מיט וועלכע איך אָטעם די שאַפט די טיפע בלאָקייט פונם אומענדליכן הימל, ווען נישט איך אַליין פרייט זיך מיט דער נאַטור, נאָר אַרום אייך זשומען און דרייען זיך מיריאַדן פליגעלעך און... אומעטום אַרום אייך גיסן זיך די געזאַנגען פון די פייגל. און דאָס איז אַ הוילער קאַלטער, לײדיקער און גרויער פלאַץ, און נאָר ווו־נישט־ווו זעט זיך עפעס שיינס, עפעס אַזוינס, וואָס איז איבער־געצויגן מיט אַ נעפל פון ווייטקייט. נאָר דער עפעס איז אַזוי ווייט, אַז איך פיל נישט די עיקרדיקע פרייד פון דער נאַטור; איך פיל מיר נישט אַלס אַ טייל פון אָט דער אומענדלרכער און פרעכטיקער ווייט. איך האָב נישט קיין געמיינזאַמעס מיט איר (מאַי 1857 פ. בירוקאָוו ב. I קאַפּ. XI).

296) „שמועסן מיט פ. בואַיע. (Le Temps פונם 28־טן אויגוסט 1901) דאָ קאָן מען ווירקלעך אָפּט אַ טעות האָבן. זאָל מען נעמען כאָטש די ודוי פון דער שטאַרבנדיקער יולי: „אין דעם, אין וועלכן מיר איז געווען אוממעגלעך צו גלויבן, האָב איך דאָך נישט געקענט זאָגן אַז איך גלויב, נאָר אויב איך האָב גע־זאָגט, אַז איך גלויב אין עפעס, האָב איך ווירקלעך געגלויבט. דאָס איז איבגאַנצן, וואָס איז געווען אָפּהענגיק פון מיר". פאַר־גלייכט דאָס מיט דעם ענטפער וואָס טאָלסטאָי האָט געגעבן דעם סינאָד:

„צי מיין גלויבן באַליידיקט עמעצן, ערגערט, פאַרפירט,

שטערט, געפעלט נישט, אָדער ניין, סיי ווי סאַרפּאַלן — דאָס איז מיין גלויבן. איך קען אים שוין פּונקט אַזוי ענדערן, ווי איך קען ענדערן מיין קערפּער.... איך קען שוין בשום אופן נישט גלויבן אַנדערש, ווי איך גלויב איצט, גרייטנדיק זיך גיין צו דעם גאָט, פון וועלכן איך בין געקומען".

אָדער דאָס אָרט פונם ענטפער קריסטאָפן דע באָמאָן (אַ פּאַריזער אַרכיעפּיסקאָפּ, וועלכער האָט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל איבער עמיל, און האָט אַרויסגערופן דערמיט דעם דערמאָנטן ענטפער פון רוססאָ), וועלכעס זעט אויס ריין טאָלסטאָיש:

„איך בין דער תלמיד פון כריסטוסן, מיין לערער האָט מיר געזאָגט, אַז ווער עס ליבט זיין ברודער, דער האָט שוין דערפילט זיין חוב".

אָדער נאָך: „די גאַנצע תפלה צו גאָט אַנטהאַלט זיך אין די ווערטער: זאָל זיין דיין ווילן!" (דער דריטער בריוו פון די בערג) פאַרגלייכט עס מיט די ווערטער פון טאָלסטאָ׳ען: „אַלע תפלות, וועלכע איך האָב אויסגעקלערט, פאַרבייט איך מיט דער איינציקער תפלה: טאַטע אונזערער. אַלץ, וואָס איך קען נאָר בעטן ביי גאָט דריקט זיך אויס צומבעסטן און שענסטן טאַקע אין זיינע ווערטער: זאָל זיין דיין ווילן אויפן הימל און אויף דער ערד!" (טאָג-בוך, געשריבן אויף קאַווקאַז, 1852—53 ביריוקאָוו, ב. I קאַפּ. VIII).

די ענלעכקייט פון געדאַנקען אויפן געביט פון קונסט איז נישט קלענער, ווי אויפן געביט פון רעליגיע: „דאָס ערשטע געזעץ פון דער שרייב-קונסט, זאָגט רוססאָ, איז צו רעדן קלאָר און פּינקטלעך אויסדריקן דעם געדאַנק".

און טאָאָלסטאָי: „לערנט די מענטשן... וואָס איר ווילט, נאָר טוט עס אַזוי, אַז יעדער וואָרט זאָל זיין פאַרשטענדלעך פאַר אַלעמען... מיט אַ פאָלקאָם פאַרשטענדלעכער און פּשוטער

שפּראַך, קען מען קיין שלעכטס נישט אָנשרייבן" (בּיריוקאָוו ב. II קאַפּ. VII). אויך אַ צווייט אָרט האָב איך שוין אָנגעוויזן, אַז די סאַטירישע שילדערונג פון דער פּאַריזער אָפּערע אין „די נייע עלאָיזע" האָט אַ סך געמיינזאַמע מיט דער קריטיק פון טאָלסטאָיען אין „וואָס איז אַזעלכעס איז קונסט".

297) טאָג-בּוך, דעם 6-טן יאַנואַר 1903 (אַריינפיר פון לעוו ניקאָלאַיעוויטש, בּירוקאָוו ב. I).

298) פּערטער שפּאַציר.

299) אין אַ בּריוו צו בּיריוקאָוון.

300) „סעוואַסטאָפּאָל אין מאַי 1855".

301) „דעם אמת זאָגנדיק... איז דאָס איינציקע, וואָס איז מיר איבערגעבליבן פון מיין מאָראַלישער וועלט... און דאָס איינציקע וועל איך טאָקע זעען טון"... (אין אַ בּריוו צו פעטן פון 17-טן אָקטאָבּער 1860).

302) אויך דאָרט.

303) „איך קלער און איך ווייס, ווייל איך האָב עס דורכגעפילט, בּאַזונדערס אין דער קינדהייט, אַז די ליבּע איז דער נאַטירלעכער צושטאַנד פון דער נשמה, אָדער בּעסער געזאָגט, די נאַטירלעכע בּאַציאונג צו מענטשן." (טאָג-בּוך, פון דער צייט ווען ער איז געווען אַ שילער אין קאַזאַן. (בּיריוקאָוו ב. I קאַפּ. VI).

304) „דער אמת אַנטפּלעקט זיך נאָר דער? ליבּע" (ודוי XIII). „און איך, וואָס גיב אָפּ דעם אמת פּלאַץ נאָר אין דער פּעראייניקונג פון ליבּע" (אויך דאָרט XV).

305) „איר זאָגט — ענערגיע. די ענערגיע שפּאַרט זיך אָן נאָר אויף דער ליבּע, זאָגט אַננאַ. און די ליבּע איז נישטאָ ווו צו נעמען, בּאַפעלן קען מען נישט" (אַננאַ קאַרענינאַ" ט. VII קאַפּ. X).

306) דער קרייז פון שיינקייט און אמת, צוליב וועלכן עס לוינט זיך צו לעבן" („מלחמה און שלום" ט. I קאַפּ. XIX).

307) „איך גלויב אין גאָט, וועלכן איך פאַרשטיי... ווי די ריינע ליבע" (אין ענטפער דעם סינאָד פון 1901).

„יאָ, ליבע... נאָר די ליבע, וועלכע איך האָב געפילט צום ערשטן מאָל, ווען שטאַרבנדיק, איך האָב דערזעען מיין פיינט און דאָך האָב איך אים ליב באַקומען. איך האָב דערפילט דאָס געפיל פון ליבע, וועלכעס איז דער מהות פון דער נשמה... ליב האָבן ווי די פריינט, אַזוי די פיינט. אַלץ ליב האבן — ליב האָבן גאָט און אַלע זיינע אנטפּלעקונגען. נאָר אַ מענטשן, וואָס איז טייער, קען מען ליב האָבן מיט אַ מענטש־לעכער ליבע, אַ פיינט אָבער, נאָר מיט אַ געטלעכער" (די גע־דאַנקען פון דעם שטאַרבנדיקן קניאַז אַנדריי, מלחמה און שלום ב. III, ט. III, קאַפּ XXXII).

308) „דאָס האַרץ פון דער קונסט איז די ליידנשאַפטלעכע ליבע פונם קינסטלער צו זיין זאַך... אָן ל[illegible]נ צו דער זאַך... איז נישטאָ קיין קונסט־ווערק" (אין אַ בריוו צו ב. א. גאַלצעוו פון סעפּטעמבער 1889).

309) איך שרייב ביכער און דערפאַר ווייס איך דעם גאַנצן שאָדן, וואָס זיי ברענגען" (אין אַ בריוו צו ווערינגען פונם 21־טן נאָוועמבער 1895).

310) זע אין „אַ פרימאָרגן פון אַ גוטסבאַזיצער" אָדער אין „ודוי" דאָס שטאַרק אידעאַליזירטע בילד פון די פּשוטע, גוטע, צופרידענע מיטן גורל און רויקע מענטשן, וואָס ווייסן דעם זין פון לעבן, אָדער אין דער צווייטער טייל פון „תחית־המתים" אָט דאָס זעען „אַ נייע און אַנדערע וועלט", וואָס אַנטפּלעקט זיך נעכליודאָוון, ווען ער באַגעגנט זיך מיט די אַרבעטער, וועלכע קערן זיך אום פון זייער טאָג־אַרבעט.

(311 „דאָס לעבן לויט כריסטוסעס לערע, איז אַ באַוועגונג, וואָס פירט צו געטלעכער פאַרפאָלקאָמונג. קיין שום צושטאַנד קען דאַריבער נישט זיין העכער אָדער נידריקער פונם אַנדערן; יעדער צושטאַנד איז אַן און פאַר זיך נישט מער ווי אַ געוויסע מדרגה צו דער אומדערגרייכבאַרער פאַרפאָלקאָמונג. פאַרגרעסערן דאָס לעבן, הייסט נאָר פאַרשנעלערן די באַוועגונג צו דער פאַרפאָלקאָמונג. און דערפאַר איז די שטרעבונג צו פאַרפאָלקאָמונג פון אַ זונה, אָדער פון אַ מערדער אויף דער תליה אַ סך אַ גרעסערע מדרגה, ווי די אומבאַוועגלעכע גערעכטיקייט פון אַ פאַריטייי" („גאָטס קעניגרייך אין אונדז).

(312 פון װעלכער „איך האָב אַ טייל אַליין געזעען", שרייבט טאָלסטאָי, „אַ טייל געהערט פון אַזעלכע, וואָס האָבן געזעען און אַ טייל זיך אַליין פאָרגעשטעלט".

(313 זע זייט 50–51.

(314 אַקט V, בילד 1.

(315 אַקט III בילד 2.

(316 אַט די געזונטקייט פון גייסט זעט מען אַרויס פון דעם וואָס טשערטקאָוו און די דאָקטוירים גיבן איבער פון זיין לעצטער שלאַפקייט. כמעט ביז אין דער לעצטער מינוט האָט ער נישט אויפגעהערט טאָג־טעגלעך צו שרייבן זיין טאָג־בוך.

אינהאלט:

דאָס ליכט וואָס איז נאָר־וואָס פאַרלאָשן געוואָרן
די געשיכטע פון מיין קינדהייט
קאווקאזער דערציילונגען
די קאָזאַקן
סעוואַסטאָפּאָלער דערציילונגען
דריי טויטן
דאָס פאַמיליען גליק
מלחמה און שלום
אַננאַ קארעניניאַ
די „ודוי" און דער רעליגיעזער איבערבּרוך
דער סאָציאַלער איבערבּרוך: „וואָס דאַרפן מיר טון?
די קריטיק פון דער קונסט
די פּאָפּולערע דערציילונגען
דער כוח פון פינצטערניש
דער טויט פון איוואַן איליטש
קרייצער סאָנאַטע
תחית־המתים
די סאָציאַלע אנשויאונגען פון טאָלסטאָיען
די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן
די קריג איז פאַרענדיקט.

הוספה

די ווערק פון טאָלסטאָיען, וואָס זענען דערשינען נאָך זיין טויט.